STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05611

IKH NEY UN NEY

William Abrams

Permanent preservation of this book was made possible
by James Morgenstern
in honor of
Nathan Leonard & Mary Lou Morgenstern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איך ניי און ניי

פון וויליאם איבראמס

צייכענונגען:
י. זעלדין

אַרויסגעגעבן פון
בעדיטשעווער ברענטש 4
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

Copyright, 1936
BY
WILLIAM ABRAMS

געדרוקט אין דער פּראָמפּט פּרעס, 41-39 איסט 12טע גאַס, ניו יאָרק.
זעצער : י. בוראַקאָוו • • האַנט-זעצער : ד. סעלצער
209

(ערשטער קאַפּיטל)

אַ פּאַטש

1.

ווען קערנער איז אַריינגעקומען אין שאַפּ, זיינען שוין דאָרט געווען עטלעכע מענטשן. אַבע פּראַצענטניק האָט זיך שוין געפּאָרעט באַ די ציינדלעך פון זיין מאַשין. ער האָט געפּאָרכעט מיט דער נאָז און געפּרייכט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם שרויפּנציער, און מיט דער צווייטער האָט ער אָנגעשטעלט דאָס עלעקטרישע לעמפּל, — מיטן גרינעם פּאָרצעלייענעם היטעלע און ווייסן אונטערשלאַק, — גלייך אין איינגעווייד פון דער מאַשין. מען האָט געזען, עפּעס קומט אים אָן שווער; ער וויל עס מאַכן וואָס שנעלער: אָט איז שוין צוואַנציק נאָך זיבן און עפּעס איז נאָך אַלץ זיין מאַשין ניט מיט אַלעמען. אין שאַפּ פּלעגט מען זאָגן: טאָמער וועט אַבע'ן אויסקומען צו אוילן די מאַשין אַפּן באַלעבאָס'עס צייט, וועט ער זיך כאָלילע דאָס לעבן נעמען.

אַזוי פיל האָט שוין קערנער אויך געוואוסט, כאָטש ער איז נאָך געווען אַ „גרינער" אין שאַפּ. קערנער האָט זיך אָוועקגעזעצט באַ זיין מאַשין, די דריטע פון אַבע'ס, אין דער זעלביקער ריי, און אַריינגעקוקט אין אַ פרימאָרגן־צייטונג. אַבע האָט פון דער זייט געוואָרפן אַ קרומען בליק און עפּעס אַ בורטשע געטאָן. דער אונטערפּרעסער העדי, אַ יונג מיט ברייטע פּלייצעס און ברייטע באַקן־ביינער, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט אַ וואָרף געטאָן זיינע האָר איבערן קאָפּ, און דרייסט, ווי עס פליט דער נאָדל־שטאַנג אין פולער קראַפט אַרויף־און־אַראָפּ, האָט ער אַ שליידער געטאָן:

— פראַצענטניק, וואָס בורטשעסטו?

קערנער האָט אַ לייכטן דריי געטאָן זיין בלאָנדן קאָפּ און געזען: באַ אַבע׳ן האָט דער שפּיץ נאָז אַנגעהויבן צוקן, די וויעס זיינען געבליבן שטאַר און זיינע גלע אויגן זיינע ארומגעלאָפן הילפלאָזע און האָבן צוריק זייער אָרט ניט געקאָנט געפינען. קערנער האָט אַ שמייכל געטאָן. זיין אויג האָט אַ צוק געטאָן צום אונטערפּרעסער; הערי האָט גע־שמייכלט און צוריקגעוואונקען. כאָטש נאָך איינגאַנצן קימאַט אומ־באַקאַנטע, האָבן זיי דערפילט: זיי זיינען — אייגענע.

:: :: ::

אין די פּאָר וואָכן, וואָס קערנער האָט געאַרבעט דאָ אין שאָפּ, האָט ער זיך געוווּנג אַנגעזען. די צוויי פּרואָוו־וואָכן זיינען אַריבער און דאָס האָט געהייסן: ער האָט דעם דזשאָב. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסעלע פרייער. שוין אין די ערשטע טעג, וואָס ער איז אַהין אַרויפגעקומען, איז אים איינגעפאַלן: מען דאַרף דאָ אַ ביסעלע „פּאַרע". אין לויף פון די פּאָר וואָכן האָט ער געזען, ווי דער באַלעבאָס, — אַ דאַרער, שוואַרצער, זשוואַווער איד, וועלכער איז אויך דער הויפּט־פּאַרמאַן, — האָט איינמאָל באַ אַ מיידל איבערגעריסן דעם באַוול פון דער מאַשין; אַ צווייט מאָל האָט ער זיך מיט אַזעלכע זילזולים צעשריען אַף אַ מיידל, אַז זי האָט זיך צעוויינט. איינמאָל האָט ער אַפילע געפּרוווט שרייען אַפן אונטערפּרעסער, אַף הערי׳ן, אָבער הערי׳ס ווירדיקע האַלטונג און דער קוק זיינער האָבן געגעבן צו פאַרשטיין: וועסט דאָ קיין נאָכעם ניט קליבן. דער באַלעבאָס האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן.

נאָך אַזאַ פּאַסירונג האָט קערנער געפילט: עס שטעכן אים דינע שפּילקעלעך אין נאַקן. זיין פּאָנים ווערט אַנגעגאָסן, אַנגעצונדן. נאָך אין קאָפּ האָבן אַלץ געקלאַפּט די ווערטער: — „ליג איינגעלייגט, ביז וואָס ווען..." און די אויגן פאַרגראָבט ער נאָך טיפער אין מאַשין, זאָל מען בעאיים מאיסע זיין פּאָנים ניט זען. ווארים ווער מען זען, וועט מען באַלד אָפּטראָגן אַ מעסירעלע דעם באַלעבאָס און דאָס וואָלט געהייסן: ווידעראַמאָל כאַדאָשים־לאַנג ארומגיין אָן אַרבעט.

היינט אינדערפרי איז שוין קערנער געווען בא זיך א שטיקל טאקיף. שוין דער דריטער טאג אין דער דריטער וואך אריין. פריער וואלט אפילו דער ספריטנער הערי ניט איינגעשטעלט קערנער'ס דזשאב מיט אזא פאר־אריין אבע'ן. ווייל פאר אבע'ן האט מען זיך געדארפט היטן. געשמועסט האט מען אף אבע'ן א סאך זאכן, נאר איין זאך האט מען געוואוסט אף זיכער: אבע ליִט אוים געלט אף פראצענט. דא אין שאפ זיינען געווען א סאך ארבעטער, וואס האבן בא אבע'ן „געבאפט "א האלוואע. א דאנק דעם געלט, וואס ער האט געליען, האט ער זיך דערווארבן „פריינט" אין שאפ און מיט זייער הילף האט ער געדרייט דאס רעדל. די „פריינט" אבע'ס פלעגן אים צוזווינטשן באם אפצאלן א כוויו:

— נא, קרענק אוים מיין בלוט.

— ווארג זיך מיט מיינע ארעמע פאר גראשן.

דאס פלעגט מען אבע'ן צוזווינטשן ניט הויך אפן קאל, נאר בא זיך אין הארצן, פאר די פראצענטן, וואס ער פלעגט נעמען אף זיינע האלוואעס. נאך האט מען געשמועסט: פון די פראצענטן — סיי אין שאפ, סיי אויסערן שאפ — האט אבע זיך אפגעשפארט היבשע עטלעכע הייזער אין בראנזוויל. געזאגט האט מען, אז א פאר הייזער האט ער טאקע בעשוטפעס מיטן באלעבאס.

אבע האט געדרייט דאס רעדל אין שאפ. ער פלעגט דאך, דוכט זיך, בלויז זיצן בא זיין מאשין און ארבעטן, און פונדעסטוועגן — אז ס'איז געקומען צו באשטימען א טשערמאן פארן שאפ, פלעגט אבע א בורטשע טאן הינטער ארום, צו איינעם, צו א צווייטן, און עס איז באשטימט:

— דייווקע וועט זיין טשערמאן.

דער גאנצער איכעס דייווקע'ס איז באשטאנען אין זיינע יאראאים. אמאל, זאגט מען, האט ער זיי באנוצט צו שלאגן סקעבס; נאר איצט באנוצט ער זיי אף צו שלאגן לינקע. זינט די לינקע האבן זיך באוויזן אין דער יוניאן, קאן מען פאר אנברעכן זיי די ביינער מאכן א זייטיקע פאר דאלער. דייווקע איז, וואס מען רופט, א „שטארקער". פאר אבע'ן האלט ער שטאל־און־אייזן, ווייל, ערשטנס, קען דייווקע אבע'ן ניט פון דאנען, נאר פון שאמשע'ס שענק; דאס באשאפט שוין א ברודער־

שאפט צווישן זיי ביידן. צווייטנס, האָט אבע אים אריינגענומען אין די הענט אריין. ער וויל פון אים מאכן א לייט:

— וויפיל איז דער שיר, דייווקע? א פּאָר יאָדאאים האָסטו? א באַלמעלאָכע ביסטו? איז מאַך א פּאָר דאָלער און ווער א מענטש.

בעאיים־מאיסע, בעאיים אבע האָט אזוי גערעדט, צווישן קאָרט און קאָרט, בא שאמשע׳ן אין שענקל, האָט מען געזען שאמשע׳ן א מאַך טאָן מיט די ליפּן, א כאָרבל טאָן מיטן האלז, ביז עס זיינען ערגעץ געבליבן הענגען אין דער לופטן עטלעכע אויסגעגאָרגלטע ווערטער:

— אבע, צום וויפלטן מאָל פירסטו דיין פלימעניטשקע צום באַלייגנס?

דייווקע האָט זיין כויטעם צעעפנט ברייט, ברייט, א דריי געטאָן מיט זיין צווייאיקער מאָרדע, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געוואוסט וואָס. קעגן שאמשע׳ן וועט ער דאָך זיינע הענט ניט נוצן. עס האָט אים געקרענקט — האָט ער אָבער ווידער צוגעלייגט אַן אויער צו אבע׳ס רייד. און אבע׳ן איז געגאנגען אין לעבן כאסענע צו מאכן זיין פלימעניצע: אזוי, א מויד, קיין מאַמען האָט זי ניט, שלעפּט זיך ארום, און מענטשן ריידן.

— וואָס רעדט מען, אבע?

— כ׳וויים? — מענטשן האָבן צינגער, רעדט מען.

ס׳האָט שוין באלד געהאלטן דערביי, אז מוישע טיפּעש זאָל ווערן א כאָסן פאר איר. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט א בוידעם. מוישע אליין איז שוין א באָכער, קיין איענהאָרע, קאָרעוו צו די פערציקער; סיי זיין צעקאָרבעטער פּאָנים, סיי זיינע אויסגעפּוקעטע וואסער־אויגעלעך און סיי זיין „באַלעבאַטישער״ פליך האָבן אים געמאסערט זיינע יאָרן. ער האָט אָבער אלץ געוואָלט א בסולע, אז ניט — וויל ער ניט. און אזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעפונען, אז זיין פריינט אבע „פירט אים אין באָד אריין״, האָט ער אבע׳ן געזאָגט:

— אבע, לאָי מיט אַן אלעף! איך וויל ניט דיין פלימעניטשקע. מיר פארקויפט מען ניט קיין „סעקאָנד־הענדיקע גודס״.

זיין גאַנץ לעבן האָט מוישע טיפּעש אָפּגעטרוימט וועגן א בסולע. און דאָ גאָר: מעג טאָקע אבע זיין זיין בעסטער פריינט, אָבער זיין

פלימעניצע וויל ער ניט. דייוועק׳ן, ווידער, האָט דער איניען ניט געאַרט. באַ אים, אַדראַבע:

— וואָסי, — שטורכעט אים אבע אונטער, — פאַראַן ווינציק יאָלדן, וואָס נעמען די קאַפּאַרע נאָך איר? אַ מויד מיט אַזאַ אַפּויטיקע!

— ׳עסטאָך ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך...

פונזיינעטוועגן, פון דייוועק׳ס, האָט מען אפילע שוין געמעגט שטעלן די כופּע. און דערמיט אַליין איז דייוועק געוואָרן נאָכמער כאָשעוו באַ אבע׳ן אין די אויגן:

— דער יונג ווערט אַ ליט, — האָט אבע געזאָגט דעם באַלעבאָס.

און דער באַלעבאָס האָט דאָס גאָר נויטיק געדאַרפט וויסן. וואָרים קעדיי צו ווערן טשערמאַן אין שאָפּ, מוז מען דאָ פריער האָבן די האַסקאָמע פונעם באַלעבאָס, דערנאָך אַ צושטימונג פון דער „יוניע״. געשמועסט האָט מען, אַז אויך די „יוניע״ איז אַ שטיקל שוטעף צו אבע׳ס הייזקעס. וואָרים געערט האָט דער אוילעם אין שאָפּ אבע׳ן זאָגן:

— אַ יונג איז ער ניט קיין נאַרישער.

באַצויגן האָט זיך דאָס אָפּן יוניאָן־פּאָרטרעטער ברודער שאַץ, אָדער ווי די אַרבעטער האָבן אים גערופן, „די יוניע״. שאַץ, אַ מאַן מיט רויטע בעקעלעך, מיט גלאַנציקע, ברוינע אויגן, מיט אַ קורצן שטערן און אַ גאָלדן קייטעלע אויף דעם רונדן בייכל, באַווייזט זיך אין שאָפּ פּלוצלונג, ווען קיינער דערוואַרט אים ניט. ער טוט אַ שמעק באַם באָס אין אָפיס, באַ אבע׳ס מאַשין, מאַרשירט פאַרביי די פּרעס־טישן און פאַרשווינדט, פונקט אַזוי פּלוצלונג, ווי ער האָט זיך באַוויזן. דאָס מאָל האָט ער זיך עפּעס לענגער ווי אַלע מאָל אויפגעהאַלטן אין שאָפּ און זיך געשושקעט מיט אבע׳ן. אבע האָט אים געזאָגט:

— דייוועק ווערט אַ ליט. ער׳ט זיין אַ גוטער טשערמאַן.

„די יוניע״ האָט צוגעשטימט און דייוועק איז געוואָרן ביידע זאַכן: טשערמאַן אין שאָפּ, און שפּעטער — אבע פּראָצענטניק׳ס „איידעם״. דעריבער האָבן אים די אַרבעטער אין שאָפּ, נאָך לאַנג איידער ער האָט כאַסענע געהאַט, גערופן:

— דייוועק דער איידעם.

:: :: ::

די לאַנגע רייען מאַשינעס, וואָס זיינען אָט־ערשט געווען איינזאַם, האָבן זיך צעהוידעט מיט אַן אימפּעטיקן זשוויגען. די פּאָרע האָט זיך מיט אַ סוויסטש געריסן פון די פּרעס־מאַשינעס און די פּרעסער האָבן זיך שוין — אָט איינער, אָט אַ צווייטער — געהוידעט מיט איין פוס אפן טרעטער. באַ הערי׳ן אין איין האַנט האָט זיך געגליטשט אַ גרויסער שוואָם איבער דער לינקער זייט פון אַ ראָק, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געפירט אַ הייסן פּרעס־אייזן איבער אַ נאָט.

ס׳איז קערנער׳ן געוואָרן פריילעך פונעם געזשום פון מאָטאָרן, מאַשינעס און פון דעם אומריטמישן קנייטשן זיך פון שניידערשע רוקנס. ער האָט געוואָרפן אַ בליק איבערן שאַפּ — דזשאַסלין איז שוין געזעסן באַ זיין מאַשין און מיט פלינקע פינגער געפירט דעם זוים פון אַ רעקל צווישן צוויי ציינדלעך און מאַשין־פיסל. אַ גאַלדענער באַלמעלאָכע, — האָט קערנער אין זיך צופרידן געשמייכלט, — אַן אומרואיקער אַזאַ. דעם גאַנצן אומרו זיינעם גיסט ער אַריין אין דער אַרבעט.

— קערנער, וועסט אויפהערן ריידן צו זיך אַליין? מ׳עט דאָך דיך פאַרשפּאַרן אין אַ מעשוגאָאים־הויז.

— נו? כ׳האָב דען עפּעס געזאָגט?

— וואָס דען, האָסט גערעדט?

אין אַן אויגנבליק איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט געטראַכט אַ ביסעלע צו־הויך. סילוויע, באַ דער מאַשין קעגנאיבער, האָט אים געוואָרנט:

— ווילסט ריידן צו אַ קלוגן מענטשן, רייד צו מיר. וואָס דאַרפסטו ריידן צו זיך?...

סילוויע׳ן האָט ער שוין געקענט שיינע עטלעכע יאָר. ער האָט מיט איר געאַרבעט אין אַנדערע שעפּער און געטראָפן זי אין זיינע קרייזן. אַהער איז זי אַרויף אַרבעטן אַרום אַ האַלב יאָר פריער פאַר קערנער׳ן (די גאַנצע זעקס כאַדאָשים האָט זיך טאַקע קערנער אַרומ־געדרייט ליידיק). זי האָט מיט פאַרשידענע מאַנעוורעס אים אַרויפ־גענומען אַהער אין שאַפּ אַרבעטן. איר האָט צוגעהאָלפן דזשאַסלין, כאָטש ער האָט קערנער׳ן ניט געקענט. סילוויע האָט אים אָנגעזאָגט: „ליג איינגעלייגט, איידער וואָס ווען.״

קערנער האָט באַטראַכט דעם שאַפּ אַרום. אויפן זיינען איז אים געקומען אַבע׳ס בורטשען און הערי׳ס פּלינקער ענטפּער. אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּאַנעם.

— נו, אַ שמייכעניו. כ׳וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי איז דיר געקומען צו כאַלעם...

— וואָס זשע, פון דיינע כאַכמעלעך קאָן מען ניט שמייכלען?...

סילוויע האָט אַ בליק געטאָן מיט אירע גרינלעכע, אַ ביסל אונטער־געשמירטע אויגן, האָט מיט איין האַנט פּאַררוקט אַ בלאָנדן לאָק, וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויפן שטערן, און איז אַנטשוויגן געוואָרן. קערנער האָט געוואָלט „גוט־מאַכן" דעם זאָג און האָט זיך געפּרואווט אַרויסדרייען:

— סילוויע, ביסט טאַקע אַ קלוג מיידל. אָבער אויב שמייכלען, וואָלט איך שוין בעסער פון דיין פּענעמל, איידער פון דיינע כאַכמעס.

— טו מיר ניט קיין טויוועס, — האָט זי זיך קלוימערשט נאָך אַלץ געברויגעזט און צוגעגעבן: — אַ שיין פּאַנעם קאָן זיין בלויז בא אַ קלוגן מענטשן, ווי איך.

— אויב אַזוי, ביסטו גאָר אַ גרויסער כאַכמאַניעס...

זי האָט זיך צעלאַכט, טראַציק אַ טראַט געטאָן אויפן טרעטער. דאָס רעדל האָט זיך ראַשיק אַ דריי געטאָן, און די נאָדל איז אַוועק אין אַ זשווינגעדיקן טאַנץ איבערן העלן אונטערשלאַק פון אַ ראָק. דאָ האָט זיך מיטאַמאָל איבערן שאַפּ צעטראָגן אַ קוויטש. אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און געזען: דער באַלעבאָס, דער זשוואַווער איד מיט די גאָלדענע ציין, טרייסלט אַנאַ׳ן פאַרן קאַרק, רייסט זי פון איר שטול, פון מאַשין אַוועק.

אַנאַ, אַ בלאָנד, מיטלוואוקסיק, שלאַנק מיידל, האָט געהאַט אַ טעווע אַריינקומען שפּעטער. ניט אַלע טאָג, אָבער גאַנץ אָפט. דער באַלעבאָס האָט זי שוין אייניקע מאָל געוואָרנט, און ערשט לעצטע וואָך האָט ער איבערגעריסן דעם פּאָדעם פון איר מאַשין. היינט איז זי אַריינגעקומען מיט גאַנצע דריי פערטל שאָ שפּעטער. אַזוי שנעל ווי דער באַלעבאָס האָט זי דערזען, איז ער צוגעלאָפן, מיט אַ ווילדער רעציכע זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די פּלייצעס און גענומען טרייסלען. פון ערשטן כאַפּ האָט זיך אַנאַ דערשראָקן און אַ קוויטש געטאָן. זי

האָט זיך אָבער איינגעקלאַמערט אין איר מאַשין מיט ביידע הענט, בעאיים דער באַס האָט זי געטרייסלט, זי געריסן פון אָרט און זי געטריבן:

— גיי פון דאַנען! איך דאַרף דיר ניט, איכ׳ל זיך באַגיין אָן דיר.

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם שטול און איר געגעבן אַ שטויס. זי איז אומגעפאַלן.

דאָ האָבן אַלע מיטאַמאָל געווענדט זייערע אויגן אַף קערנער׳ן. ער איז געגאַנגען אַ שטאָלצער, מיט פעסטע טריט, מיט אַן אָנגעגאָסענעם פּאָנעם, גלייך צום באַלעבאָס. ער האָט אַ הויב געטאָן אַנאַ׳ן, זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט דעם באַלעבאָס אַ פּאַטש.

פאַרגאַפטע זיינען געשטאַנען די אַרבעטער. באַם באַלעבאָס האָבן די רויטע פינגער־צייכנס אַף דער באַק אָנגעהויבן אויפגעשוואָלן ווערן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך. אין אָט־דעם מאָמענט האָט קערנער דערפילט באַ זיך אין האַנט אַ צווייטע האַנט, אַ קלענערע, אָבער אַ זיכערע. דאָס איז געווען דזשאָסלינ׳ס האַנט. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט און געזען, ווי דזשאָסלינ׳ס שוואַרצע אייגעלעך שיסן פונקען גלייך אין אים, און ער האָט דערהערט:

— אַטאַ באָי, קערנער!

:: :: ::

דעמזעלביקן אָוונט זיינען באַ שאַמשע׳ן אין שענקל געזעסן אַבע פּראָצענטניק, דייוּוקע „דער אײדעם“, מוישע טיפּעש, זאַלמען גאָרגל און נאָך אייניקע. באַ זאַלמענ׳ען האָט זיך דער גאָרגל־קנאָפּ פון זיין לאַנגן האַלז געוויגט אַרויף און אַראָפּ, בעאיים ער האָט הייזעריקלעך גערעדט:

— וואָס מיר יוניע, שמוניע. מ׳עט אים שוין פיקסן.

צו דייוועקע׳ס ווערטער, אַז מען דאַרף רופן אַ שאַפּ־מיטינג, האָט זיך קיינער פון זיי ניט געוואָלט צוהערן, אויסער אַבע׳ן. זיי האָבן געקוקט אַף דייוועקע׳ן, ווי אַף איינעם, וואָס נעמט שוין צו־ערנסט זיין פליכט צו דער „יוניע“. אָבער אַבע איז געווען זיכער, אַז „די יוניע“, ברודער שאַץ, וועלכער איז היינט אין אָפּיס ניט געווען, וועט אַזאַ כוצפּע ניט פאַרשווייגן. וואָלט דזשאָסלין זיך ניט אַריינ־

געמישט, וואָלט מען שוין פון דעם הערבט געווען פאָטער געוואָרן. נאָר דזשאָסלין — ער איז דאָך אַלעמאָל געווען אַן אייגענער מענטש — „מיטאמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט, דעם צעדרייטן, זיין אַנאַרכיסט”. און אויסער דעם וועט שאַמשע ניט לאָזן רירן קיין האָר אַף דזשאָסלינ'ס קאָפּ. איז אויב עס איז שוין יאָ אַזוי, דאַרף מען גיין צו דער „יוניע”. מ'עט פּאַשעט זאָגן:

— אויב דאָס הערבטל ווערט ניט אַרויסגענומען, וועט דער שאָפּ קיין שאָפּ ניט זיין. וואָסי, ער'ט שווייגן? אַ נאַר וועט ער זיין. ער'ט צומאַכן און זיך עפענען אַן אַנדער שאָפּ, דערנאָך גיי זוך אים.

און בעאיים אַבע האָט אַזוי גערעדט, האָט מען געהערט: עס רעדט דורך אים דער באַלעבאָס. און געהייסן האָט עס: „די יוניע” וועט עס ניט דערלאָזן. וואָסי, ס'איז אוים וועלט? איבער הונדערט מענטשן לאָזן ברויטלאָז?...

מוישע טיפּעש האָט גלאַט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגן: ער האָט טאַמעוואַטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. בא אים איז זאָלמען גאָרגל געווען גערעכט און אַבע פּראָצענטניק איז געווען גערעכט. האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ביז זאַלמען האָט אַף אים אַ שאָקל געטאָן מיטן גאָרגל־קנאָפּ:

— טיפּעש, וואָס טראַנצעסטו דיין קאַפּוסטע? כ'זאָג, מע דאַרף דאָ ניט קיי יוניע. מע טראַנצעט דעם שנעק אַרוים פון שאָפּ און פּאָטער אַן אייסעק.

אַזוי איז געבליבן. און אַף מאָרגן, ווען קערנער איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער אַף זיך ווידער דערפילט די באַהאַלטענע בליקן פון די אַרבעטער. אויסער הערי'ן, סילוויע'ן, דזשאָסלינ'ען, זיידעל'ן, קערנער'ס שכן בא דער אַרבעט, און נאָך אַ פּאָר, האָט קיינער פון די אַרבעטער ניט געוואַגט זיך שטעלן אַף זיין זייט. דאָ האָט קערנער ווידער דערפילט די מוירע פון באַלמעלאָכעס פאַר זייער שטיקל ברויט. מעגן זיי אין האַרצן זיין ביז גאָר וואוילע מענטשן, אָבער ביז דו וועקסט אין זיי ניט אויף די אַכראַיעס פאַר זייער אייגן לעבן — וואָגן זיי ניט, זיי וואָגן ניט! זיי זיינען טרוסן! ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק און זיך האַסטיק אָוועקגעזעצט בא דער מאַשין. ערשט ער כאַפּט זיך: נישטאָ קיין „פּיסל”, נישטאָ

קיין נאָדל. ער טוט מיט דער האַנט א טאַפּ דעם אינגעווייד פון מאַשין:
נישטאָ קיין „שיפּל", ארויסגענומען.

— אָט א כּאַבעם, ניט געהאַט קיין סייכל ארויסצונעמען.

דאָ האָט אים סילוויע אַזאַ גוט־מאָרגן צוגעוואָרפן. זי האָט אין קערנער'ס קוק דערקענט, אַז אירע כאַכמעלעך זיינען איצט אינגאַנצן איבעריק. קערנער איז געזעסן בּאַ דער מאַשין און געוואַרט: וואָס וועט דאָ ווערן? לאַנג וואַרטן איז אים ניט אויסגקומען. סילוויע האָט אים דערלאַנג א „שיפּעלע", א „פּיסל", א נאָדל. די אַרבעט איז בּאַ אים אַוועק ווי א מיזמער. געטראַכט האָט ער: עס איז דאָך מערק־ווירדיק, וואָס זינט דער באַלעבאָס האָט געקראָגן דעם פּאַטש, מיידט ער אינגאַנצן אויס זיין מאַשין. קערנער האָט אַף זיך דערפּילט סילוויע'ס אויגן. זיי האָבן געשמייכלט. באַלד האָט זיך פון אירע ליפּן אַראָפּגעגליטשט:

— ווי געפעלט דיר צו זיין א העלד פון א געשלאָגענער פרוי?

— סילוויע!

— וואָסי? — און אירע אויגן לאַכן.

— אָט דיר זאָל עמיצער אָנברעכן די ביינער, וואָלט געוועןן אַן עמעסע מיצווע.

— מיר אָנברעכן די ביינער? — סיידן מיין אייגענער מאַן, — האָט זי הילכיק געלאַכט.

ס'אַרא פּאַרשייט געלעכטער בּאַ איר, — האָט קערנער צום ווייפלטן מאָל געטראַכט, און זיינע אויגן אַריינגעגראָבן אין דער מאַשין. ער איז פּאַרזונקען געוואָרן אין דער אַרבעט. ער האָט נאָך זינט נעכטן אינדערפרי קיין צייט ניט געהאַט פּאַנאַנדערקלייבן זיך, וואָס עס האָט פּאַסירט אין שאַפּ. א גאַנצן טאָג אין געזשום פון מאַשינען האָט ער געהערט בּלויז מוישע טיפּעש אויפּפלאַמען. נאָר דאָס איז בּאַ מוישע'ן קיין נייעס ניט געווען. געוועןן בּאַ יענעם אַזאַ טעווע צו גאָרגלען זיך בּאַ דער אַרבעט. דאָס איז געווען אַזאַ מין געזאַנג בּאַ אים. אויסער דעם האָט ער לעצטנס צוגעקראָגן נאָך א טעווע. ווען אַלע זיצן פּאַרטאָן אין דער אַרבעט, גיט ער מיטאַמאָל א זעץ מיט דער שער אין מאַשין־געשטעל און א קוויטש — האַלעלויאַ! דער קוויטש איז מיט אַזאַ קעלכל, וואָס זעגט איבער אַלע אייוורים. אויך

נעכטן האָט ער מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן די שער אין טיש און דערלאַנגט אַ קוויטש:

— ה—אַ—ל—ע—ל—ו—י—אַ!!!

דער שאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. פון אַלע זייטן האָט זיך דערהערט:

— טיפּעש!

— מעשוגענער!

— אַ בראָך נאָך דיר!

— פארשטאָפּט אים די פּאָמוױניצע!

— אין מעשוגאָאים־הויז גיי, טיפּעש!

אָבער מוישע האָט זיך ווינציק וואָס געמאַכט פון די אויסרופן. פארקערט, מען האָט געזען ווי זיינע אויגן לויפן אום אונטער די וויעס־לאָזע אויגן־דעקלעך מיט אַ מעשונע־ווילדער האַנאָע. מיט עפּעס אַ אידיאָטיש־טעמפּן גלאַנץ האָט ער באַזונדער לאַנג אָפּגעשטעלט זיינע אייגעלעך אַף קערנער'ן. אינסטינקטיוו האָט קערנער אויפגעכאַפּט מוישע'ס בליק. זיך פארמאָסטן: אַ כאַלעף אַף אַ טעמפּן מארך. מוישע האָט צוגעכאַפּט זיינע שטאַרע אייגעלעך. אָבער קערנער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, שארף געקוקט אַף אים און אים געצוואונגען איינמאָל און נאָכאַמאָל אויפהויבן די וואַסערדיקע אייגעלעך, ביז יענער האָט איינגאַנצן אַ צרייצטער ארויסגעשטעלט קערנער'ן אַ פייג:

— נאַ, אָט האָסטו! אַ קנאַקער. ער מיינט איך האָב מוירע פאַר אים!

דזשאָסלין, וועלכער איז געווען נאָר וואָס פארביי דער מאַשין, האָט דערזען מוישע'ס פייג. ער האָט בלויז אַ וואָרף געטאָן זיינע שוואַרצע שפּיזלעך דורך די אויגן־גלעזער, און מוישע האָט זיין קאָפּ באַגראָבן אין דער מאַשין, אַזוי אַז מען האָט ארויסגעזען בלויז דעם גלאַנץ פון זיין פּליך.

און ווידער האָט זיך איבערן שאָפּ געהערט דאָס ריטמישע זשומען פון מאָטאָרן און דאָס זשווינגען פון מאַשין־נאָדלען. פון קעגנאיבער האָט קערנער געהערט אַ טיפע, ברוסטיקע שטימע, וואָס האָט געזונגען אַ ביסל איינגעהאַלטן אין זיך:

טעג מיינע טעג, מיינע מיידלשע יאָרן,
ניט אייך איז צו טרוימען פון הימל פון קלאָרן;
באַשערט אייך אַ לעבן באַם זשום פון מאַשינען,
אייער טרוים, מיינע טעג — ז'אַף אַ לעבן פאַרדינען.

קערנער'ן האָט זיך אַלץ אין שאַפּ אָנגעהויבן וויגן צו די קלאַנגען פון דעם מעלאַנכאָליש לידל. דער ריטם, וואָס ער האָט אַלעמאָל געזען אין שוואונג פון דער נאָדל, אין בייגן זיך פון שניידערשע רוקנס, אין וויגן זיך פון פרעסער בא דער פרעס־מאַשין און בא אייזנס, איז אים איצט פאַרטונקלט געוואָרן. ער האָט געזען דעם שווערן יאָך פון פּאַרנאָסע.

אַזוי, פאַרוויגט אין די קלאַנגען, שוין לאַנג נאָכדעם, ווי סילוויע האָט אויפגעהערט איר שטיל געזאַנג, האָט זיך קערנער ווידער דערמאָנט, ווי דער באַלעבאָס מיידט אים אויס, ווי ער איז אָפּגעשפּרונגען פון זיין מאַשין ווי אַ פּילקע, זיך פאַרטשעפּעט אַ פוס אָן אַ קופּע רעק און איז שיר אומגעפאַלן. בעאיים־מאַיסע האָט זיך אין זיידעל'ס ליפּן־ווינקלען באַוויזן אַ פאַרהאַלטענער שמייכל.

באַלד נאָכן פּאַטש פון נעכטן אינדערפרי, האָט זיך קערנער דער־מאָנט, האָט דייוועק „דער איידעם", דער שאַפּ־טשערמאַן, זיך געלאָזט צו אים. ער האָט אָבער דערזען דזשאָסלינ'ס האַנט־דרוק און איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג.

דזשאָסלין? — קערנער האָט נאָך וועגן אים ניט געטראַכט ווי געהעריק. ער האָט געזען: די אַרבעטער באַציען זיך גוט צו אים. אָבער פאַרוואָס? ערגעץ מוז דאָך זיין אַן אורזאַך, וואָס קערנער האָט ניט געוואוסט. זיין בליק איז געפאַלן אַפן זייגער. עס איז שוין געווען נאָך עלף. גלייכצייטיק האָט ער דערזען „די יוניע", ברודער שאַץ. יענער האָט ניט געווײַלט לאַנג בא אַבע'ס מאַשין, נאָר דאָס מאָל עפּעס דורכגעשמועסט זיך מיט דזשאָסלינ'ען. דערנאָך איז ער צוגעקומען צו קערנער'ן. ברודער שאַץ האָט צו אים גערעדט ווייך און שטיל און בעאיים־מאַיסע געדרייט דאָס קייטעלע אַף זיין רונדן בייכל:

— ברודער קערנער, איר וועט היינט נאָך דער אַרבעט אַריבער־קומען אין אָפיס.

אָפּגעזאָגט און איז באַלד ניט געוואָרן. סילוויע האָט אַרײַנגעוואָרפן:

— אַן אײַנלאַדונג אױף אַ גוט יאָר. גיי פריער שפּרעך זיך אָפּ אַן איענהאָרע.

— וואָסי, דו קאָנסט קיין קישעף ניט אָנטאָן?

— אָט זעסטאָך, איך זיץ און די צעפּ מײַנע ווערן מיר גרוי.

אים איז איצט ביז גאָר געפעלן איר שטיפן, איר כּיינדלען זיך, איר פײַנער מאַניר. אַלעמאָל, אין אַן ערנסטן מאָמענט, ווארפט זי, ווי אַ זוניקער שפּריי־רעגן אין אַ דושנעם טאָג, אַ לײַכטן דערפרישנדיקן שפּאַס.

:: :: ::

פּאַרנאַכט, גייענדיק פון דער אַרבעט אַ פאַרטראַכטער איבער דער לאַגע פון שאָפּ, האָט קערנער דערפילט ווי עמיצער נעמט אים אָן פאַר אַן עלנבויגן און זאָגט:

— כאַווער קערנער, איך וויל זיך דורכריידן מיט אײַך.

דאָס איז געווען הערי דער אונטערפרעסער. קערנער האָט אױף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן און באַטראַכט די פעסטע מאָרדע און גלײַכע ברייטלעכע נאָז איבער דער עטוואָס פאַרקאַטשעטער אויבערשטער ליפּ. איבערן שטערן איז אים געהאַנגען אַ בינטל גלאַטע קאַשטאַנעווע האָר און זײַנע גרויע, ערנסטע אויגן האָבן געשמייכלט. דערהערט „כאַווער קערנער", האָט ער באַלד געפרעגט:

— איר, הערי, זייט אַ פּאַרטייאישער?

— יאָ, געוויס. איך בין אין דער פּאַרטיי. טאָקע דערפאַר וויל איך מיט אײַך אַ ביסל אַ שמועס טאָן.

קערנער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אָנגעשטעלט די אויערן. הערי האָט גערעדט שטיל, מעיושעוודיק, זיך אַ ביסל ספּאָטיקענדיק:

— איר, כאַווער קערנער, האָט געטאָן אַ גוטע זאַך נעכטן אײַנדערפרי. אָבער איז זעט דאָך — די קאַשע פאַרקאָכט זיך ערשט. ברודער שאָץ וועט היינט אָן צווייפל פּרואוון אײַך אַרויסקריגן פון

שאַפּ. זייט פאָרזיכטיק, לאָזט זיך ניט. עס איז אַ גרויסער שאַפּ און מען דאַרף אייך דאָ האָבן.

דאָס, האָט קערנער געטראַכט, איז מיסטאָמע די איינלאַדונג אַף אַ גוט יאָר, וועגן וואָס סילוויע האָט געשפּאַסט. אָבער אים האָט אַף דעם מאָמענט אינטערעסירט גאָר עטוואָס אַנדערש. ער האָט גע־פרעגט הערי'ן:

— זאָגט מיר, הערי, אָט דער דזשאָסלין, וואָס איז ער פאַר אַ מענטש?

— וואָס־זשע, — האָט הערי געענטפערט, — ער איז אַ טאַטנס אַ זינדל. ער וואָלט דאַווקע ניט גענדאַרפט אַרבעטן אין שאַפּ, ווען ער זאָל וועלן זיין באַ זיין פאָטער אין געשעפט. אָבער ער וויל אַרבעטן, ער וויל אַליין פאַרדינען אַף אַ לעבן און דאַווקע פון ערלעכער אַרבעט. אַ יונג איז ער דאַווקע ניט קיין שלעכטער. ער האָט זייער ליב דרייסטע מענטשן. אַליין איז ער אַ דרייסטער. טאַקע דערפאַר האָט ער זיך נעכטן געכאַפּט דריקן אייך די האַנט. אָבער מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט אים — ער פאַרקערט אין אַלע טונקעלע נאָרעס...

מער האָט הערי וועגן דזשאָסלין'ען ניט געוואוסט. דאָס איז, אמת, אויך געווען אַ סאַך, כאָטש פאַר קערנער'ן איז דאָס געווען ווייט ניט גענוג. קערנער האָט אין דזשאָסלין'ען באַמערקט אַ שאַרפן בליק, ווי באַ אַ מענטשן, וואָס האָט אַן אומרואיקן געדאַנקענגאַנג. פאַרוואָס אָבער איז „די יוניע” היינט צוגעגאַנגען צו אַלעם ערשטן צו דזשאָסלין'ען? עס איז אים געווען שווער פאַנאַנדערצעפּלאָנטערן דעם אומבאַקאַנטן דזשאָסלין. בלויז הערנדיק הערי'ס ווערטער איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן:

— דזשאָסלין, דאָס איז אפשר איינער פון יענע, וואָס האָט ליב דורך געהיימע צייכנס לאָזן וויסן: זייט פאָרזיכטיק, איך, דזשאָסלין, זע אַלץ און הער אַלץ. און ס'איז דאָ אַ האַנט, וואָס שטראָפט...

:: :: ::

ברודער שאַץ האָט אים ברייטלעך אויפגענומען. געבעטן אים זיצן און דאַווקע אונטערגערוקט אַ שטול. נאָר אין אָפּיס וואו עס איז שוין לאַנג קיינער ניט געווען, האָט ער מיט קערנער'ן ניט געוואָלט ריידן.

ער איז פארטיק געוואָרן מיט זיין ארבעט און ארונטערגענומען קערנער׳ן אין א קעגנאיבערדיקן רעסטאָראַן. ארייַנגייענדיק אהין, האָט קערנער דערזען דזשאָפּלינ׳ען מיט עפּעס א ברייט־ביינערדיקן, געזונטן יונג, וואָס האָט מיט יעדן שטעל פון זיין פּוס, מיט יעדן ריר פון זיין האַנט, דאכט זיך, געלאָזט וויסן: וויל איך, ברעך איך שטאַבעס אייזערנע; איך קאָן אָננעמען אַן אַקס פאר די הערנער און אים ארונטערדרייען דעם קאַרק. אָבער איך וויל ניט. איך בין מיר א שטילער מענטש...

דער דאָזיקער מענטש האָט מיט זיינע שווארצע, פארטרוימטע אויגן באַטראַכט קערנער׳ן, איז צוגעגאַנגען צו אים און א פרעג געטאָן:

— זאָג, אין יעזוס׳ן גלויבסטו?

קערנער האָט זיך פארלאָרן. זיך ארומגעקוקט אף הינטערוויילעכטס, זען צי איז די פראַגע עפּשער געווענדט צו עמיצן אַנדערש. ער האָט אָבער געזען: דעם מענטשנס אויגן זיינען אָנגעשטעלט גלייך אף אים. האָט קערנער געענטפערט:

— אין יעזוס׳ן? פארוואָס אין יעזוס׳ן?...

— אזוי. איך גלויב, אז יעזוס איז געווען א גרויסער מענטש.

— עפּשער, — האָט קערנער געענטפערט. — ער איז שוין אָבער איצט א גאָט. און איך גלויב ניט אין קיין געטער.

קערנער האָט געזען: דער מענטש איז אַנטוישט. ער איז באַלד צוזאַמען מיט דזשאָפּלינ׳ען פארשוואונדן. ברודער שאַץ האָט אָנ־גענומען קערנער׳ן אונטערן אָרעם און איז מיט אים אריין אין א באַזונדערן צימער. דאָ האָט ער באַשטעלט וויין און וועטשערע. נאָך דעם ערשטן גלעזל האָט ברודער שאַץ אָנגעהויבן:

— איר ווייסט, ברודער קערנער, איר האָט אָנגעמאַכט א צו־גרויסע סומאַטאָכע אין שאָפּ.

קערנער׳ס אויגן זיינען געוואָרן צוויי גרויסע פראַגע־צייכנס. כאָטש ער האָט עס דערוואַרט פון זיין יוניאָן־פארטרעטער, האָט ער אָבער גערעכנט, אז ברודער שאַץ וועט זיין א ביסעלע פאָרזיכטיקער: ער וועט כאָטש לעפאָנים פּרואוון ווארפן די שולד אפן באַלעבאָס. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן און זיך איינגעהערט אין דעם טיפן קלאַנג פון ברודער שאַץ׳ס שטימע:

— זייט ניט אזוי פאַרוואונדערט, ברודער קערנער. איר מיינט, איך ווייס ניט, אַז דער באַס האָט ניט געדאַרפט הויבן די הענט אַף דעם מיידל ? איך בין גאָרניט אזא נאַר, איך זאָל ניט וויסן.

— ניין, — האָט קערנער אריינגעשטעלט. — איר זעט גאָרניט אויס צו זיין אזא נאַר. — און ער האָט געזען, אַז דעם ברודער שאַץ טוט עס מעשונע האַנאָע.

— נו, דאָס זאָג איך דאָך. איך טאַינע דאָך מיט יעדן איינעם : פאַרליר ניט דעם קאָפּ פון די פּלייצעס. איר, ברודער קערנער, האָט פאַרלאָרן דעם קאָפּ... עס מאכט ניט. מען מעג טאַקע זיין ניט קיין נאַר און אַ גאַנצער פילאָזאָף, אָבער דעם קאָפּ דאַרף מען ניט פאַרלירן.

ברודער שאַץ האָט דערביי ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך, אויס־געזופּט און געראָטן קערנער׳ן :

— טרינקט. פאַרוואָס טרינקט איר ניט ?

ער האָט ווייטער גערעדט :

— וואָס, אַ שטייגער, האָט איר זיך געדאַרפט מישן אין דעם, וואָס דער באַס האָט געהאַט מיט אַנאַ׳ן. ס׳איז ניט אייער אייסעק. ס׳איז ניט קיין שאַפּ־אייסעק. אזא מיידל איז זי שוין... מען דאַרף זיך איר קריוודע ניט אָננעמען. זי קאָן איר שטעטל אַליין באַשטיין...

קערנער האָט זיך אַ דריי געטאָן אַפן שטול. ער האָט אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן די האַנט צום גלעזל און באַלד צוריקגעכאַפּט. דאַווקע איז אים שוין מיט אַנאַ׳ן אויסגעקומען ארבעטן אין אַ ניו־יאָרקער שאַפּ. זי האָט, עמעס, אַ פּאַסקודנע טעווע. בעאיים דער אַרבעט פלירטעוועט זי מיטן באַלעבאָס, מיטן פאָרמאַן. זי איז אזא שייגינקע, אַ שלאַנקע, האָט אַ וויסינק פּענעמל מיט ראָזעווע בעקעלעך — ווילט זיך איר, ווייזט אויס, מיט דעם „איינגעמען אַ וועלט״... נאָר אין סטרייק איז זי אַלעמאָל געגאַנגען די ערשטע און אַף דער פּיקעט־לאַין — מיט איר שיין פּענעמל און גראַציעזן טראָט, האָט זי מער ווי איינמאָל אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די „בלויע רעק״. אים איז זי אין דעם פּראָט מער געפעלן ווי סילוויע, וועמען עס פּאַסט ניט אופצושטיין פאַרטאָג און זיך מישן מיט די „קאַמענע״ באַל־מעלאָכעס אַף דער פּיקעט־לאַין. ווער רעדט נאָך וועגן האָבן אַ מאַגע־מאַסע מיט אַ פּאָליסמאַן... אָט די אָנצוהערעניש אַף אַנאַ׳ן האָט

קערנער׳ן פארדראסן, כאטש עס האט געוועקט נייגיר. דאס האט דאך ערגעץ געצילט. קערנער האט זיך אנגעשטויסן וואוהין, אבער ער האט ווייטער געלאזט דעם ברודער שאץ ריידן:

— איר דארפט ניט מיינען, ברודער קערנער, אז איך בין דא אויסן עפעס שלעכטס. נאר איך זאג אייך: איר האט עס ניט גע־דארפט, איגגאנצן ניט געדארפט.

און מיטאמאל, ווען עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז קערנער איז אונטערן איינפלוס פון זיינע רייד און דעם ביסל וויין, האט ער געזאגט:

— ברודער קערנער, וואס דארפט איר עס אינגאנצן האבן? ס׳איז עפעס א טייערע מעציע אזא שאפ? כ׳על אייך געבן א שאפ, וועלכן נאר איר ווילט אליין. קלייבט זיך אויס דעם בעסטן שאפ אין בראנזשוויל און מארגן ארבעט איר דארטן. אפגעמאכט? קומט מארגן פרי אין אפיס, וועט אלץ זיין גוט. איר מיינט וואס, — האט ער צוגעגעבן, — איך וויל ניט קיין טראבל אין די שעפער, וואו איך האב אויפזיכט.

ער האט דאס אלץ אפגערעדט אין איין אטעם. קערנער איז געזעסן און געטראכט: — וויפיל דאס רעדט! ער האפט, אפאנים, ווי א סיילסמאן, מיט א סאך רייד צו „פארקויפן זיין סכוירע״. ער האט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאס גלעזל אין האנט, אויסגעטרונקען לעכאים צו ברודער שאץ און געלאסן געזאגט:

— ניין, ברודער שאץ, ניט אפגעמאכט.

ברודער שאץ האט זיך אף דעם ענטפער געריכט. ער האט זיך אף קיין איין אויגנבליק ניט פארלוירן. ער האט ארייגגענומען א ביסן אין מויל. אין קייען האט מען געזען: ער פארשטייט, אז דא וועלן קיין טאינעס ניט העלפן. האט ער ווייטער גערעדט: — ער איז ניט אויסן קיין שלעכטס, כאלילע. מער ניט, דער באלעבאס — ער וועט ניט שווייגן. ער וועט צומאכן דעם שאפ. ער האט שוין געלאזט וויסן — דער שאפ וועט קיין שאפ ניט זיין, אויב מען נעמט ניט ארוים קערנער׳ן מיט אנא׳ן. איז צו וואס אנמאכן טראבל? „די יוניע״ האט בלויז געוואלט אויסמיידן „טראבל״. אז קערנער וויל אבער ניט, וועלן די באלמעלאכעס פון שאפ דארפן באשטימען...

נאָך האַלבער נאַכט איז קערנער אַרויס פון רעסטאָראַן. די בראָנזווילער גאַסן זיינען געווען שטיל און פינצטער. פון די אויס־געלאָשענע פענצטער האָט ער פאַרנומען דעם שווערן אָטעם פון אויסגעהאָרעוועטע מענטשן. איבערן קאָפּ האָט זיך אים פון ערגעץ אַ ווינטל געטראָגן. ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון לינקאָלן־פּאַרק — זיך דורכלופטערן, צעשטרייען זיך אַ ביסל, איידער ער גייט אַהיים. פאַר די אויגן איז אים אויסגעוואַקסן אַנאַ, אַ שלאַנקע, מיט אַזאַ בלאָנד־ווייס קעפּל און פיין־געשניצטן פּענימל. אין די אויערן טוען אַ זשום ברודער שאַצ׳ס ווערטער: — „אַזאַ מיידל איז זי שוין...״ אין קאָפּ באַ אים איז געווען אַ געמיש — שאַץ, שאַמשע, זאַלמען, יעזוס — דזשאָסלין. עס האָט אַזוי געגומען שווינדלען פאַר די אויגן. ער איז אָנגעקומען אין לינקאָלן־פּאַרק און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק.

:: :: ::

אויף מאָרגן אינדערפרי, קערנער קומט אַריין אין שאַפּ און געפינט זיין מאַשין צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן אונטערשלאַק פון אַ ראָק, און פון ביידע זייטן ברענען ליכט. עפּעס האָט ער מאָדנע אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און באַלד האָט ער זיך צעשמייכלט:

— אַ פיינער שפּיצל. און איך האָב נאָך אַזוי פיל צו לעבן...

הערי, וועלכער איז אַריינגעקומען גלייך מיט קערנער׳ן, האָט אַ ריס געטאָן דעם שוואַרצן צודעק און צעטראָטן די צוויי ברענענדיקע ליכט.

— גאָרגל, — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — ס׳איז דיין אַרבעט. וועסט עס ניט דערלעבן!

זאַלמען גאָרגל האָט זיך געגומען רוקן צו הערי׳ן און הערי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אים צו באַגעגענען. דעוויקע „דער איידעם״, דער טשערמאַן פון שאַפּ, האָט זיך, מאַיסע מענטש, ווייזט אויס אויף ברודער שאַצ׳ס פאַרזאָג, געהאַלטן פון דער וויטן. קערנער האָט פאַר־שטעלט הערי׳ן דעם וועג:

— מען דאַרף ניט, הערי.

זאַלמענ'ען האָבן אַנדערע באַלמעלאָכעס פאַרהאַלטן. זאַלמענ'ס קויעך, האָט מען געערדט אין שאַפּ, ליגט אין דעם, וואָס ער קאָן געשיקט באַנוצן אַ גאַל־מעסער. ער האָט שוין אַן אַרבעטער אין שאַפּ אָפּגעשניטן אַן אויער. אויסער דעם האָט ער זינדעלעך, וואָס האָבן שוין אויך אַ שטיקל רעפּוטאַציע. דערפאַר איז ער, ווייזט אויס, אַ גאַנצער כאַשעוו באַ דער „יוניע". אַפילע קיין „דיוס", ווי עס צאָלן אַנדערע באַלמעלאָכעס, צאָלט ער אויך ניט.

ווען קערנער האָט זיך געזעצט באַ דער מאַשין, האָט ער דער־הערט סילוויע'ס קאָל. סילוויע איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער פון קערנער'ן. זי איז איצט געווען טראַציק און שפּאַסיק און געזונגען האָט זי דאַווקע כאַזאָניש:

— איל מאָלעי ראַכמים, שויכען באַמרוימים...

— אַך דו, קאַנאַליע!... — האָט קערנער אַ ריטשע געטאָן.

— קאַנאַליע? — זע נאַר, אַ טויטער און דערלאַנגט לאַשן...

קערנער האָט צו איר געשמייכלט, אָבער ער האָט זיך איצט ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין אירע שטיפערייען. — נעכאַי וואָלט זי אַמאָל געווען ערנסט, איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק. אָבער באַלד האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין גערויש פון מאַשינען, ווי אַלעמאָל, ווען ער האָט געוואָלט עפּעס דורכטראַכטן.

האַסטיקער און האַסטיקער האָט קערנער געוואָרפן די רעק דורך דער מאַשין. אין זיין געדאַנק האָט זיך אָנגעהויבן עטוואָס אויסקלאָרן: דער שוואַרצער צודעק מיט די צוויי ברעננדיקע ליכט — „איך האָב נאָך אַזוי פיל צו לעבן". און דאָ האָט זיך דזשאָסלין באַוויזן לעבן אים:

— זיי האָבן שוין געפּראַוועט אַ לעוואַיע, העי? עס וועט זיי אויספאַלן באָקאָם.

באַ דער סצענע מיטן שוואַרצן צודעק איז דזשאָסלין ניט געווען. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געזעצט באַ דער מאַשין, האָט ער דערהערט די באַלמעלאָכעס אַרום אים ריידן. האָט ער געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אַף זאַמלען גאָרגל. אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, וואו זאַלמענ'ס מאַשין איז געשטאַנען, און איז אַוועק גלייך אין מענער־צימער. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך זאַלמען אויפגעהויבן און איז אַוועק נאָך דזשאָסלינ'ען.

שפּעטער האָט מען דערציילט: צווישן זאַלמען גאַרגל און דזשאָסלינ׳ען וועט שוין קיין שאָלעם ניט זיין. אָבער פאַר דעם מאָמענט, עטלעכע מינוט נאָכדעם ווי זאַלמען איז אַריין אין מענער־צימער, איז דזשאָסלין אַרויס און פאַרבייגייענדיק קערנער׳ס מאַשין, א וואָרף געטאָן: — זיי האָבן שוין געפּראַוועט א לעוואָיע; ס׳וועט זיי אויספּאַלן באַקאַם. קערנער׳ן האָט זיך געדוכט, ווי דזשאָסלין וואָלט אים געלאָזט וויסן: איך, דזשאָסלין, בין אויסער זיך פון צאָרן. בעוורע וועלן שוין פאַר דעם שטיקל אַרבעט קיין האָניק ניט לעקן. קערנער׳ן איז דאָס אויסגעקומען א ביסעלע פריקרע. אָבער דאָך האָט ער א שמייכל געטאָן און זיך דערפילט עטוואָס שטייפער. סילוויע האָט אונטערגעכאַפּט קערנער׳ס געדאַנק און אַריינגעוואָרפן מיט א דעקלאַמאַטאָרישן טאָן:

— אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט...

— זע נאָר, געדענקסט נאָך פערעצ׳ן? — האָט קערנער שאַרף א וואָרף געטאָן.

— אַזוי יונג, מיינסטו, בין איך? איך געדענק נאָך יעשאַיע האַנאָווי...

— וואָלט מען דיך עפּשער געדאַרפט רעקאָמענדירן פאַר אַן אַנטיק אין א מוזיי...

זי האָט ווידער געלאָזט הערן איר פאַרשייט געלעכטערל, וואָס האָט זיך פּלוצים אָפּגעהאַקט. קערנער האָט געזען, ווי אירע אויגן זיינען אָנגעשטעלט איבער אים ערגעץ אין דער ווייט פון שאַפּ. ער האָט א דריי געטאָן דעם קאָפּ און געזען: דייווקע גייט פון מאַשין צו מאַשין און לאָזט עפּעס וויסן. נאָך איידער ער איז צוגעקומען, האָבן זיי שוין געוואוסט: היינט נאָכמיטאָג אַרבעט מען נישט: צוויי אַזייגער א שאַפּ מיטינג. פון דייווקע׳ס מויל האָבן זיי בלויז געהערט די ווערטער:

— „בא אָרדער אָוו די יוניע".

קערנער האָט זיך איצט געכאַפּט: די צוגרייטער זיינען שוין היינט ניט אַריינגעקומען. קיין סאַך צוגעגרייטע אַרבעט איז נישטאָ. די ערשטע הענט ענדיקן שוין אַרויס. ס׳האָט אים א שלאָג געטאָן אין קאָפּ: ברודער שאַצ׳ס נעכטיקע וואָרנונג; דער שוואַרצער צודעק

אף זיין מאַשין און דער שאַפּ־מיטינג, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן נאָכמיטאָג. עפּעס האָט ער אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן.

— וועלן מיר זען, ווי דאָס וועט זיך ענדיקן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און געלאָזט לויפן זיין מאַשין אין ראַשיקן טעמפּ, ווי וועלנדיק צויאָגן די צייט, וואָס איז נאָך געבליבן ביז דער מיטאָג־שאָ.

2.

אויפן וועג צום שאַפּ־מיטינג האָט קערנער זיך פאַרמאָסטן גיין אַליין. אים האָט זיך געוואָלט באַקלערן וואָס צו זאָגן באַם־שאַפּ־מיטינג. ער האָט געפילט: עס רוקט זיך אָן אויף אים אַ שטורעם. ער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן. אַלעמאָל איז בא אים אויסגעקומען, אַז אויף די שניידער קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אין זיי, אין זייער קוק אויפן לעבן, אין זייער ראַנגלען זיך פאַר אַ דאָלער מער, פאַר אַ שאָ ווינציקער אַרבעט, האָט ער געזען אַן אינהאַלט, וואָס שפּרייזט ווייט אַריבער די גרענעצן פון שאַפּ. ער פלעגט לעצטנס אַליין אָנגערעגט ווערן מיט זייער אַרבעט און מיט זייער געיעג נאָך פּאַרנאָסע. וואָרים וואָס האָט ער דען געהאַט אויסער זיי? — אַ בעט איבערצושלאָפן, אַן אָנצוג און אַ מאָל־צייט. מאָדנע פּוסט האָבן אים אָנגעהויבן אויסזען די אַלע זאַכן. אפילע די ביכלעך, וואָס ער האָט געלייענט, האָבן אים איצט אויפט מיד געמאַכט. און אויפט האָט די גאַנצע כאָכמע אין די ביכער אים אויסגעוויזן, ווי אַ וויסטע נאַרישקייט אין פאַרגלייך מיט זייער אימפּעט. צווישן די באַלמעלאָכעס פון זיין פאַך, צו וועמען עס האָט אים שטענדיק געצויגן, איז ער קיינמאָל ניט מיד געוואָרן. אין זיי האָט ער עטוואָס געזוכט. וואָס? — ער האָט אַליין ניט געוואוסט. און אויפט האָט ער דערפילט:

— זיין וועג איז אַן אָנגעצייכנטער, זיי לעבן האָט אַ זין.

נאָר יעדן מאָל, ווען עס פלעגט זיך פאַרוויקלען אַזאַ אָדער ענלעכער סיכסעך מיט אַ באַלעבאָס און ער פלעגט זען די אַרבעטער, וועמען ער האָט אַזוי ליב, ווי זיי קווינקלען זיך, ווי זיי וואָגן ניט צו ריידן, ווי זיי האָבן מוירע פאַר זייער טאָג אַרבעט, פלעגט קערנער, אין זיין שווערן טראַכטן, פאַלן אַזוי, פאַלן בא זיך אין די אויגן. עס פלעגט

זיך אים דוכטן: ער ווערט אזוי אריינגעשרומפּן. און ווידער פּלעגט אים אַמאָל אַ קניפּ טאָן אַ געדאַנקעלע:

— זעסטאָך, דיינע אייגענע זיינען קעגן דיר. צו וואָס אזא לעבן?

קיין אַנדער לעבן האָט אָבער קערנער מער ניט געזען. דאָרט, הינטער זיי, אָן זיי, איז אַן אָפּגרונט. זיין סוויווע, אין וועלכער ער האָט לאַנגע יאָרן געלעבט, האָט אים שוין לענגער אָנגעהויבן אויסזען פּוסט. האָט ער זיך אָן זיי, אָן די באַלמעלאָכעס פון זיין פאָך, געהאַלטן, ווי אין אַ שטריק, וואָס בינדט אים צו צו זיין אייגן לעבן.

עס איז אים געווען אַ ביסעלע ענג אין מויעך פון די געשעענישן אין די לעצטע טעג. דער קנויל האָט זיך פאַר אים געהאַט פאַנאַנדער־געוויקלט. ער האָט שוין געזען דורך וועמעס הענט דער באַלעבאָס ארבעט. און מער פון אַלץ האָט אים ווי געטאָן „די יוניע", די אָנ־צוהערעניש פון ברודער שאַץ אַף אַנאַ׳ן. אים איז אין דעם מאָמענט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק:

— ארבעטער־מיידלעך זיינען העפקער ניט אזוי אַף די הענט פון זייער באַלעבאָס, ווי אַף די צינגער פון זייערע ברידער־ארבעטער.

ער האָט זיך אַליין אַ ביסל דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק. וואָס זיינען דאָ די ארבעטער שולדיק? עס איז דאָך בלויז „די יוניע". יאָ, דאָס איז זיך עמעס. אָבער ברודער שאַץ האָט דאָך דאָס געהערט פון די ארבעטער, פון די לייכטע שפּאַסן זייערע. — יאָ, טאַקע אזוי וועט ער היינט ריידן באַם שאַפּ־מיטינג. ער האָט ניט באַוויזן צו דער־טראַכטן דעם געדאַנק, ווי ער האָט לעבן זיך דערהערט סילוויע׳ס קאָל. זי האָט גערופן הערי׳ן:

— קום, הערי, מיר וועלן אים זיין אונטערפירער.

הערי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיי זיינען אוועק באַ דריט איבערן אַספּאַלטענעם טראָטואַר. די גאַס איז געווען אַ ברייטע, אַ העל־באַלויכטענע מיט יונגער, פרילינגדיקער זון. קערנער׳ס געדאַנק האָט זיך באַלד אריבערגעטראָגן אַף זיינע צוויי מיטגייער. ער האָט אין געדאַנק באַ זיך פאַרגליכן סילוויע׳ן מיט אַנאַ׳ן. ער האָט געוואוסט: סילוויע איז קולטורעל פיל העכער פון אַנאַ׳ן. נאָר מאָדנע, ווי שווער עס איז אים אָפּט פון איר לייכטקייט, פון איר שפּאַסן. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז סילוויע איז אַ ציניקערין — די גאַנצע וועלט גייט

איר ניט אָן. אָט, זי טוט איר, דער וועלט, אַ טויווע, וואָס זי לעבט אַן איר. צי קאָן זי אַמאָל זיין ערנסט, סילוויע? — מיסטאָמע. אָבער קערנער האָט דאָס נאָך ניט געזען און ער קאָן זי שוין גאַנץ לאַנג. פון אַנאַ'ן האָט ער ערשט נעכטן אָוונט געהערט:

— „יו'ר עי דיר באָי, קערנער. עס טוט מיר לייד, וואָס צוליב מיר ביסטו אַריין אין אַזאַ קאַשע. „באָט, וואַט קוד אַי העלפּ?".

געוויס האָט קערנער געוואוסט, אַז סילוויע באַנעמט דעם איניען פיל טיפער. זי איז פאַרט ניט אַנאַ. דאָ איז דאָך ניט אַנאַ וויכטיק, נאָר דער שאַפּ־אַרבעטער, זיין ווירדע. און וואָס עפּעס דאַווקע דער שאַפּ. עס זיינען דאָך דאָ אַ סאַך, אַ סאַך שעפּער, וואו מען פּאַטשט און מען זידלט און מען שלאָגט אַרבעטער־מיידלעך בא דער אַרבעט. עס איז קעגן אַ גרויסער אוממענטשלעכקייט, וואָס קערנער האָט זיך פאַרמאָסטן. און דעריבער, כאָטש סילוויע'ס טרעפלעכער, אַמאָל גאַנץ טיפער שפּאַס האָט אים דערפרישט, האָט ער איצט געוואָלט אַן ערנסט וואָרט. האָט אַנאַ'ס מיטגעפיל — ווי הילפלאָז אירע ווערטער זיינען ניט געווען — דאָך געקלונגען ערנסטער. ער האָט איצט ניט געקאָנט טראַכטן וועגן קיין אַנדערע אורזאַכן, פאַרוואָס אַנאַ'ס ווערטער זיינען אים דאַווקע איצט געווען נעענטער.

מיט ראַשיקע טריט האָבן פאַרבייגעאיילט מוישע טיפּעש און אַבע. הערי האָט אַ זאָג געטאָן שטיל, מער צו סילוויע'ן, ווי צו קערנער'ן:

— זיי איילן זיך צו דער באַסענע.

ער האָט ווידער שווער געשוויגן און זיך אויפמערקזאַם איינ־געהערט אין סילוויע'ס שמיפערייען. אָט דער הערי — וואָס אַ טאָג מער קערנער האָט אים געקענט, אַלץ אַ פעסטערן צובונד האָט ער צו אים געפילט. ס'איז אים איינגעפאַלן: אין הערי'ן זידט אַזאַ מין קראַפט, אַן עמעס, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין קראַפט. און איצט, גייענדיק, האָט קערנער'ן אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק:

— הערי, דאָס איז דער עמעס פון זיין קלאַס.

ער האָט זיך באַלד דערשראָקן. דאָס איז אַ גוזמע, האָט ער געטראַכט, אָבער דער געדאַנק איז אים געפעלן.

זיי זיינען צוגעקומען צו די טירן פון מיטינג־לאָקאַל, וואו די אַרבעטער פון כאַנין'ס שאַפּ האָבן געפירט שמועסן מיט אַרבעטער פון אַנדערע שעפּער און אַרבעטלאָזע. ווען קערנער האָט זיך דערנענטערט, האָט מען אַף אים אָנגעוויזן:

— אָט גייט ער, קערנער.

איין באַלמעלאָכע, אַ מיטליעריקער, האָט זיך צו אים אַ ריס געטאָן, אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, שטאַרק געדריקט, און געזאָגט:

— געבענטשט זאָלן זיין דיינע יאָדאַים, קערנער.

:: :: ::

דער בראָנזווילער מיטינג־לאָקאַל: אַ לאַנגער, שמאָלער צימער, מיט פענצטער פון איין זייט פון דער וואַנט. אַן אָרן־קוידעש אין מיזרעך־זייט מיט אַ טונקל־רויטן פּאָרויכעס און גאָלדענעם מאָגן־דאָוויד; די ווענט באַהאַנגען מיט געאָוינים; בענק — ווי אין אַ בעסמעדרעש. אין אַ וואַרעמען טאָג שטייט דאָ אַ גערוך פון צע־שמאָלצענע ביילעוונע ליכט, פון צעשאָטענעם שמעק־טאַבאַק, בסאָמים און ניט־געוואַשענע שפּיי־קעסטלעך. דער גערוך הערט זיך בלויז די ערשטע עטלעכע מינוט. שפּעטער ווערט מען געוואוינט, פאַרגעסט מען.

אַפן שטענדער, פּונקט קעגנאיבער דעם אָרן־קוידעש, איז אַף אַ שטול געזעסן דייווקע. ער האָט בלויז געזאָגט אַ פּאָר געציילטע ווערטער:

— ברידער און שוועסטער, אין שאַפּ אין „טראָבל", מען דאַרף עס „צעטלען". איך גיב אַ וואָרט צו ברודער שאָץ, אונזער „פּרעזידענ־טעמיף". זאָל ער „עקספּלעינען".

ברודער שאָץ האָט געמאַכט זייער אַ וואַזשנע מינע און האָט אָנגעהויבן אין זיין טיפער ברוסטיקער שטים:

— ברידער און שוועסטער. — ער האָט דערביי געדרייט דאָס גאָלדן קייטעלע אַף זיין בייכל און גערעדט פּאַמעלעך, אַזוי ווי ער וואָלט געמאָסטן יעדעס וואָרט. ער האָט דערציילט, ווי דער טשערמאַן, ברודער דייוו, האָט אים גערופן אין שאַפּ אַריין, ווי דער באַלעבאָס

האָט געפּאָדערט ער זאָל באַלד, אָבער טאַקע גלייך, אָפּשטעלן קערנער׳ן און אַנאַ׳ן פון דער אַרבעט.

— וואָס מיינט איר, ווען אַ באַלעבאָס באַשטייט, בין איך מעכויעוו גלייך אויסצופירן? אַף דעם בין איך דאָך אייער פּאַרטרעטער, איך זאָל זוכן אויסצופּרעסן. האָב איך מיט אים געטאַינעט און געטאַינעט. זאָל ער ניט זיין אַזוי אויפגערעגט, האָב איך אים געזאָגט. אַ מענטש דאַרף זיין יווישערדיק. אַ שיינעם פּאָנים, האָב איך אים געזאָגט, וואָלט די וועלט געהאַט אַן יווישער. איך וועל אייך זאָגן, ברידער און שוועס־טער, אַז ס׳איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער. ער האָט מיך אָבער אויסגעהערט. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב צו אים גערעדט. מיין טאַינע איז דאָך געווען אַ גערעכטע. איך האָב אים געזאָגט: — מיסטער כאַנין, זאָג איך, ווען אַן אַרבעטער וואָלט אייך געגעבן אַ פּאַטש, אַזוי אָן שום אורזאַך, וואָלט איך אים באַלד אָפּגעשטעלט פון דער אַרבעט. אָבער איר האָט דאָך אויך עפּעס געטאָן, צי ניין?

קערנער האָט זיך איינגעהערט אין זיינע ווערטער און באַ־וואונדערט זיין האַלטן זיך און זיין קלאָרע שטימע. ער האָט געזען, ווי ברודער שאַץ פּירט ערגעץ און מיידט אינגאַנצן אויס די אָנ־צוהערענישן אַף אַנאַ׳ן, וואָס ער האָט ערשט נעכטן אָוונט געגעבן. ברודער שאַץ האָט אַ ביסעלע אויפגעהויבן זיין קאָל און געלאָזט וויסן:

— ברידער און שוועסטער: דער באַלעבאָס האָט מיך געפאָלגט. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אַף מיר. צום באַדויערן, האָב איך פון דעם צווייטן צאַד, פון ברודער קערנער, קיין קאָאָפּעראַציע ניט געהאַט. איך מיט אים בין אַדעראַבע וועאַדעראַבע. איך האָב דאָך אים געקאָנט אינגאַנצן ניט ארויפּשיקן אין דעם שאַפּ. האָב איך אָבער געזען — אַ גאַנץ אינטעליגענטער מאַן, אַ גוטער באַלמעלאָכע, צו וואָס זאָל ער זיך ארומדרייען לײדיק? זאָל ער ארויף אַרבעטן. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז שוין אַף דער דריטער וואָך וועט ער אָפּשפּילן אַזאַ כאַסענע אין שאַפּ?

— אַ כיטרער נעפעש, — האָט קערנער אַ טראַכט געטאָן. — זייער אַ פּאָרזיכטיקער.

און דאָך איז אים געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן „די יוניע" ריידן.

— איך האָב מיט ברודער קערנער'ן, — האָט ער פאַרגעזעצט, — געהאַט אַ שמועס. אים אָנגעוויזן, אַז ער דאַרף דעם שאַפּ ניט האָבן. איך קאָן אים געבן אַ בעסערן דזשאָב. ווען ער וואָלט מיך געפאָלגט, וואָלט ער שוין היינט געאַרבעט אין אַ בעסערן שאַפּ, ווי כאַנינ'ס. ער איז אָבער, זעט אויס, אַן אַקשן. מיסטער כאַנין פאָדערט מען זאָל אים אַרויסנעמען פון שאַפּ, אַז ניט וועט ער דעם שאַפּ צומאַכן און איבער הונדערט פאַמיליעס וועלן בלייבן ברויטלאָז. וואָס זשע, אַזוי גייך קריגט מען עס דזשאָבס היינטיקס צייטן? געוויס וואָלט מען געקאָנט געבן דעם באָס אַ „פאַיט", ווען עס איז נישט קיין אַנדער אויסוועג. אָבער אין דעם פאַל קאָן מען אויסקומען אָן אַ „פאַיט". די אַרבעטער ווילן זיצן אין שאַפּ און מאַכן אַ לעבן, און אויב ברודער קערנער זאָל ניט זיין איינגעאַקשנט, קאָן דער שאַפּ מאָנטיק צוריקגיין צו דער אַרבעט. איך האָב דעריבער געפונען פאַר נויטיק צו רופן דעם שאַפּ־מיטינג, און זאָלן די באַלמעלאָכעס באַשטימען.

באַלד, ווי ברודער שאַץ האָט אָפּגערעדט, איז אין מיטינג־לאָקאַל געוועזן שטיל אַ פּאָר מינוט — קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט. אַלע האָבן געוואַרט אויף עפּעס. פּלוצלונג איז געוואָרן אַ מורמל. עס האָט זיך אויפגעהויבן די ערשטע האַנט. דייוועקע האָט גערופן:

— ברודער זאַלמען האָט דאָס וואָרט.

זאַלמען איז שוין געשטאַנען באַם שטענדער אין זיין גאַנצער לענג. דער גאָרגל זיינער האָט זיך געצויגן אַרויף און אַראָפּ. אויף זיין נידעריקן שטערן האָבן זיך צונויפגעגאָסן זיינע ברעמען מיט די האָר אין די ווינקלען, באַ די שלייפן. עס איז געוואָרן טומלדיק. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— שאַ, זאָל זיין שטיל, זאַלמען וויל ריידן.

— לאָמיר הערן, וואָס דער גאָרגל וועט ברייען.

עס האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. זאַלמען גאָרגל האָט מיט איין מאָל אַרויסגעשאָסן:

— מיר'ן ניט מאַכן קיין רעוואָלושענס אין שאַפּ. מיר ווילן מאַכן אַ לעבן. דער נייער רעוואָלושעניסט האָט אָנגעמאַכט אַ „טראָבל". מיר האָבן שוין פאַרלוירן אַ האַלבן טאָג אַרבעט. צו וואָס דאַרפן מיר פאַרלירן צייט צוליב אַ באַי, וואָס וויל מאַכן רעוואָלושענס?

מיר זיינען פעמילע־לייט. די יוניע וויל אים דאך געבן אן אנדער דזשאב. צוליב אזא מיידל ווי אנא...

פון אלע זייטן האבן זיך דערהערט געשרייען:

— וואס פאר א מיידל, גארגל?

— דו ווערעמדיק מויל!

— זעץ זיך אוועק! גענוג גערעדט!

און זאלמען גארגל האט צו איינעם פון די באלמעלאכעס געשריען:

— דו פארמאך דיין פרעסער, אז ניט וועל איך דיר די צונג ארויסרייסן.

דער ארבעטער האט זיך א ריס געטאן פון ארט:

— גארגל, וואס ווערסטו מיר טאן? איך האב דיך אין דר'ערד. מיר 'עסטאך קיין אויער ניט אפשניידן. א גאנצער שטארקער!

דער מיטינג־לאקאל איז געווען איינגעהילט אין טומל און אין פאפיראסן־רויך. מער פון אלע האבן געטומלט די פרויען. קערנער האט זיך אומגעקוקט. סילוויע איז געזעסן רואיק. עפעס א מאדנער ערנסט האט זיך אפ איר פאנים פארצויגן. הערי האט זיינע אויגן געהאלטן אנגעשטעלט אפן טשערמאן, ווי ער וואלט געוואַרט אף דער געלעגנהייט צו נעמען א ווארט; זיידעל, קערנער'ס שאכן אין שאפ, האט זיינע ברוינע אויגן געפירט איבערן אוילעם און פון אוילעם צו ברודער שאצ'ן באם שטענדער. ער האט מיט דער לינקער האנט א פיר געטאן איבער זיינע גלאטע, דינע, שווארצע האר, צוריק ארופגעלייגט די האנט אפן שטערן, א פיר געטאן אראפ איבערן גאנצן פאנים און געבליבן זיצן מיט דער מארדע איינגעפאסט אין דער דלאניע. עס איז געווען צום ערשטן מאל, וואס קערנער האט אים באמערקט, אזוי אומרואיק־פארטראכט. קערנער'ס אויג איז געפאלן אף אנא'ן. איר קעפל האט זי געהאלטן אראפגעלאזט אף ביידע הענט און די ליפעלעך מיט די אייגעלעך האבן געקוקט ערגעץ אראפ צום דיל. מיטאמאל האט קערנער'ן א שלאג געטאן אין קאפ:

— דזשאסלין, וואו איז דזשאסלין?

דזשאסלין איז ניט געווען באם מיטינג. ווען אלע באלמעלאכעס זיינען צוגעקומען צום מיטינג־לאקאל, האט קערנער געזען דזשאסלינ'ען באם ארייננגאנג, מיט שוירלי'ן, א מיידל פון שאפ, א רונדיקע, א

פעסטע מיט לאכנדיקע אייגעלעך. צו שוירלי׳ן, האָט מען אין שאַפּ געשמועסט, האָט דזשאָסלין אַ שוואַכקייט. עס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס קערנער האָט געזען דזשאָסלינ׳ען מיט איר. ווען דזשאָסלין האָט דערזען קערנער׳ן, האָט ער אים צוגערופן און פאַר־געשטעלט:

— דאָס איז שוירלי.

— אַ פיין מיידל, זעט זי אויס, — האָט קערנער באַמערקט.

זי איז געשטאַנען אַזאַ ליכטיקע, אַ זוניקע, און דזשאָסלין האָט מיט איר געשטיפט, זשמורענדיק זיינע פיילן־אייגעלעך קעגן דער זון. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגערופן צו קערנער׳ן:

— גייט אַרויף. איך וועל באַלד אויך אַרויפגיין.

ער האָט אַ נעם געטאָן שוירלי׳ן אונטערן אָרעם און זיי זיינען אַוועק.

— נאָך נישטאָ צוריק, — האָט קערנער געטראַכט, ווי עפּעס שאַרפס וואָלט אים אַ ביס געטאָן.

דער טומל איז שוין געווען איינגעשטילט. „די יוניע", ברודער שאַץ אַליין, האָ געמוזט איינשטילן דעם אוילעם. און זאַלמען גאָרגל האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב געזאָגט, אַז צוליב אַזאַ מיידל ווי אַנאַ... האָט איר געמאַכט אַ טומל. אָבער מען דאַרף זיך ניט טומלען. נישקאָשע, מען ווייסט, זי איז ניט קיין צידקאָניעס...

הערי האָט אַ טראַסק געטאָן מיט אַ שטול:

— פאַרמאַך דעם פּיסק, גאָרגל, איך פּלעט דיר דעם קאָפּ!

עס איז ווידער געוואָרן אַ טומל און ברודער שאַץ האָט געמוזט בעטן זאַלמען גאָרגל זיך אַוועקזעצן. ער האָט אַפילו זיך געמוזט אַנטשולדיקן פאַר זאַלמענ׳ס רייד:

— מען דאַרף אַזוי ניט ריידן. צו וואָס בלאַמירן אַ מיידל גלאַט אין דער וועלט אריין?

קערנער׳ן איז דאָס בלוט אריין אין פּאָנים:

— אָט אַ כיטרינקער היפּאָקריט! זאַלמען האָט דאָך בלויז אָפּן גערעדט, וואָס ער, „די יוניע", האָט נעכטן געזאָגט קערנער׳ן. —

קערנער האָט זיך אָט־אָט א ריס געטאָן פון אָרט, נאָר דאָ האָט ער דערהערט, ווי יענער רופט אויס:

— שוועסטער סילוויע, איר ווילט עפּעס זאָגן?

סילוויע האָט זיך אויפגעהויבן. איר פּאָנים בלייך פון אויפרעגונג, האָט זי שטיל אָנגעהויבן:

— ברודער טשערמאַן, ברידער און שוועסטער: איך בין ניט קיין רעדנערין. איר ווייסטאָך, אַז איך רייד קיינמאָל ניט בא קיין מיטינגען. (דאָס איז געווען עמעס, ווייל זי איז קימאַט קיינמאָל צו קיין שאַפּ־מיטינגען ניט געגאַנגען. ווייזט אויס, באַטראַכט פאַר „נידעריקער פון איר ווירדע".) אָבער די רייד דאָ באָס היינטיקן מיטינג קאָנען, דאַכט זיך, א שטומען עפענען דאָס מויל. מען באַ־לײדיקט אַזוי מיעס און אָפן אַן ארבעטער־מיידל. אַנאַ אַרבעט אין שאַפּ א לאַנגע צייט. זי אַרבעט, ווייל זי דאַרף מאַכן א לעבן פאַר זיך און איר מוטער. זי האָט מיטן באָס ניט געשריבן קיין קאָנטראַקט, אַז זי מוז זיין א צידקאָניעס. אָבער דאָס, וואָס מען רעדט דאָ היינט, באַליידיקט דאָך ניט בלויז זי, נאָר אַלע פרויען פון שאַפּ. וואָסי, זי איז דען די איינציקע, וועמען דער באָס האָט געזידלט און געשלאָגן אַפילע? אָט טוט נאָר א פרעג בא ראָזי'ן, בא עמאַ'ן, בא גוירדי'ן. איך וויל אייך זאָגן, אַז איך, אַף אַנאַ'ס פּלאַץ, וואָלט ניט געוואַרט עמיצער זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. איך וואָלט אים אַליין אויס־געפּאַטשט...

— דאָס ד' גורל!...

— זאָג זיי, זאָג זיי.

— זיי מיינען, אַז פרויען מעג מען באַשפּייען.

— רייד, סילוויע, רייד.

אָבער סילוויע האָט מער ניט געוואָלט ריידן. זי האָט אָפּגעזאָגט, וואָס זי האָט געדאַרפט, און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אַף איר שטול. ברודער שאַץ האָט דערפילט די שטימונג פון די ארבעטער און ער האָט פּאַרקירעוועט דעם דישל. אַזוי האָט זיך אַלנפאַלס קערנער'ן אויס־געוויזן. קערנער האָט געזען, ווי אַבע פּראָצענטניק האָט זיך איבער־געקוקט מיט דער „יוניע". אַבע האָט מיט די אויגן געבעטן א וואָרט

און „די יוניע" האָט מיט די אוגן געענטפערט: „ליג איינגעלייגט."
און באַלד האָט ער אויפגערופן:

— ברודער הערי.

הערי איז געשטאַנען אַף די פיס, נאָך איידער מען האָט אים גערופן. ער האָט גערעדט ניט שנעל, אָבער מיט פייער:

— ברידער און שוועסטער, איך זע דאָ אַ גאַנצע פאַרשווערונג.

אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן, און אַבע פּראָצענטניק האָט אַ בורטשע געטאָן:

— קאָמיוניסט...

הערי האָט עס אויפגעכאַפּט און באַלד געענטפערט:

— געווים אַ קאָמוניסט, דערפאַר בין איך אַלעמאָל מיט די אַרבעטער און ניט מיט די לענדלאָרדס...

ברודער שאַץ האָט דאָ געפונען פאַר נויטיק אַריינצושטעלן:

— ברודער הערי, מען דאַרף דאָ ניט אַריינמישן קיין זאַכן, וואָס האָבן מיט דער יוניע ניט צו טאָן.

— זיי האָבן יאָ צו טאָן, ברודער שאַץ, — האָט הערי געענטפערט. — אָבער לאָזט ניט איבעררייסן, וועל איך וועגן דעם ניט ריידן. אין שאַפּ זיינען דאָ מענטשן, וואָס אַרבעטן האַנט־אין־האַנט מיטן באָס. עס איז ווינציק, וואָס מען באַשמוצט אַן אַרבעטער־מיידל, האָט מען היינט אינדערפרי געוואָלט פּראָווען אַ לעוואַיע אין שאַפּ. דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש; דאָס האָט מען אָן צווייפל גערעכנט: שוין, קערנער איז שוין נישטאָ אין שאַפּ! האָט מען אויך געהייסן דעם צוגרייטער היינט ניט אַריינקומען. זאָלן די באַלמעלאָכעס זען, אַז מען ענדיקט אַרויס די אַרבעט, וועלן זיי זיך דערשרעקן און אַרויסוואַרפן קערנער'ן. מען סטראַשעט אונז מיט אונזער ברויט — קעדיי מיר זאָלן פאַרראַטן אונזערן אַ ברודער. דאָס טאָר דער באָס ניט דערלעבן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן דזשאָסלין. ער האָט זיך אַריינגערוקט דורך דער טיר שטילערהייט און פאַרנומען דעם ליידיקן שטול לעבן אַנאַ'ן. הערי האָט אים דערזען און האָט אַזוי ווי אומיסטנע אויפגעהויבן זיין שטים:

— וואָס ברודער זאַלמען האָט דאָ געזאָגט וועגן אַנאַ'ן, איז אַ

באליידיקונג פאר איר און פאר די פרויען און פארן גאנצן שאפ ארבעטער. דער, וואס רעדט אזוי מיעס וועגן אן ארבעטער־מיידל, דינט דעם באס. דער שאפ טאר עס ניט דערלאזן.

הערי האט זיך אוועקגעזעצט. די באלמעלאכעס האבן אים צו־געפליעסקעט: גערעכט, הערי! מען האט אבער געפילט, ער האט זיי נישט טיף גערירט. דייווקע האט געלאזט וויסן, אז „מער קיין ספיטשעס זיינען נישטא" און — דא האט זיך א ביסל אומזיכער אויפגעהויבן זיידעל'ס האנט:

— ברודער טשערמאן.

זיידעל האט זיך פאמעלעך אויסגעדרייט מיטן פאנים צום אוילעם און אנגעהויבן:

— ברידער און שוועסטער: איך וויל זאגן — עס איז אן אוולע. מען דארף ניט אזוי באליידיקן קיין מענטשן, ווי מען האט דא באַ־ליידיקט אנא'ן. איך ארבעט שוין מיט איר אין שעפער א קאימעלאן פון דריי יאר. זי איז א גרויסע שטיפערקע, אבער ווארפן אף איר רעכילעס — דאס פאסט ניט פאר קיין ארבעטער. א שניידער דארף קאנען פלינק איינפעדעמען א נאדל, אבער די צונג דארף מען קאנען האלטן צווישן די ציין.

— איך זאג, — האט ער ווייטער גערעדט, — און אלע באל־מעלאכעס, אויסער עטלעכע, וועלן מיט מיר איינשטימען, אז דעם פאטש האט דער באלעבאס קאשער פארדינט. שטעלט זיך פאר, ברידער און שוועסטער, אז אייערס א קינד גייט אוים צו א פארטי. איר ווייסטאך: ס'איז אמעריקע מיט די פארטיס. שפעט באנאכט קומט זי אהיים. אינדערפרי ווילט זיך איר שלאפן נאך א האלבע שא. זי איז דאך ניט מער ווי א מיידל. שלאפט זי נאך א ביסל. און אז זי גייט אוועק צו דער ארבעט, באפאלט זי דער באלעבאס, זידלט זי און שלאגט זי, ווי אונזער באס האט געשלאגן אנא'ן. ווען מיר דערוויסן זיך פון דעם, בלוטיקט דאך אונזער הארץ. וואסי, שניידערשע קינדער זיינען שוין טאקע העפקער?

איבערן לאקאל האט זיך דורכגעטראגן אזוי ווי א לייכטער זיפץ. ער האט אנגערירט קימאט יעדן ארבעטער אין שאפ, וואס איז געווען אדער א פאטער, אדער א מוטער, אדער א ברודער, אדער א שוועסטער.

ער האָט געפילט, אַז מען הערט זיך צו אים אויפמערקזאַם צו. קערנער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין זיידעל'ן איז פאַרלאָרן געגאַנגען זייער אַ טאַלאַנטפולער מאַגיד, כאָטש זיינע רייד זיינען אים ביז גאָר געפעלן. ער האָט געהערט: עס רעדט דער שניידער, דער קערנדיקער באַל־מעלאָכע. זיידעל האָט ווייטער גערעדט:

— זאָג איך אייך, אַז דעם פּאַטש האָט געגעבן ניט ער, קערנער, נאָר מיר, דער גאַנצער שאַפּ, אַלע אָפּערעיטערס, פּרעסערס, שניידער האָבן דעם פּאַטש געגעבן. ברודער שאַץ זאָגט, אַז קערנער קאָן קריגן אַן אַנדער פּלאַץ. ער דאַרף דעם שאַפּ ניט האָבן. מעג דאָס טאַקע זיין עמעס, אָבער ברודער שאַץ איז אומגערעכט. ניט קערנער דאַרף דעם שאַפּ, נאָר דער שאַפּ דאַרף אים. די באַלמעלאָכעס פון שאַפּ דאַרפן אים. (דאָ האָט אויסגעבראָכן אַן אַפּלאָוז, וואָס האָט אים געשטערט ריידן. ער האָט מיט דער האַנט געבעטן מען זאָל אויפהערן אַפּלאָדירן און האָט פאָרגעזעצט). שטעלט זיך פאָר, ברידער און שוועסטער, וויפיל יאָר מיר אַרבעטן שוין אין שאַפּ. מיר האָבן שוין געזען צופיל אַזעלכע זאַכן, ווי מיט אַנאַ'ן. מיר האָבן געזען, ווי ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט אַ מיידל געוויינט, — אָט זיצט זי, אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אַף גוירדי'ן, — פון באַלעבאָס'ס זידלערייען. אַ סאַך פון אונז האָט עס וויי־געטאָן. (ריכטיק! — האָט אויסגערופן אַן אַרבעטער). דעריבער זאָג איך, אַז האַלעוואַי אַ סאַך אַזעלכע קערנערס, וואָלט אונז גרינגער געווען צו לעבן בא שניידעריי.

— וואָס אָנבאַלאַנגט דער אַרבעט אין שאַפּ, זאָג איך אייך: שניידער זיינען ניט קיין קעסט־קינדער. זיי עסן ניט יענעמס ברויט. זיי זיינען געוואוינט צו הונגערן און צו סטרייקן. ווילן מיר איצט אויך זאָגן דעם באַלעבאָס: קערנער איז אונזערער, אָן אים אַרבעטן מיר ניט. עס מוז דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אַ סאָף צום פּאַטשן און צום זידלען.

זיינע ווערטער האָבן געלאָזט אַ טיפן רושעם. דער אַפּלאָוז, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געווען ניט קיין אויפגעשרויפטער פון שיין־ריידעריי. דאָס איז געווען אַן ענטפער אַף עמעסדיקע ווערטער, וואָס די שניידער האָבן פאַרשטאַנען.

:: :: ::

באַם שאַפּ־מיטינג האָבן נאָך גערעדט דזשאָסלין און קערנער. דזשאָסלין האָט גערעדט היציק און פּילאָזאָפיש. ער האָט גערעדט וועגן קלאַסנקאַמף, וועגן גרויסע גייסטער, וועגן קראַפּאָטקין דעם לערער פון פרייהייט פאַר אַלע אונטערדריקטע, וועגן מאַרטירער. ער האָט זיינע רייד דורכגעפּלאָכטן מיט אַ פּאָר ווערטלעך: „שניידער זיינען שקלאַפן און שניידער זיינען העלדן", „אַרבעטער־מיידלעך, וואָס ווערן געפּאַטשט פון באַלעבאַטים און באַליידיקט פון אַרבעטער, זיינען מאַרטירער פאַרן אַרבעטער־קלאַס!".

קערנער'ן האָט עס אויסגעוויזן אינטערעסאַנט. געצילט האָט דזשאָסלין, האָט קערנער געטראַכט, צו איין פּונקט: דורך דער „גע־לערנטקייט" זיינער, זאָגן צו זאַלמען גאַרגל, ער זאָל וויסן זיין, אַז ער, דזשאָסלין, כאָטש זיי זעען זיך אַזוי אָפט באַ שאַמשע'ן אין שענקל, איז ער אָבער ניט זיינס גלייכן און זאָל ער, זאַלמען, געדענקען, אַז ער וועט שוין האָבן אַ וויסטן סאָף פאַרן באַליידיקן אַנאַ'ן. ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו דערקלערן דעם שאַפּ אין סטרייק, אויב דער באַלעבאָס גיט באַלד ניט נאָך. דערביי האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— אָן קערנער'ן גייען מיר ניט צוריק צו דער אַרבעט.

און קערנער האָט געזאָגט:

— איך האָב קימאַט ניט וואָס צו זאָגן. ווי איר וועט באַשטימען, אַזוי וועט זיין. אויב איר וועט באַשטימען איך זאָל פאַרלאָזן דעם שאַפּ, כאָטש איך וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אומרעכט, וועל איך דעם שאַפּ פאַרלאָזן. אויב ניט, און איך האָף, אַז באַ יעדן איינעם פון אונז טליעט אַ פונק פון אַרבעטער־אַכדעס, איז געוויס גוט. נאָר זאָגן זאָג איך: אין דעם שאַפּ, אָדער אין אַן אַנדער שאַפּ, וואו איך זאָל ניט אַרבעטן, — ווען איך וועל זען ווי אַ באַלעבאָס הויבט אַ האַנט אויף אַן אַרבעטער־מיידל, אָדער אויף אַן אַרבעטער, וועט מיין פויסט זיין דער ערשטער, וואָס וועט צעשמעטערן זיין שנוק.

עס האָבן זיך דערהערט קולעס:

— אַטאַ באָי, קערנער!

— דערציייל זיי די מאַיסע!

— איך זאָג, — האָט ער פאָרגעזעצט, — אַז עס איז דער

מיעסטער פארברעכן פון אן ארבעטער צו ווארפן א פלעק אף אן ארבעטער־מיידל, אדער אף אן ארבעטער־מאן. יעדער איינער, וואס ארבעט אין שאפ אף א לעבן צו מאכן, — מאן אדער פרוי, — איז אונזערס א ברודער און א שוועסטער. זיכער טאר מען ניט דערלאזן א באלעבאס צו הויבן הענט, אדער צו זידלען אונזערע אייגענע. אבער איך זע, אז איך רייד איבעריקע רייד, וועל איך זיך בעסער אוועקזעצן. איר האט שוין געשאפן אייער מיינונג ווי צו שטימען, און איך וויל ניט צונעמען אייער צייט אומזיסט.

— אפשטימען! אפשטימען! — האט זיך דערהערט פון אלע זייטן. אבער ברודער שאץ האט געזאגט, אז מען דארף ניט שטימען, עס וועט זיין גוט אזוי אויך, און ער האט געשלאסן דעם מיטינג.

פון מיטינג־לאקאל זיינען די ארבעטער ארויס שטראמענווייז. דא זיינען שוין געשטאנען ארבעטער פון אנדערע שעפער און געווארט אף די נייעס. בא אלעמען האבן געפינקלט די אויגן, כאטש מען איז געווען מיד פון רויך, רייד און פארשטיקטער לופט. אין זייערע אויגן האט מען געזען: זיי האבן פון זיך אראפגעווארפן א הארב און דער־פילט די ווירדיקייט פון ארבעטער־מענטשן. אבע פראצענטניק האט אין גיך געזעמל אריינגעווארפן:

— א־ראיט, אבער צו נייען רעק קומט עס ניט.

עטלעכע שניידער האבן זיך אף אים אנגעווארפן:

— פראצענטניק!

— ליג אין דר'ערד!

— גיי זאג באניג'ען, ער זאל צומאכן דעם שאפ.

דא האט זיך מיטאמאל באוויזן זאלמען גארגל. אייניקע ארבעטער האבן זיך אריינגעשטעלט אינמיטן און זאלמען'ען ניט צוגעלאזט, ביז ברודער שאץ איז ארויסגעקומען און אים אוועקגערופן. עס וואלט, האבן די ארבעטער גערעדט, זיכער געקומען צו א געשלעג: — ער איז דאך אן עמעסער מערדער.

:: :: ::

איבער בראנזווילער גאסן האט זיך געפילט דער ערעוו־שאבעס. די זון האט זיך שוין געהאט פארקייקלט גאנץ טיף אין מאירעוו אריין.

אף בעלמאַנט עוועניו האָבן שוין פּעדלערס צונויפגעשטופּעוועט די איבערגעבליבענע גרינסן און בענטש־ליכט. אונטער די פיס האָבן זיך געוואַלגערט קופּעס אָפּפאַל פון אַ טאָג האַנדל. אידן, פאַרשמאַכטע פון אַ טאָג האָרעוואַניע, פון קויפן און פאַרקויפן, אידן מיט געקרייזלטע פּייעס און פאַרשמאָלצענע זשופּעצעס זיינען געלאָפן אין דער דער־בייאיקער באָד אריין.

קערנער איז געגאַנגען מיט סילוויע'ן. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און געפרעגט:

— קערנער, ווי האָב איך געדאַוונט?

— ווי אַ באַל־טפילע פאַר דער שוועגטע מאַריע, — און באַלד האָט ער צוגעגעבן: — דאָס אַלץ, וואָס דיך פאַראינטערעסירט אין דעם איניען, סילוויע?

איר פאַרשייט געלעכטער, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט, איז פאַרטריקנט געוואָרן באַ איר אַף די ליפּן. זי האָט זיך צו אים געטוליעט און געזוכט מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן איר שפּאַס, וואָס איז געווען אויסער פּלאַץ.

זי איז אים איצט געווען אַ ביסל דערווידער. אין דער ערנסטער לאַגע טראַכט זי נאָר וועגן זיך. ער האָט זי צוגעפירט צום הויז. זי האָט אים געדריקט די האַנט און איז אַרויפגעלאָפן אַף די שטיגן.

קערנער איז אַוועק אַליין. ערשט איצט, טראַכטנדיק וועגן שאָפּ־מיטינג, האָט ער דערפילט, ווי אומגערעכט ער איז געווען בענעגייע די אַרבעטער. באַלד נאָכן פּאַטש האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויס ליבע צו אים. „זיי האָבן זיך מיר ניט געוואָרפן אַפן האַלז", האָט ער אַליין אין זיך געשפּאַסט. און ער, ער האָט גענומען טראַכטן: ער איז אַליין; זיי זאָרגן בלויז פאַר זייער טאָג אַרבעט.

ווי אומגערעכט ער איז געווען, — האָט ער געפירט ווייטער זיין טראַכטן. וואָס פאַראַ אַכדעס־אייגנשאַפט עס האָבן די אַרבעטער! זיי גיבן דאָך קויעך צו לעבן און אַ זין דעם לעבן.

אין טונקל פון פאַרנאַכט איז ער אַריין צו זיך אין צימער און זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן בעטל.

(צווייטער קאַפּיטל)

האָדעס מערלין

1.

איין צימער דאָ, אין דעם הויז קעגנאיבער דעם קליינעם פּאַרקל, איז גרויס און געראַם. דאָס צווייטע איז אַ קליינינקס. ביידע זיינען ציכטיק צוגעראַמט. נאָר יעדעס האָט אַ באַזונדערן אויסזען. דאָס גרויסע צימער: טעפּיכער זיינען דאָ אויסגעשפּרייט אַף די דילן; אַף איין וואַנט אַ טערקישע שאַל, אַף דער צווייטער — אַ שאַל אין קאָלירטע קובן און שפּיצן־שטריכן. צווישן די צוויי פענצטער, וואָס צום פּאַרקל אַרויס, אַ בילד פון מענדעלע מויכער ספאָרים; אַף די אַנדערע ווענט — בילדער פון אידישע שרייבער פון אייראָפּע און אַמעריקע. איבערן קליינעם העל־פּאָלירטן קאָמאָדל העגנען פון איין זייט אַ בילד פון מוישע נאַדיר; פון דער צווייטער, אַן אויטאָגראַפירטע צייכענונג פון מוישע לייב האַלפּערן. אינמיטן — אַ קליין, גיפּסן ביוסטל. אויסגעקריצט אַף דעם ביוסטל זיינען די ווערטער: „מוישע ראַביינו”—„מייקל אַנדזשעלאָ”.

באַטאָג, ווען די גאַס איז זוניק און די דיקע פאָרהאַנגען זיינען אַ ביסל צענומען, מיניעט זיך די זון אַף די טעפּיכער פונעם צימער און שלאָגט אָפּ פון דאָרט אַ ביסל אויך אַף די ווענט מיט די שאַלן. פרעמדלעך פילט זיך אַ זון־שטראַל דאָ אין צימער, אַזוי ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. אַנדערש איז ווען עס רעגנט, אָדער ווען דער הימל איז פאַרוואָלקנט. אַ געמיטלעך שטילער טרויער הילט איין דאָס צימער אין אַזאַ טונקעלן טאָג און עס טוליען זיך אַזוי אייגן די בילדער און די שאַלן צו די ווענט. ווען עס פּאַסירט, און די פאָרהאַנגען זיינען

א ביסל פאַרשאַרט און אַ זון־שטראַל רייסט זיך דורך, דוכט זיך, אַז די מענטשן דאָ, אַף די בילדער, זשמורען מיט די אויגן.

באַנאַכט, באַם שיין פון טונקעלע לעמפּלעך — קיין העל לאָמפּ ברענט דאָ קימאַט קיינמאָל ניט — לייגן זיך שטילע שאָטנס אַף די ווענט. אַמאָל ברענען דאָ אַפילע קיין טונקעלע לעמפּלעך אויך ניט, בלויז ליכט, ביילעווענע, פאַרשידן־קאָלירקע ליכט. בלויז אין אָוונט זיינען די פאָרהאַנגען אַמאָל פאַנאַנדערגענומען אַ ביסל מער ווי געווינטלעך. נאָר די שטילקייט בלייבט. ס'איז דאָ שטענדיק שטיל און רואיק. אין די ליכט־פלעקן אַף די ווענט שמייכלען שאָטנדיק די בילדער; די שאָלן ווינקען זיך פאַרטרויילעך איבער; די קליינע, קאָלירטע טעפּיכער טוליען זיך פאַרטרויילעך צום געוואַקסטן דיל. אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט צו לופט און ליכט, וועט דאָ זיין שטיקנדיק. ס'איז אַ צימער וואָס בליט מיט אַן אייגנאַרטיק וועלקן.

אַ קליין טירל, באַהאַנגען מיט געפרענזלטע פאָרהאַנגלעך, פאַרבינדט דאָס גרויסע צימער מיטן קלענערן. דאָ שטייט אַ קליין גאַזאויוועלע, אַ קליין קעלטערל, וואָס ווערט אַזוי זעלטן גענוצט ווי דאָס גאַז־אויוועלע; אַ פּאָר שאַפּקעלעך מיט קאָלירטע, פאַרצעלייענע קיילים. די פאָרהענגלעך אין דעם צימער זיינען אויך קאָלירטע, נאָר שוין פון „אַן אַנדער גאַטונג", ווי די באַלעבאָסטע פון די צימערן וואָלט געזאָגט. מאַראַנצן־קאָלירטע קוביקלעך און קייקעלעך אַף ווייסן טיול באַצירן דאָס איינציקע פענצטערל, די שאַפּקעלעך און דאָס גאַז־אויוועלע. אויך דאָ איז רואיק און ציכטיק. מען זעט: זעלטן ווען ווערט דאָס צימערל גענוצט. דער היינטיקער אָוונט איז געווען איינער פון די זעלטענע אויסנאַמען.

האָדעס מערלין, די אייגנטימערין פון דער דירע, איז היינט געקומען אַהיים פאַרפרי. זי איז שוין לאַנג ניט געווען אַ גאַנצן אָוונט באַ זיך אין צימער. זי האָט זיך אַזש פאַרבענקט נאָך דער האַלבטונקלקייט, נאָך דער שטילער דריקנדיקער רו. די טעג און אָוונטן פאַרלויפן באַ איר אין איר היטל־געשעפט, וואָס רופט זיך מיטן אָפיציעלן נאָמען „האַראַסאַ העטס"; די נעכט — אין די טעאַטערס, קאַפעען, צווישן אַקטיאָרן, שרייבער און גלאַט „אינטערעסאַנטע מענטשן". באַ איר איז עס געבליבן אַ ירושע פון אירע „גוטע יאָרן",

ווי זי האָט זיי גערופן, ווען זי האָט נאָך געאַרבעט אין אַ גרויסן מאָדיסטן־געשעפט און געפּאַסט היטלען צו די פּענימער פון די סאַמע רייכסטע דאַמען אין ניו־יאָרק. פאַרדינט האָט זי דאַן אַ סאַך ווינציקער ווי איצט פון איר אייגן געשעפט, וואו זי האַלט שוין דריי אָנגעשטעלטע מאָדיסטקעס. דאָך זיינען יענע יאָרן בּאַ איר איינגעבאַקן אין האַרצן. זי האָט דאַן געהאַט אַזויפיל פרייע צייט — קאָנצערטן, ליטעראַרישע אָוונטן, אין ליטעראַרישן פאַראיין, ליטעראַרישע ליאַמעס: אַ פאַר־קישפּעטע וועלט געווען פאַר האָדעס'ן.

זי האָט קיינמאָל ניט געטרוימט צו ווערן אַ שרייבערין. זי האָט צו דעם אויך קיין אַמביציע ניט געהאַט. דער פאַראיין איז אָבער געווען ניט דאַווקע פאַר שרייבער, נאָר הויפּטזאַכלעך פאַר ליבהאָבער פון ליטעראַטור, און זי, האָדעס, איז געווען אַ ליבהאָבערין פון ליטע־ראַטור און פון שרייבער. שרייבער זיינען דאָך אינטערעסאַנטע מענטשן — מיט אַלע זייערע קאַפּריזן, זיינען זיי אינטערעסאַנט, פלעגט זי זאָגן. און דאָרט אין פאַראיין האָט זי דאָך געטראָפן אַזויפיל אינטערע־סאַנטע יונגעלייט, וואָס זיינען קיין שרייבער ניט געווען, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשנימן אַף שרייבער. דאָרט האָט זי דאָך איסראָעל'ן באַגעגנט. אַזעלכע גוטע יאָרן, אַזעלכע יאָרן פון פרייד פאַרגעסט ניט אַ מענטש זייער לייכט, און ספּעציעל, ווען דער מענטש איז אַ פרוי. אין יענע יאָרן האָט זיך אויסגעפורעמט האָדעס'עס געשטאַלט.

די מאַניערן פון די רייכע דאַמען, וועמען זי האָט צוגעפּאַסט און אויסגעפורעמט היטלען, זיינען געוואָרן איר אייגנס. זי האָט איינ־געזאַפּט אין זיך די צירלעכקייט פון איר באַלעבאָס' קליענטקעס. איר באַנעמען זיך מיט מענטשן האָט אַלעמאָל געשמעקט מיט אַן אָנזאָג: זייט אַזוי גוט, אויב איר זייט צו דעם ניט געוואוינט, יועט איר זיך דאַרפן צוגעוואוינען.

אינערלעך, ווידער, האָט זי זיך אויסגעפורעמט בּאַ די לעקציעס פון איר פאַראיין. דאָרט זיינען אַרויסגעטראָטן די סאַמע בעסטע פון די יונגע ליטעראַטן אין אַמעריקע, די סאַמע בעסטע קריטיקער און עסייאיסטן. איר פאַראיין האָט געהאַט אַ זעלטענע ביבליאָטעק, פאַר וועלכער זי האָט בייגעטראָגן אַ היבשע סומע, און וואָס זי האָט טאַקע

געשמאַק אויסגענוצט, באַזונדערס אין די יאָרן פון איר באַקאַנטשאַפט מיט איסראַעל'ן.

אין די יאָרן פון איר אויסערלעכער און אינערלעכער אויס־פורעמונג האָבן איר ברוינע אויגן דערוואָרבן אַ פּיכט־מילדן גלאַנץ.

היינט איז האָדעס געקומען אַהיים און זיך גענומען פּאָרען אין קיך. נאָך איידער זי איז אַריין אין קיך, ווען זי האָט זיך אויסגעטאָן איר נעץ־געפּאַסטן מאַנטל, האָט זי אַרויפגעוואָרפן אַ קאָלירטן שאַליק אַף די פּלייצעס. היינט האָט זי זיך געריכט אַף אַ באַגעגעניש. זי האָט אָנגעשריבן סילוויע'ן: קום־צו, איך וויל דיך זען. סילוויע'ן האָט זי שוין אַזוי לאַנג ניט געזען, אַוואַדע אַ כאַדאָשים זעקס. איסאַרעל'ן געדענקט זי שוין די צייט ניט, ווען זי האָט אים צופעליק באַגעגנט. האָט זי איצט געפּאָרעט זיך באַם גאַז־אויוועלע, אויפגעקאָכט טיי און געלאָזט דעם קופּערנעם טיי־קעסל אַף אַ קליין גאַז־פלעמל. דערווייל האָט זי אַרויסגענומען צוויי ברוין־ווייסע טעפּעלעך, צוויי ברוין־ווייסע טעצעלעך, דאָס ברוין־ווייסע צוקער־פּושקעלע, צעשניטן פּענעצלעך ציטרין, אַלץ אַף אַ טאַץ אַריינגעבראַכט אין גרעסערן צימער און געשטעלט אַפן לענגלעך־שמאָלן טיש. ערשט איצט האָט זי זיך אָנגעגאָסן אַ טעפּעלע טיי, אַריינגעבראַכט, ווידער געשטעלט אַפן טיש און זיך געזעצט אין פּאָטעל. זי האָט אַ מינוט געטראַכט, אויסגע־שטרעקט די האַנט צום טעפּל טיי און באַלד צוריקגעכאַפּט. איר אויג איז געפאַלן אַף דער קופּערנער מענוירע — אַן אַנטיק פון דער בעצאַלעל־שולע אין ירושאַלאַים. זי האָט פּאַר דעם גוט באַצאָלט. אין דער מענוירע זיינען געשטאַנען פיר קאָלירטע ליכט: אַ גרינס, אַ געלס, אַ רויטס און אַ פּורפּורנס. זי האָט די ליכט אָנגעצונדן, דעם שאַל פון די פּלייצעס פאַרשפּרייט הויך איבערן קאָפּ, און מיט אירע צוויי אויסגעשטעלטע הענט, געשטאַנען אַ ווײַלע שטיל פאַר די ברענענדיקע ליכט — זיך אויסגעדרייט צוריק פּאַמעלעך, ווי פאַרטראַכט אין זיך אַליין, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אין ווייכן פּאָטעלכל, גענומען דאָס טעפּעלע טיי און אָנגעהויבן זופּן דעם טיי מיט אַ זילבער־ און גאָלד־לעפּעלע.

זי האָט מיט די אויגן געפירט איבער די ווענט פון איר צימער: אַלץ אירע בקאַנטע — ווען זי האָט געקענט פון ביכער אַרויס און

ווען זי האָט „געהאַט דאָס גליק צו קענען פּערזענלעך". היינט זעט זי שוין ניט יענע אַלע באַקאַנטע שרייבער אירע. אַמאָל, פון ווייטן, זעט זי זיי נאָך. דער און יענער טוט נאָך אַמאָל אַ פאָכע מיט דער האַנט, אַמאָל ציט עמיצער זיין הוט פאַר איר. אָבער יענע בלי־יאָרן, ווען זי האָט שוין געגלויבט, אַז זי ווערט אַ טייל פון דער ליטעראַטור — יענע יאָרן זיינען פאַרביי.

—איצט איז אַ צייט אַזאַ אָנגעקומען: ווער־וואוהין עס ציט, — איז איר איינגעפאַלן, — אָן דער ליטעראַטור אָבער פאַרגעסט מען.

ס'איז ניט געווען פאַר אירע קויכעס צו צעקייען די צערודערונג, וואָס די מילכאָמע האָט געבראַכט אַף דער וועלט. זי האָט געוואוסט: עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, עס קומען נאָך פאַר רעוואָלטן. פאַר איר האָבן די אַלע גרויסע געשעענישן קיין באַדייטונג ניט געהאַט. אַלץ וואָס זי האָט געוואוסט איז — עס צעפאַלט זיך דער ליטעראַטור־ביניען; דער נייער ליטעראַרישער צענטער פון דער וועלט, ווי אירע באַליבטע קריטיקער האָבן עס גערופן, גייט צו גרונט.

פון דעם געדאַנק איז איר געוואָרן מאָדנע אומהיימלעך. זי האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיך אַליין, איינגענורעט זיך אין אירע אייגענע פּלייצעס, און ווייטער געפירט מיט די אויגן איבער די בילדער און כפייצים פון איר צימער. געלאָסן האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט, דאָס האַלב־אויסגעטרונקענע טעפּעלע טיי אוועקגעשטעלט אַפן טיש און אָנגעלענט דעם קאָפּ מיט די געדיכטע ברוינלעכע צעפּ אַפן רוקן פון פאָטעלכל. דער קאָלירטער שאַל אַף די פּלייצעס האָט זיך, פון זיך אַליין, אַ צי געטאָן אַף הינטער אַ ביסל, צעשפּרייט די שפּיצן און אַנטבלויזט די עטוואָס פולע ברוסטן אונטערן דינעם שוואַרץ־זיידענעם און פון־פאָרנט־איינגעשנורעוועטן קלייד. איר בליק איז איצט געווען אָנגעשטעלט אַף אַן אויסטערלישן זעלבסט־פּאָרטרעט פון מוישע לייב האַלפּערן. עטוואָס אומפאַרשטענדלעך וואָרעמס האָט איר אַ שפּאַר געטאָן צום האַלדז.

זי האָט פּערזענלעך געקענט האַלפּערנ'ען. עס פלעגט פּאַסירן, ער פלעגט איר גריסן, אַ וואָרט איר צוּוואַרפן. דאַכט זיך אַזוי ווינציק, און דאָך — אַלעמאָל, נאָך אַזאַ באַגעגעניש, פלעגט זי דערנאָך אַהיים־גיין מיט זינגענדיקע טריט. איצט האָט איר אַזוי באַנג געטאָן — דער

דאָזיקער פּרינץ, מיט די אויגן און שטים פון אַ וואָלף, איז נאָך אַלץ אַ פּרינץ בײַ איר, אָבער עפּעס — האָט איר פאַרדראָסן — האָט ער לעצטנס אָנגעהויבן ריידן אַזעלכע רייד, וואָס גייט ניט צום פּאָנים קיין עכטן קינסטלער.

איצט זיצט זי בײַ די אָנגעצונדענע ביילעווענע ליכט, פירט די אויגן איבער די בילדער אויף די ווענט, שטעלט אָפּ איר בליק אָט אויף מוישע נאַדיר, אָט אויף מוישע לייב האַלפּערן, שטרעקט אויס אַ האַנט, נעמט אַראָפּ אַ ביכל פון טיש, קוקט שטאַר פאַרויס און פאַלט אַריין אין טיפן מעלאַנכאָלישן מורמלען:

אַז דער רעבע עלימעלעך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך עלימעלעך;
האָט ער אָנגעטאָן דאָס היטל,
און דעם שאַבעסדיקן קיטל,
און געשיקט נאָך די פידלער די צוויי.

זי האָט געזונגען טיף אין זיך אַריין, ניט ווי אַמאָליקע יאָרן, ווען דאָס ליד איז געווען די הימנע פון ליטעראַרישן פאַראיין אירן, ווען מען פלעגט עס זינגען אין פריילעכן טעמפּאָ, ראַשיק־דרויקעדיק. נאָר לאַנג־זאַם־צעצויגן, מיט טיפן אינערלעכן צער, האָט דאָס מורמלעניש גע־קאַפּעט פון איר האַרצן אַרויס. אירע אויגן זײַנען געוואָרן פײַכטלעך, אַ טרער האָט זיך באַוויזן און זי האָט געמורמלט:

און אַז די פידלדיקע פידלער
האָבן פידלדיק געפידלט,
האָבן פידלדיק — — — —

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין — ווי עס וואָלט איר טיף אין האַרצן עפּעס אַזוי באַנג געטאָן. בלויז אַ מינוט־צוויי האָט דאָס וויינען אָנגעהאַלטן. באַלד איז עס שטילער געוואָרן, אַ פּאָר קליינע שלוכצן האָבן זיך צעטראָגן צווישן די שאָטנס פון די ווענט. ס׳איז געוואָרן שטיל־שטיל. איר קאָפּ פאַרוואָרפן אויפן אָנלען, האָט זי גע־פּרוווט דערטראָגן צו די פײַכטע אויגן דאָס ביכל, וואָס זי האָט

אומבאַוואוסטזיניק געבלעטערט. די האַנט האָט זיך שווער אַראָפּ־געלאָזט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, איינגעדרעמלט. אומרואיק האָבן זיך געהויבן אירע פולע ברוסטן, אַזוי ווי דאָס אומרואיקע צוקן פון די קאָלירטע ליכט אין דער קופּערנער מענורע.

:: :: ::

די עווענין, כאָטש אין בעינהאַשמאַשעס, איז שוין געווען באַלויכטן מיט מאַסן עלעקטרישע לעמפּלעך. איבער די שילדן פון די אידישע טעאַטערס האָבן זיך רעקלאַמירט די נייסטע סענסאַציעס פון די נייסטע שלום־סעזאָניקע פאָרשטעלונגען און די נעמען פון די באַרימטע אַקטיאָרן. איין האַנט פאַררוקט אין קעשענע, מיט אַ פּאָר אויגן ווי אויף קוועקזילבער, האָט קערנער באַטראַכט די פּילצאָליקע שילדן, עלעקטרישע און פּאַשעט־געמאָלענע, איבער די טעאַטערס, קראָמען, רעסטאָראַנען, וויין־קעלערס און האָט אַפילו אַריינגעקוקט אין די שויפענצטער מיט די אַפּעטיטלעכע מייכאָלים.

ער האָט געשפּאַנט לייכט, ווי די וועלט וואָלט געווען זיינע. אַלץ איז אים דאָ געווען באַקאַנט. אַ לייכטער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף זיין ליכטיקן פּאָנים. אַ בינטל האָר פון זיין בלאָנדער טשופּרינע האָט זיך ביינעווודיק געשפּילט מיט אַ ברעם פון זיין אויג. ער האָט באַמערקט ווי מענטשן הויבן אָן שאַרף אַריינקוקן אים אין פּאָנים אַריין, און האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס. ער האָט פונדערווייטן דערהערט דאָס רוישן פון אַ הויכריידער אויף אַ גראַמאָפאָן. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן האַסטיקער, זיך אָפּגעשטעלט און דערהערט אַ גוט־באַקאַנטע מעלאָדיע. אָט איז ער גאָר נאָענט — ער דערהערט: „די גרינע קוזינע" — אַ מאָטיוו, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע אידישע איסט־סאַיד און דערנאָך די גאַנצע אידישע אַמעריקע:

געקומען איז אַמאָל מיין קוזינע,
שיין ווי גאָלד איז זי געווען די גרינע,
בעקעלעך, ווי רויטע פּאָמעראַנצן,
פיסעלעך, וואָס בעטן זיך צום טאַנצן.

ער האָט זיך ווידער, ווי אַמאָל, פאַרכאַלעמט איבער דעם פאָלקס־לידל, וואָס דערציילט וועגן דעם יונגן לעבן פון אַן אימיגראַנטיש מיידל, וואָס קומט אַהער יונג און געזונט און ווערט אויסגעזויגן אין שאַפּ: די רויטע בעקעלעך ווערן בלאַס, די יונגע פיסעלעך ווערן ווי קלעצער, וואָס הויבן זיך מער ניט צום טאַנץ.

—אַ טראַגישע, פיל־מיליאָניקע געשיכטע, — איז קערנער'ן איצט דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ.

ער האָט זיך געלאָזט גיין פון דער גראַמאָפאָן־קראָם און ניט פילנ־דיק אָנגעהויבן נאָכברומען דעם מאָטיוו פון „די גרינע קוזינע". אוועק־גייענדיק, האָט ער דערהערט אַ צווייטן פּאָפּולערן מאָטיוו, ניט קיין אידישן:

„יעס, ווי העוו נאָ באַנאַנאַס,
ווי העוו נאָ באַנאַנאַס טו־דעי . . ."

ער איז קוים אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, ווי ער האָט הינטער זיך דערהערט אַ באַקאַנט קאָל, אַ דיקלעכס, ווי פון אַ פאַס אַרויס:

— העלאָ, ברודערל קערנער! העלאָ, איסראָליק . . .

נאָך איידער קערנער האָט צייט געהאַט זיך אומקוקן, איז שוין זיין האַנט געלעגן אין דער דלאָניע פונעם געזונט, ברייט־פּלייציקן און דיקלעכן בערל זוב. בערל האָט קערנער'ן געדריקט די האַנט נאָכאַנאַנד און זיך אַלץ נאָכגעפרעגט:

— העלאָ, איסראָליק באָיעלע! ס'מאַכסטו עפּעס? וואָס זעט מען דיך ניט? וואו באַהאַלסטו זיך אוים?

קערנער האָט בערל'ען געהאַט זייער גערן. ער איז געווען צופרידן, וואָס בערל האָט אים אָפּגעשטעלט, כאָטש ער איז גאָר געגאַנגען זען האָדעס'ן. נאָר אָט — שוין לאַנג קיין מענטשן ניט געזען. די באַדאָשים, וואָס ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט, האָט ער אַלץ ווינציקער זיך געגומען באַווייזן אין דער קאַפעי, וואו זיינע גוטע פריינט פלעגן אַריינקומען. ס'איז אים נימעס געוואָרן דאָס גיין אַהער אָן אַ גראָשן אין קעשענע. ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן בלויז, ווען ער פלעגט דאַרפן עמיצן זען. זינט, ווידער, ער האָט געקראָגן אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צום לעבן פון זיינע אַרומיקע אין

שאַפּ, אין דער יוניאָן, אינדערהיים. קיינמאָל פריער האָט אים דאָס לעבן פון זיינע מימיזשנטשז אין די שעפּער ניט אינטערעסירט: אָט, פאַרגרעבטע מענטשן. פלעגט ער טראַכטן. יאָגן זיך נאָך זייער שטיקל ברויט און פון עטוואָס אַנדערש ווייסן זיי ניט. ער האָט געאַרבעט אין שאַפּ מיט אַרבעטער, מיט מענטשן, געלעבט האָט ער ערגעץ אַנדערש, ווייט פון זייער לעבן, אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט, וואָס ער האָט געקענט פון ביכער אַרויס און פון דער סוויווע זיינער.

געווען אַ צייט, ווען די מענטשן פון זיין סוויווע האָבן אים אויסגעזען צו זיין די סאַמע עכטע, די סאַמע בעסטע מענטשן פון דער וועלט. איצט האָט ער פון דער דאָזיקער וועלט זיך אָנגעהויבן דער־ווייטערן. עפּעס האָט אים אַוועקגעשטויסן פון זיין אַמאָליקער סוויווע און אים געוויקלט און פאַרוויקלט אין אַ נייעם אַרום, מיט נייע מענטשן, נייע באַגריפן. פאַרוואָס? ער האָט אַליין נאָך ניט געוואוסט, כאָטש אינערלעך האָט ער דאָס שוין שטאַרק געפילט. איצט, ווען בערל זוב האָט אים באַגריסט מיטן פאַמיליאַרן „העלאָ באַיעלע", האָט קערנער גערן געדריקט אים די האַנט און געענטפערט:

— אָ, געווען פאַרנומען —

— פאַרנומען, האָ באַיעלע, מיט שיינע דאַמען פאַרנומען? — האָט בערל שנעל אונטערגעכאַפּט. — און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אַ „קאַפּעלע", ברודערל? קום אַריין, מיר'ן אויסטרינקען אַ „קאַפּעלע" און כאַפּן אַ שמועס. וואָס זאָגסטו?

קערנער האָט אים געלאָזט ריידן. ער האָט געוואוסט, אַז בא בערל'ען אַ „קאַפּעלע", פאַרצוויגן פון קאַפּע, הייסט ניט דאַווקע קאַפּע. עס קאָן הייסן אַ שנאַפּס און אַ גלאָז וויין. עס איז נאָך אָבער סיי־ווי פרי. ער האָט זיך געלאָזט איינבעטן. אגעוו, האָט ער שוין לאַנג ניט געזען די קאַפּעי. אַ קוק טאָן שאַדט ניט. בערל'ען האָט ער אויך געהאַט זייער גערן, איז ער אַריין אינעווייניק.

די קאַפּעי, גרויס און שטאָל־מעסיק, מיט אַ צעמענטענעם דיל, איז געווען פוסטלעך. ס'איז נאָך געווען פריער אָוונט. די מערסטע אַקטיאָרן האָבן זיך איצט הינטער די קוליסן געגרייט צו זייערע אויפ־טריטן. ערשט נאָך די פאָרשטעלונגען קומען זיי אַהער. דאָך זיינען אייניקע שרייבער און אַקטיאָרן געזעסן און פאַמעלעך געזופּט קאַפּע.

דאָרט, העט־ווייט אין אַ ווינקל, זיינען געזעסן שרייבער און „גלאַט מענטשן" באַ אַ קערטל: — דער אייביקער קאָרטן־טיש, — האָט קערנער געשמייכלט אין זיך, בעשאַס מען האָט אים פון אייניקע טישלעך באַגריסט:

— העלאָ, קערנער.

— העלאָ, איסראָעל.

— וואו ביסטו געווען אין די גרויסע פרעסט?

אַף אים האָבן געהאָגלט די אַלע פראַגן פון שרייבער, אַקטיאָרן און יונגע דיכטער, וואָס האָבן אים געקענט פון ליטעראַרישן פאַראיין און פון די ליטעראַרישע דיסקוסיעס, אין וועלכע ער האָט זיך באַ־טייליקט. פון אַ ווייטלעכן טישל האָט אים אויך באַגריסט מעיער זשווירלין. זשווירלין האָט אפילע זיין באַגריסונג פון ווייטן באַטראַכט פאַר אַ גרויסן קאָווד — וואָרים ער האָט זיך געשאַצט זייער הויך, דער אַלטער דיכטער, וואָס האָט זיך געבאַוועגט נאָך מיט פּערעצ'ן, מיט שאָלעם אַליכעמ'ען, שאָלעם אַש'ן, און האָט זיך איצט געביינדלט אין דאַווקע געוואָלט אויסקוקן יונג. זיינע האַלבע־לעוואָנע־וואָנצעס, וואָס ער האָט געטראָגן אין איראָפּע, האָט ער דאָ אָפּגעגאָלט. אַמאָל פון יויצע וועגן פלעגט ער זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אַ יונגן שרייבער: אָט, זאָל מען ניט מיינען, אַז ער האַלט בלויז פון זיך.

אין קאַפעי האָט מען געוואוסט, אַז מעיער זשווירלין גריסט זיך ניט מיט אַ פּאָשעטן באָסער־וועדאָם גלאַט אין דער וועלט אַריין. ווען ער פלעגט זיך מיט עמיצן גריסן, פלעגט דאָס טאָקע יענער באַטראַכטן פאַר אַ גרויסן קאָווד. נאָר זשווירלין האָט קערנער'ן באַגריסט פון ווייטן ניט דערפאַר, וואָס ער האָט אים געוואָלט אָנטאָן קאָווד, נאָר דערפאַר וואָס קערנער האָט אַמאָל אין אַ דיסקוסיע אין ליטעראַרישן פאַראיין צעפּאַלמעסט זיינע אַ פּאָעמע און געוויזן ווי אונטערן איינפלוס פון דער טעגלעכער פרעסע פאַרלירט זשווירלין זיין האָפּט. קערנער האָט אים דאַן געראָטן אויפהערן שרייבן אין דער פרעסע, אפילע אויב אים זאָל אויסקומען הונגערן ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, וועט ער, זשווירלין, צוריקגעווינען זיין טאַלאַנט. זשווירלינ'ען זיינען קערנער'ס שטראָף־רייד ניט געפעלן. נאָר די אָפנהערציקייט זיינע האָט אים אָנגערירט טיף. אַנשטאָט אים פיינט צו קריגן, האָט ער אים אָנגעהויבן

באַטראַכטן מיט רעספּעקט. זשווירלין האָט דעריבער איצט באַגריסט קערנער׳ן ניט ווי ער באַגריסט אַלעמען, נאָר ברייטלעך, מיט אַ שמייכל אַפּילע.

נאָך קערנער האָט אויך פון דער באַגריסונג זיך געמאַכט ווינציק. ער האָט געוואוסט פון נאָך איין „מאַילע״ זשווירלינ׳ס, וואָס איז אים שטאַרק ניט געווען צום האַרצן. דער דאַזיקער „גרויסער דיכטער באַם אידישן פאָלק״, ווי די קריטיקער פלעגן אים רופן, וועלכער באַטראַכט זיך אַליין פאַר אַ קלאַסיקער, פלעגט זאָגן אַ דיכטער אין די אויגן:

— איר זייט אַ מייסטער. אייער פּאָעמע איז וואונדערבאַר. ס׳איז גרויס. איר האָט געזאָגט אַ גרויס וואָרט.

און וועגן דעם זעלביקן דיכטער, וועגן דער זעלביקער פּאָעמע, האָט קערנער געהערט זשווירלינ׳ען סוידעסדיק רײדן אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַ גראַפאָמאַן, קאָן קיין שורע ניט אָנשרייבן. האָט אָנגע־פּלוידערט עטלעכע הילצערנע סטראָפן.

אָט פון דער „מאַילע״ האָט קערנער׳ן געעקלט. ער האָט דעריבער אַף זשווירלינ׳ס באַגריסונג אָפּגעשאָקלט צוריק מיטן קאָפּ און זיך צונעזעצט באַ אַ טישל מיט בערל זוב. בערל האָט צעפּאַכעט זיינע גרעבלעכע הענט צום קעלנער:

— העי, צוויי שנעפּסלעך, ברודערל קעלנער, — און בעאיים־מאַיסע פאַרשנדיק געקוקט אַף קערנער׳ן.

קערנער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז אַ „קאָפּעלע״ גייט באַ בערל׳ען ערשט ווייט נאָך דעם, ווי ער האָט שוין גוט אַריינגעגאָסן. און אַז ער גיסט אַריין, ווערן די אייגעלעך באַ אים קליין; ער לאַכט דאַן מיט זיין הילכיקער, דיקער שטימע. ער בייזערט זיך, מורמלט, זידלט זיך און לייענט לידער — אָפט די זעלביקע לידער, וואָס ער האָט שוין אַ סאַך מאָל פריער געלייענט. דאָס מאָל האָט בערל זוב זיך ניט דערוואַרט, ביז מען וועט אַפילע ברענגען דעם שנאַפּס. ער האָט זיך באַלד געווענדט צו קערנער׳ן:

— ווילסט הערן אַ ניי „סאָנגעלע״, ברודערל? — און האָט טאַקע באַלד, ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, אָנגעהויבן לייענען:

כ'האָב מיין אייגן פּיין
געבראַכט צו פרעמדע טירן ;
אָנגעקלאַפּט. פאַרמאַכט !
האָב איך געפרעגט :
וואָס וועט איצטער פון מיר זיין ?
אַז מיין לייב-און-לעבן —
אַ פאַרשאָלטנס אַזאַ —
איז אויסגעפּלאַסטערט
מיט קרעץ און מיט געשווירן.

אָ, ברידער מיינע, אין די פרעמדע טירן
כ'האָב געקלאַפּט, כ'האָב געוויינט, כ' האָב געבעטן :
זעט ! דאָס לעבן הענגט אַ קלאָלע איבער אונז
און וואַלגערט זיך אין ווי-און-ווינד אַף קראַנקע בעטן.

איז וואָס-זשע טויגן מיר די לידער צאַרטע, אייערע, עסטעטן ?
אַז פול סע איז די וועלט מיט וואונדן און מיט קרעץ !
אַז אַף אייערע סערענאַדעס עכאָס בליפּען :
אַ וועלט גייט אונטער, ס'קומט דער קעץ !

בא קערנער'ן האָבן זיך די ליפּן אויסגעקרימט אין אַ פאַר־וואונדערטן שמייכל. אַמאָל וואָלט ער פון אַזאַ פּאָעזיע אָפּגעשפּרונגען ווי אַ פילקע. אים איז עס אַמאָל געווען דערווידער. איצט האָט ער געשמייכלט און געהערט בערל'ען לייענען ווייטער :

אָ, ברידער מיינע מיטן פידל, מיטן פלייט,
ס'איז איצט אַ צייט אַן אַנדערע געקומען !
קעדיי ס'זאָל שפּראָצן וואָס דוירעס ברידער פאַרפּייניקטע
האָבן געזייט,
טויגן ניט קיין פידלען, דאַרף מען ניט קיין פלייטן,
מיט פייער-שטורקאַצן דאַרף מען אין די הימלען פּויקן,
מען דאַרף פון גאַנצן האַרצן ברומען.

ארום טישל, וואו עס זיינען שוין געווען פארזאמלט נאך איניקע יונגע שרייבער, האט מען בערל'ען צוגעפלעסקעט. עמיצער האט אויס־גערופן:

— נאך א שנעפסל, בערל?

דעם ערשטן שנאפס האט בערל אריינגעגאסן צווישן איין פערז און א צווייטן. ער האט ווידער א רוף געטאן דעם קעלנער און באפוילן:

— א שנאפס און לאטקעלעך, — דערביי האט ער זיך געווענדט צו די ארומיקע: — ווי געפעלט אייך דאס „סאנגעלע"? איז א גוט „סאנגעלע"?

קערנער האט זיך ניט געאיילט ארויסצוזאגן זיין מיינונג. בערל'ס לידער זיינען אים געווען באקאנט — רעווענדיקע, שרייענדיקע, ברומענ־דיקע. נאר אט איצט האבן זיי פאר אים זיך אנגעהויבן אויסשיילן. ער האט אבער קיין צייט ניט געהאט. ער האט געוואלט זיין בא האדעס'ן. ער האט שוין אוודע א יאר צייט זי ניט געזען. ער האט זיך אויפגעהויבן פון טיש. דער קעלנער איז באלד געווען בא זיין זייט. ער האט געוואוסט וואס דאס באדייט. אף בערל'ס צאל־פיאיקייט האט מען ווייט ניט אלעמאל זיך געקאנט פארלאזן. ער האט דעריבער באצאלט פאר אלץ, וואס בערל האט באשטעלט. בערל האט אים געבעטן:

— איסראעל, זיץ נאך א ביסעלע. וואס איילסטו זיך? דיין דאמע וועט צוווארטן.

עמיצער האט אריינגעווארפן:

— קערנער איילט זיך מיסטאמע צו אן ארבעטער־פארזאמלונג, ניט צו קיין דאמע.

בערל זוב האט געשפיצט די אויערן: — אן ארבעטער־פארזאמ־לונג? קערנער? דאס איז פאר אים געווען א נייס. בערל, אליין אן ארבעטער, האט געגלויבט אין דעם ארבעטער־קלאס. ער האט אבער ניט ליב געהאט די ארבעטער ארום אים. בעאיים א סטרייק פלעגט ער זיך א סאך טומלען, אבער מערסטנס פלעגט ער שרייבן לידער — דאווקע ניט וועגן סטרייק, ניט וועגן די ארבעטער, נאר וועגן וואונדרן און ווייען פון דער וועלט. איצט, אז ער האט דערהערט וועגן קערנער'ן אזא מין נייס, האט ער זיך ווידער דערפרעגט:

— קערנער אַף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען?

— געווים, — האָט עמיצער אָפּגעענטפֿע־ט, — ער איז דאָך געוואָרן אַ סטרייק־פֿירער.

די באַמערקונגען וועגן קערנער'ן זיינען געווען האַלב־איראָנישע און האַלב־ערנסטע. מען האָט געזען, אַז די מענטשן אַרום אים ווילן אויסגעפֿינען וואָס קערנער וועט זאָגן. נאָר קערנער האָט ניט געענט־פֿערט. ער האָט בלויז געזאָגט צו בערל'ען:

— מיר וועלן שמועסן באַ אַן אַנדער געלעגנהייט.

בערל האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט:

— ווייסט וואָס, קערנער, קום היינט אין וויין־קעלער. וועסט דאָרט אַלעמען זען.

— מעגלעך, — האָט קערנער געענטפֿערט, זיך אויפֿגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. באַ דער טיר האָט אים אָפּגעשטעלט זשווירלין, דערלאַנגט די האַנט און געפֿרעגט:

— איך האָב געהערט, איר זייט געוואָרן אַ גאַנצער אַרבעטער־פֿירער? זייער גוט, זייער גוט, — האָט ער צוגעגעבן.

קערנער האָט אַף דעם גאָרנישט ניט געענטפֿערט, כאָטש אים האָט געוואונדערט ווי שנעל — און ווי צעדרייט — די נייס האָט דערגרייכט אין קאַפֿעי. ער האָט אָנשטאָט ענטפֿערן געמאַכט זשווירלין'ען אַ קאָמ־פּלימענט פֿאַר זיין לעצט ליד, וואָס איז מיט אַ וואָך פֿריער געווען געדרוקט אין דער זונטיקדיקער אויסגאַבע פֿון אַ ציימונג. דאָס האָט טאַקע זשווירלין געוואָלט הערן:

— טאַקע, אַ גוט ליד, האַלט איר? וואָס איז אייך דאָרט געפֿעלן?

— האָט ער זיך אַזוי ווי געבעטן באַ קערנער'ן.

ער האָט זיך אָן קערנער'ס ווערטער אָנגעכאַפּט, ווייל ער האָט געוואוסט, ערשטנס, אַז דער קאָמפּלימענט איז ניט קיין פֿאַלשער; צווייטנס, דערפֿאַר, וואָס ער האָט שוין לאַנג קיין גוט וואָרט ניט געהערט וועגן זיינע לידער. ער האָט אויך געוואוסט, אַז מען שושקעט זיך אַרום אים:

— דער אַלטער זינג־פֿויגל האָט שוין אָפּגעזונגען . . .

דאָס שושקען זיך האָט אים געגנוג געפּייניקט. ער האָט שוין געפּרואווט זיך איינשליסן אין זיך — פֿאַרקלאַמערן זיך ווי אין אַן

אויסטער־שעלכל — און אַקשאַנעסדיק שוויגן. נאָר ער האָט ניט געקאָנט. ער איז געווען צו־געזעלשאַפטלעך, געוואוינט צו מענטשן און צו קאָמפּלימענטן. אַף די שושקערייען פּלעגט ער ניט ענטפערן דירעקט. ער פּלעגט אויסוואַרטן אַף אַ געלעגנהייט און יענעם פּלוצלונג אַ שטורכע טאָן פון דער זייט און בעאיים־מאַיסע האַלטן אַ שמייכעלע אַף די ליפּן. פּלעגט ער ניט קאָנען אַ שטורכע טאָן יענעם אין די אויגן, פלעגט ער בא יעדער מעגלעכער געלעגנהייט טרייבן רעבילעס. אַ מענטש, אַ דיכטער אין דער יערידע — ווער קאָן אים מעקאַנע זיין?

ער האָט געוואוסט: קערנער איז „אַ מענטש פון פאָלק", אַ פּאַר־שטענדיקער און האָט ליב ליטעראַטור. דער אַלטער זינג־פויגל, מיט דער הייזעריקלעכער שטימע, האָט זיך דעריבער אין קערנער'ס ווערטער אַנגעכאַפּט:

— טאָקע געפעלן? אַ גוט ליד, האַ? זאָגט מיר . . .

נאָר קערנער האָט קיין צייט ניט געהאַט. ער האָט געבעטן אַנט־שולדיקן און זיך געלאָזט צו דער טיר. זשווירלין האָט אים אויך געבעטן:

— איר ווייסט וואָס, קומט היינט אין ווייַן־קעלער. אַלע ווילן אייך זען.

קערנער האָט ווידער, יאָ און ניט, צוגעזאָגט. ער איז אַרויס. אין גאַס איז שוין געווען גוט פינצטער. די עלעקטרישע שילדן האָבן זיך איצטער געמיניעט פיל העלער, און די שוי־פענצטער האָבן העלער ווי פאַרנאַכט גערופן צו זיך. ער האָט זיך פאַרנומען אַרויף־צו אַף דער עווענין, און ניט באַמערקט די מיידלעך, וואָס האָבן שמייכלענדיקע און נייגעריקע אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. אים איז איצט ווידער געקראָכן אין קאָפּ בערל זוב מיט זיין ליד.

— אזא קאָל, אזא געשריי . . .

קערנער'ן האָט זיך עפּעס אַנגעהויבן וועבן אין מויעך — זיין אייגענער וועג, זיין פּלאַנטער אין שאָפּ, דער שאָפּ־מיטינג, און אַט — זיין ליטעראַטור, זיין געוואוינהייט צו שטילע, צאַרטע מאָטיוון.

— עפּשער איז בערל גערעכט, עפּשער דאַרף מען שרייען, ברומען! כ'האָב דאָך די וועלט ביז איצט אינדערעמעסן ניט געקענט . . .

פארטראַכט אין זיך איבער בערל זוב האָט קערנער אינסטינקטיוו פאַרקירעוועט לינקס, האָט איבערגעשפּאַנט די גאַס, איז אוועק גלייך און דערנאָך איבערגעשפּאַנט נאָך אַ גאַס און געבליבן שטיין באַ אַ הויז. ער האָט דערזען ליכט אין פענצטער און ארויף אַף די עטלעכע טרעפּלעך, וואָס פירן צום קאָרידאָר.

:: :: ::

אַ שטיל־טונקל ליכט האָט געפליצט איבערן קאָרידאָר, פון ברוינעם אַבאַזשור אין קאָרידאָר־סופיט. קערנער האָט פּאַמעלעך אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער טיר. קיין ענטפער. ער האָט אַ דריי געטאָן דאָס קנאָפּ־אַרטיקע טיר־הענטל, אַ לייכטן שטוים געטאָן, און די טיר האָט זיך געעפנט.

אינעם טונקעלן ליכט פון צימער האָט קערנער דערזען האָדעס'ן אויפשפּרינגען פון פּאָטעל, זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט און — עפּעס ווישט זי די אויגן. אַן אָפענער באַנד לידער האָט זיך געוואַלגערט אַפן דיל; אַ ניט־דערטרונקען טעפּל טיי איז געשטאַנען אַפן טיש, און האָדעס — שטייט נאָך אַלץ מיטן פּנים צו דער וואַנט, צו די קאָלירטע ליכט אין דער מענורע, און ווישט די אויגן.

דאָס אַלץ האָט געדויערט אַן אויגנבליק, נאָר עפּעס האָט קערנער זיך דערפילט אַזוי הילפלאָז, אַזוי לעמעכעוואַטע, אַזוי פאַרלוירן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ביז ער האָט דערהערט האָדעס'עס שטימע:

— קום אריין, איסראָעל, וואָס שטייסטו אין טיר אַ פאַרלאָרענער? דערקענסט ניט מיין הויז?

— עפּעס אַ ביסל פרעמדלעך, — האָט ער ארויסגעשטאַמלט ווי ניט־ווילנדיק.

— פרעמדלעך? און אַמאָל איז עס דיר געווען אייגן. קוק זיך נאָר ארום. — ערשט איצט האָט זיך איר געוואָלט וויינען. זי האָט אַף אַ מאָמענט פארביסן די ליפּן און באַלד צוגעגעבן: — דו ביסט געקומען אַזוי אומגעריכט.

— אומגעריכט פאַר מיר אַליין אויך, — האָט ער אָפּגעענטפערט.

— נאָר זען דיך האָב איך געוואָלט.

ער האָט געקוקט. דאָס צימער איז אים געווען באַקאַנט. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט יעדע איינצלהייט אין אַלע ווינקעלעך. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעלכל, וואו האָדעס איז פריער געזעסן, האָט אויפגעהויבן דאָס ביכל לידער און דערקענט:

אַף וועמענס מאַזל קלאָגט אַזוי דער רעגן ?

דאָס איז דאָך אַווראָם מוישע דילאָן. דער מאָטיוו איז אים געווען אַן אַלט באַקאַנטער, און האָט נאָך ערגעץ אָנגערירט אַ סטרונקע בּאַ אים אין הארצן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז האָדעס'עס פּייכטע אויגן האָבן אַ פאַרבינדונג מיט דילאָנ'ס שורעס, און איז געווען צופרידן, וואָס היינט רירט אים שוין ניט אַזוי אָט־דער „טרויער־זינגער פון אונזער לעבן", ווי די קריטיקער האָבן אים גערופן.

עפּעס האָבן זיך זיינע פּלייצעס איצט צונויפגעצויגן. ער האָט געפּרואווט אויסדרייען דעם קאָפּ צו האָדעס'ן און ניט געקאָנט, ווי דער נאַקן וואָלט אים שטייף געוואָרן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. נאָך איידער מען האָט פון אינעווייניק געענטפערט, איז שוין די טיר געווען אָפן און ס'איז אַריין סילוויע, מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט", וואָס איז פאַרפראָרן געוואָרן בּאַ איר אַף די ליפּן. זי האָט מיט איר גרינלעכן בליק אָפּגעמאָסטן דאָס צימער, האָדעס'ן און קערנער'ן, און האָט אויסגעשאָסן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קוואָרים־שטיבל ?

האָדעס האָט אַרומגענומען סילוויע'ן, זיך צוגעטוליעט, צעקושט זיך מיט איר און געענטפערט:

— ס'איז ניט קיין קוואָרים־שטיבל, נאַרעלע. ס'איז מיר בלויז ענג געוואָרן פון בענקעניש, אַליין מיט זיך. און אָט כאַפּ איך זיך: איך וויין. און דאָ קומט ער אַריין — אומדערוואַרט, אַזוי זיך, ווי ניט פון דער וועלט: ער איז דאָ! האָב איך זיך אַ ביסל פאַרשעמט, שטעל זיך נאָר פאָר. און ער, דער גוילעם, גיט מיר אַפילע ניט די האַנט, זאָגט ניט „גוטן אָוונט", זעצט זיך אַריין אין פאָטעל און באַטראַכט דילאָנ'ס לידער.

זי כאַפּט פון אים צו דאָס ביכל, טוט אים אַ שאַר מיט דער האַנט

איבערן פּאָנים, גיט אים אָפּ אַ ברייטן שאָלעם־אַלייכעם און צעקושט זיך מיט אים אויך. ערשט איצט, ווי זי וואָלט דערפילט דעם מאַן אין קערנער׳ן, האָט זי אָנגעהויבן אַרומפּאַדיען אַרום אים. זי האָט גע־בראַכט פּרוכט פון צוויטן צימערל, געבראַכט טעפּעלעך טיי און ביסקוויטן. קערנער הויבט זיך אויף פון פאָטעלכל, גייט־צו צו דער וואַנט, טוט אַ דריק אַ קנעפּל און עס ווערט ליכטיק.

— ניסים וועניפלאָעס, — האָט זיך סילוויע אַ כאַפּ געטאָן, — אַז דער מאַן וויל, ווערט ליכטיק אַף דער וועלט. אָט אַ קישעף־מאַכער...

— אַ קלוגע פרוי איז אַליין אַ ליכט אין די אויגן, — האָט איר קערנער פּאַמעלעך און דייטלעך אָפּגעפּאָרן צוריק. — סיי־ווי, אָן עלעקטריש לעמפּל ברענט העלער, ווי דער מאַמע׳ס ביילעוונע ליכטלעך. און ס׳איז טאַקע אָנגענעמער אויך.

— גערעכט ביסטו עפּשער, — האָט האָדעס אַריינגעשטעלט, — אָבער ניט דאָס עלעקטרישע לעמפּל פאַרבינדט מיך מיט מיין מאַמען, אָדער מיט איר אָנדענק, נאָר דאַווקע דאָס ביילעוונע ליכטל.

— דיין באָבע האָט אָבער געברענט קינעלעך, דיין מאַמע — ליכט און אַ קעראָסין־לאָמפּ. פונדעסטוועגן איז דיין מאַמען ניט איינגעפאַלן גיין צוריק צו דיין באָבע׳ס קינעלעך, און דו גייסט צוריק צו דיין מאַמע׳ס ליכטלעך.

סילוויע׳ן האָט געביסן די צונג. זי האָט געוואָלט זאָגן עטוואָס פּעפּערדיקס. קערנער האָט עס באַמערקט און זי דערמוטיקט:

— נו, לאָמיר שוין הערן דיין כאָכמע . . .

סילוויע האָט געזאָגט:

— ניט אַלע וועגן דער מאַמע׳ס זיינען פאַרעלטערט . . .

— אַן ערעך?

— מיין מאַמע האָט כאַסענע געהאַט יונג... — זי האָט זיך פאַר־רויטלט און ברוסטיק געלאַכט. קערנער האָט דערביי בלויז באַמערקט:

— וויפיל זאָלסט דעם וואָלף ניט קאָרמען, ציט אים אַלץ צום וואַלד.

אַזוי האָבן זיי אַ פּאָר שאָ נאָכאַנאַנד זיך געוועדטלט און דיס־קוטירט, ביז סילוויע האָט פאַרצויגן אַ לידל:

כ׳וועל שוין מער קא ליבעס ניט שפּילן . . .
כ׳וועל שוין בא זיין פענצטערל ניט שטיין,
ר׳האָט זיך אויסגעפּיינט פאַר זיינע גוטע ברידער,
אַז איך ליב אים און ער וויל מיט מיר ניט גיין . . .

האָדעס האָט מיט איר נאָך אַלץ פרישלעכער סאָפּראַנע אונטער־געכאַפּט דעם מאָטיוו. קערנער האָט אָנגעהויבן אונטערברומען און אינמיטן דערינען געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו גיין שפּאַצירן.ביידע האָבן זיך אָנגעכאַפּט. זיי זיינען אַרויס און איבערגעלאָזט דאָס צימער מיט די שאַלן, מיט די טעפּיכער, מיט די בילדער און מיט די נאָך אַלץ ברענענדיקע ליכט אין דער מענוירע.

איבער דער עוועניו — קערנער אינמיטן און האָדעס מיט סילוויע׳ן בא די זייטן, אַלע דריי געאָרעמט — האָט מען זיי געהאַלטן אין איין נאָכקוקן. עס זיינען געגאַנגען דריי מענטשן און בא אַלע האָבן פייער־לעך געשפּילט אין די אויגן. שוין לאַנג, אַז קערנער איז ניט געווען אױף דער עוועניו און עפּעס איז אים ווידער אַזוי וואַרעם געוואָרן, אַזוי ווי גאָר אַמאָל. זיין טראָט איז געווען אַ פעסטער. בא האָדעס׳ן און סילוויע׳ן האָבן געפינקלט די אויגן, און אַליין ניט וויסנדיק, האָבן זיי נעפירט אַ שפּיל מיט די היפטן. בא האָדעס׳ן אין די אויגן האָבן געלויכטן נאָך אַלץ פאַראומערטע פייערלעך, און אירע היפטן האָבן זיך געוויגט שטיל, האַלב־רעזיגנירט. בא סילוויע׳ן — טײוולאָנימלעך אין די אויגן, און אירע היפטן האָבן זיך שטאָלץ געריסן אַרויף־צו. אינעם קלאַפּ פון אירע קנאַפּל האָט מען געקאָנט הערן אַ טראָציקן אַרויסרוף האָדעס׳ן. ביידע האָבן זיך געטוליעט צו קערנער׳ן. די עוועניו איז איצט געווען זייערע.

2.

ווען די דריי האָבן געעפנט די טיר פון וויין־קעלער, זיינען שוין קימאַט אַלע טישן געווען באַזעצט. קימאַט אַלע דאָ זיינען געווען אייגענע מענטשן — ליטעראַטן און ליטעראַטור־ליבהאָבער. דאָ איז געווען זשווירלין, וועלכער האָט שוין געטאַנצט מיט אַ יונג מיידל

איבערן צענטער פון דיל, וואָס איז געווען איינגעריכט ספּעציעל צום טאַנצן. באַ אַ טיש איז שוין געזעסן בערל זוב, אַ היבש בעגילופינ־דיקער. באַ איין זייט — אַ מיידל, אַ שאַטענקע, באַ אַ צווייטער — אַ מילד־בלאָנדע. באַ אַ טיש אין אַ ווינקל איז אויך געזעסן דער קריטיקער־עסייאיסט שמאַריע גנענין.

גנענין איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע שרייבער און האָט עפּעס גערעדט מיט אַ פּאַרטיפּטער מינע. עפּעס האָט קערנער באַ־מערקט, ווי אַ יונגער שרייבער איז אים דערווידער און ווי גנענין דרייט דאָס שוואַרצע בענדל, וואָס הענגט אַראָפּ פון זיינע פּענסנע. דאָס בענדל פון די פּענסנע האָט קערנער'ן עפּעס איצט דערמאָנט אָן דער „יוניע", אָן מיסטער שאַצ'ן. יענער האָט אַ טעווע, ווען ער רעדט באַ אַ מיטינג צו אַרבעטער, אָדער מיט אַ באַלעבאָס, צו דרייען דאָס קייטעלע אָפן רונדלעכן בייכל.

צוגעזעצט האָט זיך קערנער באַם טישל, וואו עס איז געזעסן בערל זוב. בערל, גאַנץ שיקערלעך, האָט באַ קערנער'ס אַריינקומען אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן „האַו דו יו דו". האָט זיך באַקומען אַזוי: באַ איין טיש איז פון איין זייט געזעסן בערל זוב מיט צוויי דאַמען, און באַ דער צווייטער זייט — קערנער מיט צוויי דאַמען. זשווירלין, כאָטש ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָפּגעטאַנצט, האָט זיך אָבער באַלד צוגעשאַרט צו קערנער'ס טיש און זיך באַקלאָגט:

— ס'אַרא מאַזל־בראָכע באַ אַיך . . . און איך בין איינינקער אַליין.

ער האָט געוואָרפן זיינע בליקן אָט אָף האָדעס'ן, אָט אָף סילוויע'ן, אָט אָף די צוויי מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן מיט בערל זוב. אַלע האָבן טאַקע צו אים געשמייכלט, נאָר דערמוטיקט האָבן זיי אים ניט. ביז סילוויע האָט צוגערוקט אַ שטול און אים געבעטן זיך זעצן.

— איר זעט, — האָט זשווירלין געזאָגט אַ ביסעלע כניפעדיק, — פּאָרט אַ קולטורעלער מענטש.

ער האָט צוגערופן דעם קעלנער און באַשטעלט אַ פלאַש ווייַן — אָבער עכטן וויסן ווייַן, — האָט ער צוגעגעבן.

באַם טיש איז געוואָרן פרייַלעך. בערל זוב האָט עפּעס אַריינ־געברוימט אין אויער אַריין דער שאַטענקע. יענע האָט זיך געדרייטלט

און געשאָקלט מיטן קאָפּ — ניין, ניין. בערל האָט זיך ווינציק וואָס געמאַכט פון דעם. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן אויער פונעם צוויטן מיידל און איר אריינגערוימט עפּעס. יענע האָט זיך ניט גע־רויטלט, זי האָט בלויז געשמייכלט און גאָרניט געזאָגט. ערשט איצט האָט זיך בערל אָפּגערופן צו דער מילד־בלאָנדער:

— קום כאַפּן אַ טענצל.

בערל, כאָטש שיקערלעך, האָט ניט שטאַרק געפּלאָנטערט מיט די פיס. נאָר אינמיטן טאַנצן האָט ער איר אַ רוק געטאָן אין פּיסק אריין זיינע דיקלעכע ליפּן. זי האָט אַ הילכיקן לאַך געטאָן און זיך ארויסגעדרייט פון זיינע הענט. ער איז געבליבן שטיין אָפּן גליטשיקן טאַנץ־דיל ווי אַ מעטושטעשער, ניט ווויסנדיק וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט זיך אויסגעזידלט און אַ געשריי געטאָן: — העי, כאַלערע, וואו ביסטו, מיידל?! — נאָר יענע איז שוין געזעסן באַם טיש און האָט נאָך אַלץ הילכיק געלאַכט. ווען בערל איז צוגעקומען האָט זי אים פאָרגעוואָרפן:

— האָסט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, נאָר מאַכן אַ דעמאָנ־סטראַציע.

בערל האָט אָנגעגאָסן די גלעזער מיט וויין, אַ קלאַפּ געטאָן זיין גלאָז אין קערנער׳ס, אויסגעזופּט און געזאָגט:

— זעסט, ברודערל קערנער, ווי איך האָב קיין מאָל ניט צו קיין דאַמען. אינדערשטיל מעג איך, מיט די אויגן מעג איך. נאָר מיט די הענט טאָר איך ניט. אַז אַלע זאָלן זען איז מיר פאַרבאָטן, און איך האָב דאַווקע ליב, אַז אַלע זאָלן זען. האָסט מיך ליב? — ווענדט ער זיך צום מיידל, — טאָ קום מיט מיר שלאָפן.

די שאַטענקע האָט זיך אַ קאַפּעלע אָפּגערוקט פון אים. אָבער די מילד־בלאָנדע האָט געענטפערט:

— אַ מאַקע ווילסטו ניט?

כאָטש ס׳איז געווען וואולגאַרלעך, האָט מען בערל׳ען פאַרגעבן. מען האָט שוין געוואוסט זיינע מאַניערן. בלויז דערפאַר וואָס די שאַ־טענקע האָט אים ניט געקענט, איז זי געווען אַזוי שאָקירט. קערנער האָט בערל׳ען אַ ביסל באַרואיקט. ניט מיט מוסער. ער האָט מיט אים

פּאַשעט פּאַרפּירט אַ שמועס וועגן דעם ליד, וואָס ער האָט אים אַ ביסל פֿריער געלייענט אין דער קאַפֿעי.

באַם סאַמע אַנהויב פֿונעם שמועס האָט קערנער אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געפֿילט, אַז עמיצער קוקט אױף אים און שטעכט אים אין נאַקן מיט די בליקן. ער האָט זיך ניט גענאַרט. אין אַ ווינקל, באַם אַרײַנגאַנג, הארט לעבן דער קאַסע, זײַנען געזעסן — דזשאַסלין, דער מענטש מיט די ברייטע פּלייצעס, וואָס האָט געפֿרעגט קערנער'ן צי ער גלויבן אין יעזוס'ן, און דער באַלעבאָס פֿונעם ווײַן־קעלער.

— וואָס טוען זיי דאָ? ווי קומען זיי אַהער? — איז קערנער'ן אויפֿגעפֿאַלן.

ער האָט געזען: דזשאַסלין איז געזעסן מיטן פּנים צו דער טיר. דער מענטש מיט די ברייטע פּלייצעס, וואָס קאָן, דאַכט זיך, ברעכן שטאַבעס אײַזערנע, איז געזעסן מיטן פּנים צו קערנער'ן. דאָס האָבן זײַנע בליקן געשטאָכן קערנער'ן אין נאַקן. איצט, אַז קערנער האָט זיי דערזען, האָט זיך אויך דזשאַסלין אַ דריי געטאָן אױפֿן שטול און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— העלאָ, קערנער, — און זײַנע אײגעלעך זײַנען בעאיים־מאַיסע אַרומגעלאָפֿן פֿייער־פֿלינק אונטער די ראַמען פֿון זײַנע אויגן־גלעזער.

קערנער האָט זיך אויפֿגעהויבן און צוגעגאַנגען צו זייער טיש. ער האָט אַלע דריי געגעבן די האַנט און זיך צוגעזעצט. אױף אַ וואונק פֿון דזשאַסלינ'ען האָט דער באַלעבאָס דערלאַנגט בראַנפֿן און צובייסן. קערנער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ווי אַזוי דזשאַסלין קומט אַהער. — אָ, ער קומט אָפֿט אַרײַן אַהער. דער מענטש מיט די ברייטע פּלייצעס האָט אַרײַנגעשטעלט: — שור, שור. מיר קומען דאָ אַרײַן אָפֿט. מיר קענען דעם באַלעבאָס, יו נאָו. מיר קענען דאָ אַ סאַך באַלעבאַטים פֿון ווײַן־קעלערס.

ערשט ווען זיי זײַנען בײדע אַוועק און זיך צעזעגנט מיט קערנער'ן און מיטן באַלעבאָס, האָט קערנער זיך אָנגעשטויסן ווי אַזוי זיי קומען אַהער. דער מענטש מיט די ברייטע פּלייצעס שטעלט־צו דעם אײַנגנטימער פֿונעם ווײַן־קעלער דעם בראַנפֿן און דעם ווײַן. דזשאַסלין? — אָדער ער איז גלאַט געגאַנגען מיט זײַן פֿרײַנט, אָדער ער איז — עפּשער גאָר אַ שוטף? . . . זאָל עס מעגלעך זײַן? קערנער האָט

אַנגעהויבן פאַרשטיין פון וואַנען עס שטאַמט דער איראַס־האַקאַוועד פון שאַמשע'ס אַרויסהעלפער אין שאַפ צו דזשאַסלינ'ען. ער איז גע־וואָרן זייער אומרואיק פון דעם. — זאָל דאָס טאַקע זיין דזשאַסלין? ער האָט זיך דערמאָנט אָן הערי'ס ווערטער: — דזשאַסלין איז אַ טאַטנס אַ זינדל!

קערנער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו דערטראַכטן דעם איניען ביזן סאָף — דער קאָפ האָט זיך אים אַ ביסל געדרייט, — ווי ער האָט עפּעס באַמערקט:

סילוויע, — ער האָט ניט געזען ווי זי איז אַרויס אין קאָרידאָר, וואו עס געפינט זיך דער וואַש־צימער, — איז געלאָפן צוריק צום טיש, האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט מיט אַזאַ רוגזע, אַז די פלעשער אויפן טיש האָבן אַ קלונג געטאָן.

— שוויין, — האָט זי אַרויסגעשיפּעט.

קיינער באַם טיש האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר קערנער האָט דערזען ווי זשווירלין האָט זיך פאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון זעלביקן קאָרידאָר, מיט צוויי פינגער אַ צי געטאָן דאָס קראַוואַטל און ניט קוקנדיק אין קערנער'ס ריכטונג זיך צוגעזעצט באַ געניג'ס טישל. סילוויע האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פון עקל און ווידער אַרויסגעשיפּעט:

— אָט אַ שוויין! קריכט ווי אַ כאַזער... און די הענט זיינען באַ אים גליטשיקע, ווי באַ אַ זשאַבע...

שפּעטער האָט זיך קערנער דערוואוסט, טאַקע פון איינער פון בערל זוב'ס מיידלעך, אַז דער באַרימטער דיכטער זשווירלין איז מיט זיינע הענט „געקראָכן צו מיר אין בוזעם". זי האָט אים אַ שטויס געטאָן און ער איז שיר אומגעפאַלן. זי איז אַריינגעלאָפן אין וואַש־צימער, ווען סילוויע איז אונטערגעקומען. זשווירלין האָט דאָס זעלביקע איבערגעבאַזערט מיט סילוויע'ן. קערנער איז פונדסעווטוועגן ניט געווען אין קאָפּ אויפן אַלטן האַלב־אָפּגעלעבטן דיכטער. עפּעס האָט זיין ליפּ אַזוי ראַכמאָנעסדיק אַ צוק געטאָן . . . בערל זוב האָט געזאָגט:

— אַ בראַנד אים אין פּופּיק! ער איז דאָך שוין אימפּאָטענט, וואָס קריכט ער, וואָס?

ער האָט ווידער אָנגעגאָסן די גלעזער, אויסגעטרונקען און צו־גערופן דעם קעלנער:

— העי, ברודערל קעלנער, א טעלערל לאַטקעלעך און א שוואַרצע קאַפּעלע.

האָדעס איז איצט געזעסן זייט־באַ־זייט מיט סילוויע׳ן, זי אַרומ־געגומען, ווי זי וואָלט זי געטרייסט. נאָר סילוויע האָט שוין איצט קיין טרייסט ניט געדאַרפט:

— אַ מאַזל האָב איך: עטוואָס רעכטס וועט צו מיר ניט קריכן און דער אַלטער טאַטער... ס׳ט זיך אים פאַרגלוסט...

זי האָט ניט פאַרענדיקט, ווי דורך דער טיר האָבן זיך אַריינ־געלאָזט אַ יונגער אידישער קאַרטוניסט, אַ קורצער און דיקלעכער, נאָך אים עפּעס אַ איד מיט פינטלדיקע אויגן און נאָכן אידן אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט פון אַ אידישער צייטונג. דער קורצער דיקלעכער קאַר־טוניסט שטעלט זיך אַרויף אַף אַ שטול און לאָזט וויסן:

— ראַבויסאַי, ראַבויסאַי! מיר האָבן אייך געבראַכט מאָשיאַכן, יעם סער, מיט אימפּרואַוומענטס. ער וועט אונז אויסלייזן פון גאָלעס, וועט ער אונז אויסלייזן. ער קאָן לערנען טוירע און — טאַנאַך אויך; ראַשע קאָן ער אויך לערנען. שרייט אַלע הורא, הורא, הורא פאַר מאָשיאַכ׳ן בעמהיירע בעיאָמעינו, אָמיין.

עס האָט זיך צעטראָגן אַ פּלעסקעריי, פאַרטויבט צו ווערן. דער אוילעם שרייבער האָט איצט געהירזשעט, זיך געהאַלטן באַ די זייטן, זיך געוויגט פון איין זייט שטול אַף דער צווייטער און געפּלעסקעט:

— הורא, הורא מאָשיאַך, —

— בראַוואָ, מאָשיאַך!

דער קריטיקער שמאַריע געגנין האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם אידן, געדרייט דאָס בענדל פון זיינע פּענסנע און עפּעס געשטאַמלט. די יאַטן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט דעם אידן מיט די צעשראָקענע פינטלדיקע אויגן, גיבן אים אַ גלעזל וויין, צובייסן, ציען אים אַרויס די ציצעס, טוען אים אָן אַ יאַרמולקע און אָט איז שוין ווידער דער קורצער און גראָבלעכער קאַרטוניסט אַף אַ שטול:

— שאַ־שטיל זאָל זיין. ספּיטש פאַר מיסטער מאָשיאַך, פּליז...

אַלע שרייען: „ספּיטש־ספּיטש" און אַלעמענס אויגן זיינען גע־

ווענדט צו געניג'ען. ער דרייט דאָס בענדעלע זיינס פון די פענסנע, באַטראַכט דעם אידן ווידער, הויבט זיך אויף און צערעדט זיך:

— געמיינט האָב איך, — און ער רעדט אַזוי וואַזשנע, — אַז דאָס האָבן לייצים געמאַכט אַ שפּאַס . . . אַ שפּאַס איז אַ שפּאַס און אַ איד איז אַ איד, — האָט ער געוויזן זיין כּאָכמע. — איך האָב זיך אָבער גוט צוגעקוקט צו דעם אידן און איך האָב געטראַכט: טאַקע, פאַרוואָס ניט מאָשיאַך? און עפשער איז ער טאַקע מאָשיאַך. נאָכ־אַלעמען איז דאָך מעשיכיזם אַן אידייע פון אידישן פאָלק, די אידייע פון אויסלייזונג. איז פאַרוואָס אַנדערע יאָ און דער איד ניט? וואָס איז דער אונטערשייד ווען מען טוט אָן די אויסלייז־אידייע, אַבי אַ איד און אַבי אויסגעלייזט צו ווערן פונעם גאָלעס . . . נאָר דער דאָזיקער מאָשיאַך פינטלט צופיל מיט די אויגן . . . אַ מאָשיאַך דאַרף ניט פינטלען . . .

בערל זוב האָט אַ שפּרונג געטאָן אַף די פיס און אַ רעווע געטאָן:

— שאַראַפּ, בעסטעד!

ער איז געווען שיקער, בערל. עפשער ווען ער וואָלט געווען ניכטער ,וואָלט ער זיך ניט געשטעלט קעגן דעם גרויסן קריטיקער און עסעיאיסט. נאָר איצט האָט אים ניט געאַרט. ער האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל געשריען:

— שאַראַפּ, בעסטעד! מען נעמט אָן אָרימען אידן און מען מאַכט פון אים כויזעק.

מען האָט בערל'ען אַרומגערינגלט. אים אָנגענומען בּאַ די פּלייצעס. דאָס מילד־בלאָנדע מיידל האָט אים געזוכט צו באַשיצן, נאָר מען האָט זי אַוועקגעשאַרט מיט אַ „פּליז" . . . ווי איינער זאָגט, מישט זיך ניט אין אונזערע געשעפטן. נאָר בערל האָט יעדן מאָל אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אַ צי געטאָן די האַנט און די מענטשן אַרום האָבן זיך גענומען אָפּרוקן.

קערנער איז אויך געווען אונטערן גלעזל. פון איין זייט האָט זיך האָדעס געטוליעט צו אים, פון דער צווייטער — סילוויע. איצט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געהייסן דעם אַרומגעקליבענעם אוילעם זיך אָפּרוקן פונעם טישל. און צום קורצן דיקלעכן קאַרטוניסט האָט ער געזאָגט:

— טאקע, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אַף אַן אָרימען אידן? איר האָט שוין ניט פון וואָס בויזעך צו מאַכן?

ער האָט גענומען בערל'ען אונטערן אָרעם, אַ וואונק געטאָן האָדעס'ן מיט סילוויע'ן און זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר. אויך דאָס מילד־בלאָנדע מיידל, וואָס איז געזעסן מיט בערל'ען, איז נאָכ־געגאַנגען. (די שאַטענקע איז שוין פון פריער געזעסן באַ אַן אַנדער טישל). אין גאַס האָט זי אים גענומען אונטערן אָרעם, און קערנער האָט זיי געלאָזט גיין אַליין. זיי זיינען אַוועק אַרויף איבער דער עוועניו, זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס און פאַרשוואונדן.

קערנער האָט אונטער דער ווירקונג פון דער פרישער לופט זיך ווידער געפונען. נאָר איצט איז אים געווען אַזוי שווער און אַזוי דריקנדיק. ער האָט זיך געפרעגט:

— וואָסי דאָס?

— וואָס? — האָט אונטערגעכאַפּט האָדעס.

— אָט דאָס, דער היינטיקער אָוונט?

— דעגענעראַציע, — האָט שאַרף געענטפערט סילוויע און זיך אַ טרייסל געטאָן פון עקל, אַזוי ווי פריער, ווען זי איז אַנטלאָפן פון אונטער זשווירלינ'ס הענט.

קערנער האָט געשוויגן. ס'איז אים געווען שווער. נאָר ס'איז אויך פאַר אים קלאָר געווען, אַז דאָס איז פוילעניש.

אַלע דריי זיינען איצט ווידער געגאַנגען איבער דער עוועניו צוריק אַהיים. נאָר דער גאַנג איז שוין ניט געווען אַזאַ האָפערדיקער, ווי בעאיים זיי זיינען געגאַנגען אַהער. איצט האָבן זיך די פיס באַ זיי געפּלאָנטערט אַ ביסל און זייער געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט. אַלע זיינען געווען צעטראָגן און מער ווי אַף אַלע האָט זיך דאָס געמערקט אַף האָדעס'ן. ס'איז געווען איר וועלט, וואָס זי האָט געזען אַ פוילנ־דיקע. ס'איז איר קימאַט נימעס געוואָרן סילוויע'ס טוליען זיך צו קערנער'ן — דאַווקע איצט, ווען זי האַלט באַם פאַרלירן אַלץ, וואָלט זי געדאַרפט האָבן קערנער'ן באַ איר זייט. ער איז אָבער אַוועק ערגעץ וואו, צו דער רעוואָלוציע אַוועק, צו די „שרייער", ווי זי האָט עס גערופן, און אין גאַנג, האָט זי געפילט, שטעלט אויך סילוויע אירע

טריט אלץ זיכערער. נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צו האָדעס'עס שוועל, האָט זי דאָך איינגעלאַדן סילוויע'ן צו זיך:

— ווערסטאָך נעכטיקן באַ מיר, סילוויע, יאָ?

סילוויע וואָלט זיך גערן אָפּגעזאָגט, ווען זי וואָלט געוואוסט וואו־הין קערנער וועט זיך פאַרנעמען. נאָר זי האָט אויסגעכעשבנט, אַז קערנער וועט דאָ אויך בלייבן, און זי האָט גערן אָנגענומען מיט אַ ברייטן דאַנק און מיט אַזאַ מין זיכערקייט, ווי זי וואָלט גאָר אַנדערש ניט גערעכנט, ווי נאָר בלייבן נעכטיקן באַ האָדעס'ן.

— און דו, איסראָעל, בלייבסט אויך מיט אונז, יאָ?

— ניין, — האָט קערנער געענטפערט, — איך קאָן ניט. איך וויל מיך אַ ביסל צעשטרייען.

ער האָט ביידע דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט אַ גוטע נאַכט. באַם אוועקגיין האָט אים סילוויע פאַרגעוואָרפן:

— זע נאָר, האָסט עפּעס פאַרגעסן . . .

האָדעס איז געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זייט. קערנער האָט איר נאָכאַמאָל געגעבן די האַנט און זיך צעקושט. ער איז דערנאָך צו צו סילוויע'ן, איר אויך נאָכאַמאָל געגעבן די האַנט. זי האָט אויס־געשטעלט די ליפּלעך אַזוי ווי אַ שנויציק — ער האָט איבער דעם אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט און אַ קוש געטאָן.

ער איז אוועק. די צוויי מיידלעך זיינען אַריין אין צימער. דורך אַ שפּאַלט פונעם פאָרהאַנג, האָט קערנער פון וויטן באַמערקט, ווי עס רייסט זיך דורך אַ טונקל, קוים מערקבאַר ליכט־שטראַלכל. ער איז מיט האַסטיקע טריט אוועק צום סאַבוועי.

:: :: ::

קערנער'ס מויעך איז געווען מיד. באַלד ווי ער איז אַריין אין וואַגאָן פון סאַבוועי, האָט ער זיך צוגעטוליעט צו אַ ווינקל, און דער קאָפּ איז אים, אַן אַנטדרימלטער, געבליבן הענגען אָף דער ברוסט. אין האַלב־דרימל איז אים דורכגעשוואומען דער אָוונט — האָדעס'עס צימער, בערל זוב, זשווירלין און סילוויע'ס איבלדיקער ציטער באַם לויפן פון וואַש־צימער צוריק צום טיש. מיטאַמאָל האָט אים אַ צי געטאָן צו בראָנזוויל, צו זיין צימער, צו — הערי'ן . . .

אין האַלב־דרימל איז אָבער איצט זיין מאַרך שוין געווען ברייט־אָפן. כוואַליעס האָבן וויברירט אין זיין מויעך: ער מוז זען העריין, ער מוז מיט אים ריידן. ער האָט דערזען:

מיט עטלעכע טעג צוריק, ער האָט אָראָפּגעשטייגט אַף סאָטער עוועניו און זיך געלאָזט גיין מיט די נאַכטיק־שטילע בראָנזווילער קרייץ־געסלעך צו זיך אַהיים. ס'איז געווען שפּעטע נאַכט. אין איינער אַ גאַס האָט ער דערזען אַ פענצטער זיך לויכטן. אַ לאָמפּ ברענט. אַ מענטש, אַ שאָטן, שאַרט זיך אַרום ליכט פונעם לאָמפּ. ער האָט זיך געכאַפּט: דאָ וואוינט דאָך העריו! אַזוי שפּעט? — אַרויפגיין — ניט־אַרויפגיין? ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין קאָרידאָר אַריין איבער דער צווייטער זייט גאַס, איז אַרויף איין שטאָק און האָט אָנגעקלאַפּט. העריו האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר און געבליבן שטיין אַ פאַר־וואונדערטער.

קערנער האָט געזען: באַ העריין אַפן טיש ליגט אַ צעעפנט ביכל. ער נעמט עס אין האַנט און לייענט: — וו. אַ. לענין —„קינדער־קראַנקהייטן פון קאָמוניזם". ער איז געבליבן שטיין אַ שטאַרער און געמישט די בלעטלעך. ער האָט דערזען אונטערגעשטראָכענע שטעלן און ער האָט זיך איינגעגראָבן אין זיי:

„. . . ווייל די גאַנצע קאָמוניסטישע פּראָבלעם איז צו זיין אימ־שטאַנד צו איבערצייגן די אָפּגעשטאַנענע; צו אַרבעטן צווישן זיי און ניט אויפשטעלן קיין באַריערן צווישן אונז און זיי.

„. . . קעדיי צו זיין אימשטאַנד צו העלפן די מאַסן און צו געווינען זייער סימפּאַטיע, צוטרוי און שטיצע, דאַרף מען בייקומען אַלע שוועריקייטן, שטערונגען, באַליידיקונגען . . .

„. . . זיי דאַרפן אַריינדרינגען אין די באַשיידנסטע ערטער, גע־פינען זייער וועג אין די יוניאָנס, געזעלשאַפטן און צופעליקע פאַר־זאַמלונגס-פּלעצער פון פּאַשעטן פאָלק און ריידן צו זיי ניט ווי אַ געלערנטער, ניט צו-פיל לויטן פּאַרלאַמענטאַרישן מאַניער." . . .

קערנער האָט איצט, דאַכט זיך, פאַרנדיק אין סאָבוועי, געקוקט אַף העריין, געקוקט אַף אים אַ לעבעדיקן. דער שלאָף, וואָס האָט אים פריער געהאַט אַרומגעכאַפּט, איז פאַרשוואונדן. ער האָט פּאַר זיך געזען אַ נייעם מענטשן, וואָס זיצט נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע ביז טיף אין דער נאַכט אַריין און „קייעט די טוירע פון זיין קלאַס"

(און עס איז געווען אַ פּאַרבאָטן ביכל, אַרויסגעגעבן פון דער אונטער־ערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). ער האָט מיט הערי'ן קימאַט ניט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט בלויז געבעטן:

— ווען וועט איר פאַרטיק מיטן ביכל, הערי?

— איך בין שוין פאַרטיק מיט דעם, — האָט געזאָגט הערי ניט אָן שטאָלץ.

—טאָ לייט מיר עס.

הערי האָט אים גערן געליען דאָס ביכל. קערנער האָט דאָס ביכל אַרונטערגעלייגט אונטערן אָרעם און איז אַרויס אין גאַס. ערשט דאָ האָט ער דערזען, אַז הערי קוקט אַרויס דורכן פענצטער און זאָגט אים שטיל:

— קערנער, איר האָט פאַרגעסן זאָגן אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט קערנער אַרויסגעשעפּטשעט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט הערי געענטפערט.

קערנער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט: ער איז ווידער אַף דער כאָטער עוועניו סטאַנציע. ער האָט אַ טאַנץ געטאָן און איידער די וואַגאָן־טיר האָט צייט געהאַט זיך פאַרהאַקן, איז ער אַרויסגעשפּרונגען אַף דער פּלאַטפאָרמע. ער איז אַראָפּ אין גאַס און דערזען: איבער בראָנזוויל הענגט אַ שווערע נאַכט. אַ געדיכטער נעפּל פונעם נאָענטן יאַם־אויסגוס האָט זיך צעלייגט איבער די גאַסן און איינגעהילט די לאַמטערנעס אַף די אייזערנע סלופּעס. קערנער האָט זיך געשלייכט דורך די גאַסן. און אָט האָט ער זיך געכאַפּט: ער איז לעבן הערי'ס הויז. די שויבן זיינען פינצטער. ער איז אַוועק גלייך צו דער צענטראַלער גאַס. דאָ האָט נאָך אַ באַלויכטענער פענצטער פון אַ רעסטאָראַן געקוקט אין דער נעפּלדיקער נאַכט אַריין. און ווייטער איז ווידער פינצטער. אַ פּאָליסמאַן דרייט זיך אַרום. באַטאַפּט די טירן פון די קראָמען. אָט קוקט ער זיך איין אין קערנער'ן, באַטראַכט אים און לאָזט זיך ווייטער גיין זיין וועג. קערנער האָט פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס. ער האָט פון ווייטן דערזען דאָס הויז, אין וועלכן ער וואוינט, און צו זיך געזאָגט:

— איצט וועל איך רוען. דער פרימאָרגן, זאָגט דער רוס, איז קליגער פון דער נאַכט . . .

ער איז אריין אין קאָרידאָר. אין קעשענע האָט ער אָנגעטאַפּט דעם שליסל. גוט. ער וועט ניט דאַרפֿן היינט וועקן פֿונעם שלאָף זיין יונגע באַלעבאָסטע, — וואָס אַ פֿאַרשלאָפֿענע שמייכלט זי צו אים און מוסערט אים, וואָס ער שלעפּט זיך אַרום אַזוי שפּעט. ער האָט אויפֿגעשלאָסן די טיר און דורך דער קיך אַריין צו זיך אין צימער.

:: :: ::

שפּעט נאָך האַלבן טאָג, ווען קערנער האָט געעפֿנט די אויגן און זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, האָט ער אָפּן טיש בא זיך, צוגעשפּיליעט צום ביכל, וואָס ער האָט געליען בא הערי'ן, דערזען אַ קאָנווערט מיט אַן אויפֿשריפֿט:

— איסראָעל'ן, אַן אומגעקערטע מאַטאָנע.

ער האָט דערקענט האָדעס'עס האַנטשריפֿט. ווי אַזוי אָבער קומט דאָס בריוול אַהער? ער האָט זיך געכאַפּט: סילוויע איז געקומען אַהיים, איז פֿאַרגאַנגען צו אים אין צימער און צוגעשפּיליעט דאָס בריוול צום ביכל. ער האָט שנעל געעפֿנט דעם קאָנווערט און געפֿונען אין אים פֿיר שורעס, אַ פֿערז וואָס ער האָט אַמאָל אָנגעשריבן האָדעס'ן, זיצנדיק בא איר אין צימער. די שורעס האָבן זיך געלייענט:

> איך און דו: מיר ביידע זוכן גליק,
> געפֿינען מיר — ווערט פֿייכט און פֿריידיק אונזער בליק;
> גייען מיר פּאַרויס, שפּאַנען מיר באַנאַנד —
> אַהין — צו אונזער אויסגעטרוימטן לאַנד . . .

און אונטער די פֿיר שורעס האָט האָדעס בלויז צוגעשריבן:

— ניט איך האָב געפֿונען אונזער אויסגעטרוימט לאַנד — עפּשער דו? ? ? . . . (די דריי פֿראַגע־צייכנס האָט זי באַגליִיט מיט דריי שווערע פֿינטעלעך). — קערנער האָט אַזאַ פֿייערדיקן שמייכל געטאָן, האָט גע־כאַפּט אַ בליישטיפֿט און אונטערגעשריבן:

— איך וועל שוין מער ניט זינדיקן . . .

באַלד האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן. ער האָט אַריינגעלייגט דאָס צעטעלע אין קאָנווערט, גאַנץ געלאָסן צעריסן עס אין פֿיר באַלאַקים און דאָס אַריינגעוואָרפֿן איז בלעכענעם פּאַפּיר־קערבל, וואָס איז גע־שטאַנען בא אים אין צימער.

(דריטער קאַפּיטל)

כאַסענעס

1.

אַ יונג־זומערדיקער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט איבער בראַנזוויל. אין גרויסן שאַפּ האָבן די באַלמעלאָכעס אַרויפגעצויגן די העמדלעך מיט די אויפגעשניטענע אַרבל און אָפּגעשניטענע קאָלנערס. מען האָט לויז געלאָזט די שנירלעך פון די האַלבע שיך; דאָ־און־דאָרט האָט זיך עמיצער מיט אַ פּאַטשיילקע אַרומגעבונדן דעם האַלז, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סגולע קעגן רינענדיקן שווייס. מען האָט זיך אויסגעזועצט בא די מאַשינען. אַ פּייפל האָט אַ גרילץ געטאָן — עמיצער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אַף אַ טרעטער; נאָך איינער, אַ דריטער, און די מאַשינען האָבן אָנגעהויבן שלינגען שטיקער ניט־דערנייטע רעק.

דורך די פענצטער, וואָס צום קאָנאַרסי יאַם־אויסגוס אַרויס, האָבן זיך אַריינגעריסן בינטן זון און זיך געשטעלט איבערן שאַפּ, ווי דיקע דורכזיכטיקע שטויב־זיילן. וואָס העכער די זון האָט זיך גערוקט אַפן הימל, אַלץ מער האָט אויסגעוועפּט דער טוכלער גערוך, וואָס פלעגט זיך אין די זומערדיקע נעכט שפּרייטן איבער בראַנזוויל פון די זומפּן אַרום דעם קאָנאַרסי בעי. די בראַנזווילער טוישווים האָבן שוין דעם גערוך ניט געפילט, שוין געוועזן צוגעוואוינט; נאָר אַ נייעם איינוואוינער האָט עס דורך די נעכט געריסן די נאָזלעכער און געשטיקט אין האַלז. די שטויב־זיילן אין שאַפּ זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער, וואָס מער עס האָבן געהודיעט די מאַשינען. דער שאַפּ האָט זיך צעווינט. די אַרבעט איז אוועק אין פולן גאַנג. אַלע זיינען געווען

פארטאָן אין דער אַרבעט און אין זיך. בלויז דאָ־און־דאָרט האָבן באַלמעלאָכעס זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ ווערטל איינער מיטן צווייטן, אָדער מיט דעם „ס'באָס"", ווי די אַרבעטער האָבן לעצטנס גערופן דעם באַלעבאָס און פאַרמאַן פון שאַפּ. אַזוי זיינען שטונדן געלאָפן — געלאָפן מיט דער האַרעוואַניע, מיטן זשום פון מאָטאָרן, מיטן זשווינגען פון מאַשין־נאָדלען; געלאָפן מיטן שוויים פון מענטשלעכע לייבער. און מיטאַמאָל, בעת די מאַשינען האָבן געשלונגען שטיקער געוואַנט פון אונטער די הענט, האָט זיך איבערן שאַפּ פלוצלונג ווידער צעטראָגן אַ זעגנדיקער קוויטש, וואָס איז געווען גלייכצייטיק ענלעך אָפן קרייען פון אַ האָן און אָפן געוואָי פון אַ הונט אין אַ ווינטער־נאַכט:

— ה—אַ—ל—ע—ל—ו—י—אַ!!!

דאָס האָט מוישע טיפּעש געלאָזט וויסן, אַז ער איז היינט שטאַרק אויפגעלייגט. די באַלמעלאָכעס האָבן פון אַלע זייטן, אַזוי ווי אַלעמאָל בײַ אַזאַ קוויטש, איינגעצויגן די פּלייצעס אין זיך אַריין. פון אַ ווינקל, דאָרט וואו עס שטייען די אונטערפּרעסערס, איז געפלויגן אַ נאַסער שוואָם גלייך מוישע'ן אין פּליך אַריין. און די באַלמעלאָכעס האָבן געשריען:

— טיפּעש, שאַראַפּ!

— פאַרשטאָפּט אים די גאַרגיירעס, דעם טיפּעש!

בײַ מוישע טיפּעש זיינען די וואַסערדיקע אייגעלעך ווידער אַרומגעלאָפן אונטער די ווייסלאָזע אויגנדעקלעך אין מעשונעדיקער האַנאָע. ס'איז אים שטאַרק געפעלן, וואָס ער האָט אָפּ זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן שאַפּ. נאָכמער האָט אים האַנאָע געטאָן, וואָס אַבע פּראָצענטניק, זיין מאַשין־שאָכן קעגנאיבער, האָט דערפילט מוישע'ס שטאָך. מוישע'ס היינטיקער „האַלעלויאַ" האָט טאַקע אַבע'ן דערלאַנגט אונטערן האַרצן. ער האָט אַ ריס געטאָן פון אונטער מוישע'ס מאַשין אַ פּראַנטל פון אַ ראָק, אַזוי, אַז מוישע'ס האַנט האָט זיך שיר ניט אַריינגעכאַפּט אונטער דער נאָדל. אַ ביסל שפּעטער האָט ער איבערגעריסן מוישע'ס פאָדעם, וואָס איז געלאָפן פון אַ שפּאַליע הויך איבערן סאָפע, וואו די שפּולן באַוול פאַר די ניי־מאַשינען זיינען געשטאַנען. מוישע האָט זיך אַ הויב געטאָן דערלאַנגען דעם פאָדעם, און שלוימקע דער שוואַרצער, אַ נייער באַלמעלאָכע אין שאַפּ, האָט אומבאַמערקט

אים אונטערגערוקט אַ שפּיציקע, טאַקטורענע שפּול. מוישע האָט זיך שנעל אַ זעץ געטאָן אויף דעם שפּיץ פון דער שפּול און שלוימקע האָט איסגעזונגען:

— באַץ, האַלעלויאַ!

אַלע באַלמעלאָכעס ארום האָבן אונטערגעכאַפּט דעם „האַלעלויאַ" און צוגעגעבן: — „אָמעין, יעהעי שמעי ראַבאָ..." בא מוישע'ן זיינען די וואַסערדיקע אייגעלעך געוואָרן שפּיציקער. די באַלמעלאָכעס לעבן אים האָבן געלאַכט. פון וויטן האָט זיך באַוויזן „ס'באָסל". ער האָט דערשמעקט, אַז עס איז ניט גלאַט אין דעם ווינקל. די ארבעטער האָבן פאַרגראָבן די קעפּ אין די מאַשינען, די רוקנס האָבן זיך צעוויגט און די מאַשין־צײנדלעך האָבן ווידער געפרעסן שטיקער רעק פון אונטער די הענט.

אַבע פּראָצענטניק האָט פון מוישע'ן ניט געלאַכט, כאָטש אים האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס מען האָט אים אונטערגעשטעלט די שפּול. דאָס האָט מען געקאָנט זען אַפילע אין די קנייטשעלעך ארום זיינע געלע אויגן און אין דעם, ווי זיין נאָז האָט געצוקט. נאָר פאַר אים איז דער „האַלעלויאַ" געווען אַ גרויסער ווייטיק. מוישע טיפּעש איז אין שאַפּ געווען איינער פון אַבע'ס אונטערשטופּער. איצט האָט ער זיך מיט אַבע'ן געריצט. זינט אַבע האָט אים געוואָלט פאַרשלייערן זיין (אַבע'ס) פּלימעניצע, מיט וועלכער דייווקע האָט כאַסענע, האָט מוישע געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אריינצוקרייען אַבע'ן אין פּאָנים ארײן זיין „האַלעלויאַ".

אַזוי לאַנג ווי דייווקע איז נאָך געווען טשערמאַן פון שאַפּ און אַבע האָט נאָך געדרייט דאָס רעדל, האָט מוישע ניט געוואַגט זיין אַזוי כוצפּעדיק. דייווקע איז שוין אָבער געווען אויס טשערמאַן און איז שוין מיט אַ טאָג פריער אַוועק פון שאַפּ. איצט איז שוין טשערמאַן געווען זיידעל — קערנער'ס מאַשין־שאָכן. און אַבע איז ניט קיין נאַר. עס האָט אים איצט ניט אַזוי געאַרט, וואָס מוישע טיפּעש האָט זיך ארויסגעדרייט פון זיין פּלימעניצע, ווי דאָס, וואָס ער לאַכט פון אים מיט זיין „האַלעלויאַ" און שטעלט אים ארויס צום נאַר פאַרן גאַנצן שאַפּ באַלמעלאָכעס. אין מוישע'ס כויזעק האָט ער דערפילט די יערידע זיינע אין שאַפּ. אַמאָל, ווען אַבע האָט געדרייט דאָס רעדל,

האט ער געהאלטן מוישע'ן אונטער זיך. איצט אבער, מיט זיידעל'ן אלס טשערמאן, הויבט שוין מוישע אויך אן קריכן אפן קאפ.

אבע פראצענטניק האט זיין געדולע ניט אזוי גרינג אויפגעגעבן. נאך מיט א פאר וואכן איידער דיווזקע האט געדארפט כאסענע האבן און מען האט געדארפט דערוויילן א נייעם טשערמאן, האט אבע געארבעט מאיסים. אים אליין האט זיך געוואלט זיין טשערמאן, נאר ער האט געוואוסט, אז דאס וועט אים ניט געלינגען. איז ער געלאפן צו דער „יוניע", צו מר. שאצ'ן, און אים געזאגט, אז זאלמען גארגל, אט־דער וואס קאן מיט א גאל־מעסער אפשניידן איינעם אן אויער, זאל זיין טשערמאן פון שאפ.

— וואצימערע, — האט אבע געזאגט דער „יוניע", — זאלמען איז אן אלטער יוניעמאן און זיינע קינדער זיינען יוניע־לייט — טא פארוואס ניט?

אבער זינט יענעם שאפ־מיטינג, אף וועלכן מען האט באהאנדלט די פראגע וועגן קערנער'ס פאטש דעם באלעבאס, איז די „יוניע", ברודער שאץ, געווארן א ביסל פארזיכטיקער — אלנפאלס האט ער אויסערלעך אויסגעזען צו זיין א ביסל ליבעראלער. ער האט עפעם דאס קייטעלע אף זיין רונדינקן בייכל איצט געדרייט פאמעלעכער, באטראכטער. איצט פלעגט ער שוין, קומענדיק אין שאפ, ניט צוגיין פריער פון אלץ צום באלעבאס, נאר צו דזשאסלינ'ס מאשין. דזשאסלין האט געזאגט— „ניין, ניט זאלמען." אבע האט געפרואווט ווירקן אויך דורך שאמשע'ן. ער איז געלאפן צו שאמשע'ן באקלאגן זיך אף דזשאסלינ'ען, דעם „צעדרייטן אנארכיסט" (מיטן טראפ אפן ערשטן בוכשטאב פון צווייטן ווארט). דעם זעלביקן פארנאכט, וואס אבע האט געזאגט דער יוניע, אז זאלמען זאל זיין טשערמאן און דזשאסלין האט געזאגט „ניין", איז אבע געקומען צו שאמשע'ן אין שענק אריין און שטיל איינגעטאינעט:

— שאמשע, זאל דער גארגל זיין טשערמאן. ס'ארט עם דעם מע־שוגענעם אנארכיסט, אז דער גארגל וועט זיין טשערמאן? ס'ט אים עפעם פעלן א האנט, צי א פוס?...

און שאמשע איז שוין געווען אט־אט־א גרייט נאכגעבן אבע'ן. נאר דא איז אנגעקומען דזשאסלין און געזאגט שאמשע'ן: — „ניין." און ס'איז געבליבן ניין.

צי האָט דזשאָסלין אַליין געהאַלטן אַן אויג אָפן טשערמאַן־אַמט אין שאַפּ, האָט מען ניט געקאָנט דערגיין. ער האָט קיינעם ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין. לויט זיינע רייד איז ער אַלעמאָל געווען קעגן אָננעמען אַן אַמט אין דער „יוניע", אָדער אין שאַפּ. „אַז מען ווערט אַ באַ־אַמטער, ווערט מען אַ גרעפּטער," האָט ער אַלעמאָל געזאָגט. און ער, האָט עס געהייסן, וויל קיין גרעפּטער ניט זיין, דעריבער וויל ער קיין באַאַמטער אין דער „יוניע" ניט זיין. נאָר ער האָט די גאַנצע פּאָר וואָכן געהאַלטן אין איין געהיימניספולן שושקען זיך מיט דער „יוניע". וועגן וואָס זיי האָבן זיך געשושקעט, האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר אין דער צייט האָט הערי דער אונטערפרעסער „אונטערגעוואָרעמט" אייניקע באַלמעלאָכעס, צווישן זיי אויך שלוימקע דעם שוואַרצן, פאַר זיידעל'ן.

הערי האָט אין די כאַדאָשים, זינט דעם שאַפּ־מיטינג, זיך גאָר אַ סאַך געענדערט. ער איז געוואָרן וואָרעמער און פּאַשעטער. ער פלעגט שפּאַסן מיט די באַלמעלאָכעס, ריידן מיט זיי, שפּילן אין קאָרטן אַפילע — אַ זאַך, וואָס ער פלעגט פריער קיינמאָל ניט טאָן. אַמאָל, אַז ער פלעגט זען, ווי אַרבעטער זיצן און שפּילן אין קאָרטן, פלעגט ער זיך בייזערן: — געמבלערס, — פלעגט ער זיי צוזאָוואַרפן, כאָטש עס האָט געמעגט זיין די אומשולדיקסטע שפּיל, בלויז צוליב צייט־פאַרטרייב. נאָר לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן אַליין שפּילן מיט זיי — פאַרשטייט זיך, ניט „גרויס", נאָר ווי באַלמעלאָכעס שפּילן. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט זיי צו פאַרווייליגונגען און „פּאַרטיס". ער איז, ווי מאָדנע עס זאָל ניט קלינגען, דורכדעם געוואָרן אַ בען־באַיעס אין אַ סאַך היימען פון שאַפּ־באַלמעלאָכעס און מען האָט אים ליב באַקומען.

דאָס האָט הערי'ן זייער אַ סאַך געהאָלפן, ווען מען האָט געדאַרפט דערוויילן אַ טשערמאַן. ער האָט אַזוי געאַרבעט, אַז ביז עס איז גע־קומען צום שאַפּ־מיטינג, איז שוין די שטימונג געווען דורכאויס פאַר זיידעל'ן. באַם שאַפּ־מיטינג, אַז מען האָט נאָמינירט דזשאָסלינ'ען און געפרעגט צי ער נעמט אָן, האָט ער געענטפערט:

— „אין פעיוואָר אָוו זיידעל".

הערי האָט איצט געפירט אָפּטערע געשפּרעכן מיט קערנער'ן. ער האָט בא אים געבעטן ביכער און האָט אים דערפאַר געגעבן בראָשורן,

וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער אומלעגאַלער פּאַרטיי. אויך מיט זיידעל׳ן האָט ער זיך גוט באַפריינדעט. אַבע האָט די אַלע זאַכן געזען און דעריבער האָט ער איצט געבורטשעט מער ווי אַלעמאָל, און זיין שפּיץ נאָז האָט געצוקט מער ווי אַלעמאָל. ער האָט נאָך אַלץ אויסגעליען געלט אַף פּראָצענט, און די באַלמעלאָכעס פלעגן אים נאָך אַלץ שעלטן באַם אָפּגעבן די האַלוואָע. נאָר אַבע איז שוין ניט געווען דאָס וואָס אַמאָל. ער איז געוואָרן אויס באַל־דייע אין שאַפּ. און דאָס, מער ווי אַלץ, האָט אים ווייַ געטאָן. צוליב דעם האָט אים אַזוי געקרענקט דער היינטיקער יונג־זומערדיקער פרימאָרגן, אין וועלכן מוישע טיפּעש האָט אים געוואָרפן אין פּאָנעם אריין זיין קוויטש־קרייענדיקן „האַלעלויאַ״.

2.

זינט זיידעל איז געוואָרן טשערמאַן אין שאַפּ, האָט ער זיך גע־קליבן איינלאָדן אַ פּאָר פון די ערנסטערע באַלמעלאָכעס אַף וועטשערע. אין שאַפּ גופע האָבן די באַלמעלאָכעס אָפּגעאָטעמט פרייער. די אַרבעט איז געגאַנגען עטוואָס גרינגער — כאָטש זיי האָבן געהאָרעוועט ניט ווינציקער ווי פריער, און גאָר אָפּט פלעגט מען ווי אַלעמאָל הערן, ווי איינער אָדער אַ צווייטער גלייכט זיך אויס דעם רוקן, ציט זיך אויס די ביינער מיט אַ קרעכץ:

— אָ, אָ, צום טאָג נעמט גאָר קיין סאָף ניט.

נאָר מוירע האָבן פאַרן באַלעבאָס, פאַר אַבע׳ן, פאַר דייוועקע׳ן, פאַר זאַלמען גאָרגל אָדער פאַר מוישע טיפּעש — אָדער היטן זיך אַ וואָרט אַרויסריידן, האָט מען שוין איצט ניט געדאַרפט. זיידעל׳ן האָט מען אין שאַפּ געקענט גוט. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ פּאַשעטער מענטש און אַז ער איז אַ „סאָשעליסט״. ער אַליין האָט קערנער׳ן געזאָגט:

— איך וואוט אַלעמאָל אַ סטרעיט סאָשעליסט טיקעט.

און הערי, וועלכער האָט געקענט זיידעל׳ן, האָט קערנער׳ן דער־ציילט, אַז זיידעל איז ביז מיט איינקע יאָר צוריק געווען אַפילע אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. נאָך בעאיים דער מיל־

כאמע, אין די שפאַלטונגען און רייסערייען, ווען אַ סאַך סאָציאַליסטישע פירער האָבן געשטיצט ווילסאָנ׳ען, האָט זיידעל פאַרלאָזן די פּאַרטיי. ער איז אָבער געבליבן, ווי פריער, אַ פּאַשעטער מענטש, מיט אַ פּאַשעטער ערלעכער באַציאונג צו מענטשן. און אַלעמאָל פלעגט ער זאָגן:

— אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז עס זאָל געטאָן ווערן גערעכטיקייט צו אַלעמען גלייך.

אַזוי האָט ער אויך געזאָגט באַם מיטינג, ווען ער איז דערוויילט געוואָרן טשערמאַן פון שאָפּ.

— איך וויל ניט זען, — האָט ער געזאָגט, — ווי יוניע־פירער פריינטלען זיך מיט באָסעס און די אַרבעטער זאָלן דערביי ליידן.

ניט אַזוי זיינע רייד, נאָר דער בליק אין זיינע ערלעכע אויגן, האָט אויף אַלעמען געלאָזט אַ געפיל פון אכראַיעס, פון עמעסדיקייט. היינט, נאָך מוישע׳ס „האַלעלויאַ״, האָט ער בלויז אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף קערנער׳ן, ווי איינער וואָלט געזאָגט:

— די גוטע פריינט רייסן זיך שוין.

אַ ביסל שפּעטער האָט ער דערמאָנט קערנער׳ן, אַז היינט אָוונט דאַרפן זיי זיך טרעפן באַ אים, באַ זיידעל׳ן אין הויז, אויף וועטשערע. ער האָט דאָס אויך דערמאָנט הערי׳ן און סילוויע׳ן. סילוויע האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן, ווי פון גרויס האַנאָע — צי פון דעם וואָס האָט נאָר וואָס פּאַסירט צווישן מוישע טיפּעש און אַבע פּראָצענטניק, צי פון דער איינלאַדונג, אין וועלכער זי האָט שוין קימאַט געהאַט פאַרגעסן. זי האָט אין איר ברוסטיק־אָנגענעמער שטימע זיך שטיל צעזונגען:

איך גיי און גיי דורך טעג, דורך יאָרן,
אָ, שניידער לעבן מיין;
איך גיי און טרוים פון גוטע יאָרן,
אָן ליידן און אָן פּיין.

פאַרגייט די זון, פאַרגייט אַ טאָג,
אָ, שניידער לעבן מיין;
גייט־אויף די זון, קומט־אויף אַ טאָג,
און איך זינג פון מיין פּיין.

פון דער מאַשין קעגנאיבער האָט באַ קערנער'ן אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ צום טאַקט פונעם ליד. די באַוועגונגען פון זיינע פינגער, וואָס האָבן פלינק דורכגעלאָזט די רעק־פראַנטלעך צווישן פיסל און ציינדלעך פון מאַשין, זיינען געלאָפן אַלץ מער אין ריטם פון סילוויע'ס געזאַנג:

איך ניי און זינג אַן אַלט געזאַנג, —
אַ שניידערישן ליד;
אין האַרצן נאָגט, אין האַרץ איז באַנג
פון שניידערישן ליד.

די זון גייט־אויף, די זון פאַרגייט:
וואָס־זשע איז מיר אַזוי באַנג?
—ס'לעבן מיינס, וואָס גאָרט נאָך פרייד,
נאָך ליבע און געזאַנג.

אַזאַ שווערער אומעט איז באַפאַלן קערנער'ן פון סילוויע'ס געזאַנג, אין וועלכן ער איז איצט אינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן. די אָפּגעשטעפּטע רעק־פראַנטלעך זיינען איצט ראַשיק געפלויגן דורך זיינע פינגער. אינ־גאַנצן איז ער געווען אונטערן צויבער פון איר ברוסטיק־הייזעריקלעכער שטימע, וואָס איז אים איז וואָס־אַמאָל אַלץ אייגענער געוואָרן. און סילוויע האָט געזונגען און פאַרענדיקט דאָס ליד מיט די ערשטע פיר שורעס:

איך ניי און ניי דורך טעג, דורך יאָרן,
אַ, שניידער־לעבן מיין;
איך ניי און טרוים פון גוטע יאָרן,
אַן ליידן און אַן פּיין.

באַם זינגען האָבן זיך אירע פולבלעכע ברוסטן געריסן פון אונטער דער דינער, ווייסער בלוזקע. קערנער האָט אַלץ אָפטער אָנגעהויבן באַ־מערקן די קנייטשן אין איר בלוזקע — באַם זינגען און באַם אָטעמען. אָפט פלעגט די דעקאָלטע זיך אַ רוק טאָן אַ ביסל אין אַ זייט און אַ שטיקל אויסגערונדיקט רינוועלע פלעגט זיך אויפדעקן. קערנער'ן האָט עס לעצטנס אָנגעהויבן רייצן, נאָר ער האָט געשוויגן און געפּרוּווט דאָס באַהאַלטן אין זיך. סילוויע האָט אָפּגעזונגען די לעצטע ווערטער פונעם ליד און געזאָגט צו קערנער'ן:

— זינגען, זינגסטו, נאָר קיין קאָל הערט מען ניט...

— האָסט מיר ס'לאָשן אָפּגענומען, — האָט קערנער געענטפערט, — און ווילסט מיך הערן זינגען . . .

— רעדסט פונדעסטוועגן מער פון א שטומען, — האָט זיך סילוויע צעלאַכט.

פון דער זייט האָט שלוימקע דער שווארצער צוגעוואָרפן:

— שוין, מען זאָגט שוין טוירע . . . אין דר'ערד מיין מאַזל.

זיידלע האָט גוטמוטיק אריבערגעקוקט איבער דער מאַשין — אָט אַף סילוויע'ן, אָט אַף קערנער'ן, און צוגעגעבן:

— ווער עס זאָגט טוירע, וועט זינגען זמירעס . . .

בא סילוויע'ן האָט א בלאָנדער לאָק זיך געבאָמבלט איבער דער אונטערגעפירטער ברעם, בעאיים זי האָט טראַציק און מיט מער אימפּעט ווי פריער ווידער פארצויגן דאָס ליד:

איך גיי און גיי דורך טעג, דורך יאָרן . . .

— קום, שלוימקע, — האָט זי גערופן, — עפן דיין זים מיילעכל.

— זאָל קערנער דיר העלפן. מיט מיר וועסטו קיין געהאָלפּענע ניט ווערן. איך האָב א ווייב מיט קינדער.

זי האָט זיך עטוואָס פארדרויטלט, א בליץ געטאָן אַף קערנער'ן מיט פייערלעך פון אירע גרינע אויגן, א צי געטאָן א ראָק־פּראָנטל פון אונטער זיין מאַשין און אים געפרעגט:

— קערנער, וויפיל ווייבער האָסטו?

— בא מיר וואָלסטו געווען די איין־און־איינציקע, — האָט קערנער געענטפערט.

— דריי זיך ניט, זאָג אויס. קאָל־זמאַן ס'איז בא אבע'ם פּלי־מעניטשקע פאר דער כופּע, האָסטו נאָך צייט . . .

קערנער האָט געהאַלטן אין אויסגלייכן די פּלייצע, וואָס האָט זיך געבויגן איבער דער מאַשין און איז געבליבן ניט־אהין, ניט־אהער, מיט א צעעפנט מויל, אין פארוואונדערונג איבער סילוויע'ס לייכטן שארפ־זין. ער האָט ניט געוואָלט ארויסווייזן זיין צופרידנקייט מיט איר

באמערקונג — אזוי ווי ער וואָלט איר קלוימערשט ניט פאַרגונען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, איינגעבויגן דעם קאָפּ צוריק צו דער מאַשין, און ווידער איז די אַרבעט אַוועק ראַשיק אונטער זיינע הענט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער פלעגט אָפט טאָן, און באַטראַכט דעם אַרום: דער שאַפּ האָט געאַרבעט. אַפּערעיטאָרס מיט געבויגענע רוקנס, אין העמדלעך מיט אויסגעשניטענע אַרבל, אָדער גאָר אָן העמדלעך, מיט גלאַנציקע, שווייסיקע פּלייצעס, האָבן זיך געוויגט זיצנדיק, ווער מיט איין זייט קערפּער, ווער מיט דער צווייטער זייט, איבער די מאַשינען. פּרעסער האָבן זיך געהוידעט אויף די טרעטערס פון פּרעס־מאַשינען, אויף וועלכע זיי זיינען געשטאַנען מיט איין פוס, געצויגן בײַ אַ הענטל עפּעס, פון וואָס ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע מיט אַ סוויסטש. די אונטערפּרעסערס בײַם טיש, וואו הערי האָט געאַרבעט, האָבן מיט קרעפטיקע אָרעמס געפירט די גליאַיקע אייזנס איבער דער לינקער זייט פון די נעט. אין אַ ווינקל האָבן שניידער, פלינק ווי שוואַרץ־קינצלער, געצויגן די נאָדלען מיט איינגעפעדעמטע פאַסטריגעס דורך די זוימען פון רעק. העט דאָרט ווייט אין ווינקל האָט „ס׳באָסל״ געלייגט אין אָרדענונג אויסגעפּרעסטע רעק, איינעם אויפן צווייטן און פּאַרטיק געמאַכט אַ „שיפּמענט״.

בײַ דער זייט, בײַ אַ מאַשין, מיטן פּנים צום פענצטער, איז געזעסן דזשאָסלין. זיינע שפּיציקע אייגעלעך זיינען פון אונטער די ברילן געלאָפן איבערן שאַפּ, ווי ער וואָלט עפּעס געפאָרשט. זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיט קערנער׳ס, און ער האָט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן שמייכל געטאָן. זיין שמייכל איז געווען שפּיציק און אומרואיק. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס געווען פאַרזאָרגט. פאַרוואָס האָט דייוועק׳ס באָסענע אָנגעוואָרפן אַזאַ זאָרג אויף אים, האָט קערנער אַ טראַכט געטאָן. און באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס קאָן ניט זיין דייוועק׳ס באָסענע. עטוואָס אַנדערש עסט אים. ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט אויסצוגעפינען.

ער האָט ווייטער געפירט זיין בליק און געזען, אַז אויף דייוועק׳ס אָרט זיצט אַן אַנדער באַלמעלאָכע. דייוועק האָט, הייסט עס, אָפּגעשטעלט די אַרבעט מיט אַ טאָג פריער. פאַרן אַוועקגיין האָט ער צוגעזאָגט ברענגען לעקעך און בראָנפן און איינגעלאַדן אַלעמען, זיי

זאָלן אַף מאָרגן, פּריטיק, גיין מיט אים אין באָד אריין, וואו מען יועט „גוט אריינגיהן"

שפּעטער אין טאָג, ווען דייוועקע האָט שוין געהאַט געבראַכט בראָנפן און הערינג מיט ברויט און לעקעך און וויין, זיינען די מאַשינען פאַרשטומט געוואָרן. „ס'באָסל" האָט שוין אַלעמען געהאַט אויס־געטיילט קאָנווערטלעך מיט סכירעס. די באַלמעלאָכעס האָבן זיך ארומ־געזאַמלט ארום א גרויסן טיש, וואו דער בראָנפן מיט די גוטע זאַכן זיינען געשטאַנען. מען האָט אריינגעגאָסן און צוגעוואונטשן דייוועקע'ן:

— זאָלסט שוין האָבן א בעסער מאַזל ווי אין שאַפּ.

דייוועקע האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו קערנער'ן, אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

—נאָר הארד פילינגס, קערנער, אָ־קעי?

— אָ־קעי, — האָט קערנער געענטפערט, — זאָל דיר זיין צום לעבן און צו לאַנגע יאָר, — און ער האָט איבערגעקערט א גלעזל בראָנפן אין האַלז אריין גלייכצייטיק מיט דייוועקע'ן.

דייוועקע'ן איז דער לעבאַים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט באַלד אויסגערופן:

— עוורי באָדי ליסן: אַלע וואָס גייען היינט אין באָד אריין, קריגן „פּעסעם פרי".

אַלע האָבן געלאַכט, אים ווידער צוגעוואונטשן. פון דער זייט האָט מען געהערט באַלמעלאָכעס ריידן:

— האַלעוואַי האַלטן מיר שוין מיט זיין שווער אַזוי.

דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אַלע ווינטשן אים צו א גוט מאַזל, און מען וואָלט אַבע פּראַקטיק אויך צוגעוואונטשן א גוט־מאַזל, אבי מען זאָל פון אים פּאַטער ווערן פון שאַפּ.

ווען די באַלמעלאָכעס זיינען ארויס פון שאַפּ, איז נאָך געווען העלער טאָג.

אַנאַ איז דורכגעלאָפן מיט א הילכיקן געלעכטער.

— וואוהין לויפטו, אַנאַ? — האָט שלוימקע דער שווארצער געפרעגט.

—אין באָד אריין, אַף דייוועקע'ס „אינוויטעישאָן", — האָט אַנאַ געלאַכט.

— נעם מיך אויך מיט, — האָט שלוימקע אָפּ צופּליסנס זיך געבעטן.

— אַ בראַנד אַ מויד, — האָט קערנער געטראַכט אין זיך, בעת ער האָט נאָכגעפּאָלגט איר שפּילעווודיק קעפּל מיט די גלאַנציק־בלאָנדע האָר, וואָס זיינען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ איבערן פאָרנט פון קאָפּ.

— בעט זי דו, — האָט געזאָגט סילוויע, וועלכע האָט זיך מיט־אַמאָל פּאַיאָוועט באַ קערנער׳ס זייט. — דיך וועט זי מיטנעמען.

— אָ, איך גיי סיי־ווי אין באָד אריין, — האָט קערנער געזאָגט.

— איידער מען זאָל מיך פירן, איז שוין גלייכער איך זאָל אַליין גיין.

— אָ, העוו עי גוד טאַים, — האָט אים סילוויע צוגעוואונטשן. — אבי איך האָב געמיינט, אז מיר עסן היינט וועטשערע באַ זיידעל׳ן.

— אָפּ דעם איז נאָך צייט. מיר׳ן זיך דאָרט טרעפן אזייגער אכט, — האָט קערנער צוגעגעבן און ער איז אוועק אין טראָט מיט הערי׳ן, וועלכער איז ערשט צוגעקומען צו אים.

:: :: ::

אין באָד איז היינט געווען ענג, דושנע, און ס׳האָט געשלאָגן אָן אומאויפהערלעכער געזשום. מענטשן זיינען געלאָפן אָפּגעזייפטע אונ־טערן שפּריץ, פון שפּריץ אין צווייטן צימער אָפּן פּאָל, און ווידער אונטערן שפּריץ — אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אין פאָדער־צימער זיינען געשטאַנען דריי מענטשן מיט אזעלכע האלב־גומענע גאַרטלען אַרום זייערע לענדן. מיט פעט־אָנגעזייפטע מאַטשאַלקעס האָבן זיי געוואַשן די פאַרשוינען. נאָר אויסער די דאָזיקע וואַשערס — פאַרשטשיקעס, ווי מען רופט זיי — האָט מען זיך געוואַשן איינער דעם צווייטן. אהער פלעגט מען קומען גאַנצע גרופּעס, ווינציקסטנס אין צווייען, קעדיי איינער זאָל דעם צווייטן קאָנען ארומוואַשן און דערנאָך „געבן א פּלייצע”. גאָר א סאַך פון די, וואָס פלעגן אהער קומען אין גרופּעס, אָדער פּאָרווייז, האָבן דורכדעם ניט געזוכט איינשפּאָרן קיין געלט. זיי פלעגן דעם פאַרשטשיק אָפּגעבן דאָס זייניקע. נאָר די האַנאָע פון דער־לאַנגען איינער דעם צווייטן א פּלייצע וואָלטן א סאַך פון זיי ניט פאַר־קויפט פאַר קאָל האָנעלטן.

אהער אין באָד פלעגט אַלע פרייטיק פאַרנאַכט קומען אַ איד — רעב אַריע האָט מען אים גערופן. לויט זיין נאַקעטן אויסזען, האָט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ אידן אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן. בײַ אים איז געווען אַ פעסטער קערפער, אַ געזונטע ראָזעווע הויט און דער קאָפּ איז געזעסן פעסט אַף די אַקסלען. בלויז אַרום די שלייפן זיינען אים די האָר געווען עטוואָס גרוי. ווען אים האָבן די מענטשן אַרום געזאָגט:

— זיין געזונט — האַלעוואַי אַף אַלע אידן געזאָגט.

— האַלעוואַי האַלט איך צו פערציק, וואו ער האַלט צו זעכציק.

—אַ גאַנצן זעכציקער אָפּגעצײַלט, — האָט ער זיך אַליין באַ־רימט, אָבער ניטשעוואָ: מיינע „אַ פּלייצע" האָט נאָך אַלץ צו זיך קיין גלייכן ניט אין בראָנזוויל.

אָט צו דעם אידן פלעגט עס ליב האָבן אַריינפאַלן דזשאָסלין. אַליין נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, אַ זשוואַווער, כאַטש אַ פעסטער, האָט דזשאָסלין, מיט זיינע קורצזיכטיקע אָבער שאַרפע אייגעלעך — אין באָד טראָגט מען ניט קיין ברילן — אויסגעזוכט דעם אידן און געבעטן:

— רעב אַריע, — אַ פּלייצע ?

אונטער רעב אַריע'ס הענט האָט די גרעסטע היץ ניט געברענט. מען גיסט אַ שעפּעלע נאָך אַ שעפּעלע; פון דער קראַסנע זעצט איין וואָלקן פאַרע נאָכן צווייטן, נאָר אָט צעפירט רעב אַריע זיינע הענט און עס פאַרשווינדט, דאַכט זיך, די היץ. אַזאַ אַנגענעמע וואַרעמקייט צעגייט זיך איבער דער הויט, דרינגט אַריין אין די אייוורים. רעב אַריע קערט אייך איבער פון איין זייט אַף דער צווייטער — מען גיסט נאָך אַלץ שעפּעלעך אַף דער קראַסנע, און איר ליגט אַזוי, ליגט, קרעכצט זיך אונטער פון האַנאָע, ביז איר גייט אַרויס פון אונטער זיינע הענט אַ באַדעקטער מיט געדיכטע, ווייסע מידלענעס אַף אַ קערפער, וואָס איז צונטער־רויט.

— און איצט, — דערהערט זיך רעב אַריע'ס שטים, — יאָמויד האַכאָסן האַמאַסמיד האַגאָדל דייווקע בערעב . . . — בערעב . . . — נו, קום שוין אַהער, טאַנע־באַרע. צעלייג זיך און מיר'ן דיך מייכן זיין צו דער כופּע און צו מאַיסים טויווים פאַרן פאָלק איסראָעל.

דייווקע איז שוין געווען א ביסל בעגילופין און ער האָט טאָמע־וואַטע געפּרעגט:

— הו, מי?

ער האָט גענומען אַן אַלטן אַרומגעשניטענעם קאַפּעליוש, איינגע־ווייקט אין קאַלט וואַסער, אַרויפגעצויגן אַפן קאָפּ ביז איבער די אויגן, און אַריין אין קראַסנע־צימער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַפן פּאָל און רעב אַריע האָט אים גענומען אין די הענט אַריין. באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע פּיר מיטן בעזימל איז דייווקע געבליבן ליגן אַזוי ווי אַ פּאַרכאַלעשטער. רעב אַריע האָט אים אַ פּליק געטאָן מיט אַ קאַלט שעפּעלע וואַסער, באַלד מיט נאָך איינעם — דייווקע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. רעב אַריע האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער דער האַנט, אַרויס־געפירט אין צווייטן צימער און אים אַרונטערגעשטעלט אונטערן שפּריץ. ער איז געווען זייער בלייך און מענטשן האָבן אים אַרומגערינגלט. באַלד נאָכן קאַלטן שפּריץ איז דייווקע ווידער געווען דאָס זעלבע וואָס פריער.

— איט'ס נאַטינג', — האָט ער געפּרואווט אַ שמייכל טאָן. — מיר'ן באַלד טרינקען אַ לעכאַים, ווען אַלץ זיין אָ־קעי.

— נעקסט, — האָט רעב אַריע אויסגערופן.

ס'האָט זיך אַרויסגערוקט פון צווישן אוילעם „ס'רעוול", וועלכער איז אויך געקומען אהער אַף דייווקע'ס איינלאַדונג. ער האָט עס טאַקע געדאַרפט כאַסענע מאַכן דייווקע'ן מיט אַבע'ס פּלימעניטשקע. אויס־געזען האָט ער קיילעכיק, מיט אַ יונג, וואַקסנדיק בייכל, אינגאַנצן בלוט־און־מילך. פּייעסלעך האָט ער געטראָגן און אַ שאַרף פּראַנצויזיש בערדל — גאָרניט קיין בראָנזווילער ראָוו... אונטער די גערדיכטע ברע־מען האָבן געפינקלט צוויי טאַיוועדיקע אייגעלעך.

זיין רונדינקן קערפּער האָט ער ראַכוועסדיק, מיט אַ האַנאָע־קרעכץ אויסגעמאַסטשעט אַפן פּאָל, און ווי נאָר רעב אַריע האָט צעפירט דאָס אָנגעזייפטע בעזימל איבער זיינע קריזשעס, איז זיך ס'רעוול פּאַרגאַנגען אין קרעכצן מיט גרוים האַנאָע:

אי, אי,, אי — אָט אַ גאַניידן . . . אָך, אָך, אָך — בעסער ווי אַ יונג ווייבל נאָך שלוישים . . .

ס'רעוול האָט געקייכט פאַר האַנאָע. באַ רעב אַריע'ן האָט דאָס בעזימל אין האַנט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט גרויס האַסמאָדע. ער האָט אַ פּאַך געטאָן דאָס בעזימל אין דער לופטן, און ס'רעוול האָט אָנגעהויבן שרייען: — אוי, סע ברענט, סע ברענט, רעב אַריע . . . נאָר רעב אַריע האָט דאָס בעזימל ווידער געהויבן און אַראָפּגעלאָזט און געיאָגט די ברענענדיקע היץ דעם רעוול אין קאָפּ אַריין, און בעאיים־מאַיסע האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אַ פּאַרשטשיק ער זאָל דערלאַנגען נאָך אַ שעפעלע.

— נאַ דיר אַ יונג ווייבל נאָך שלוישים, דו נויעף דו . . . — האָט רעב אַריע געזאָגט און ווייטער געיאָגט די פּאַרע צום קאָפּ.

ס'רעוול, אַ צעפּאַרעטער, מיט רויטע פּליאַמעס איבערן גאַנצן קער־פּער, האָט זיך אַ קייקל געטאָן, אַנטלאָפן אין צווייטן צימער אַריין, און זיך געשטעלט אונטערן שפּריץ אַ שוואַר־סאָפּענדיקער.

שפּעטער האָט רעב אַריע גענומען אָפּן פּאַל די מעכוטאָנים — אַבע פּראַצענטניק, זאַלמען גאָרגל, מוישע טיפּעש און — שאַמשע'ן. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט זיי אָפּגעפּאַרטיקט, האָט ער זיך אַליין גענומען אַ פּלייצע. אַזאַ טעוועגעווען באַ אים: נאָכדעם ווי ער האָט אַ פּאָר שאָ זיך דערוואַרעמט אַרום אַנדערע, האָט ער זיך אויס־געפּאַרעט אַ פריש שעפעלע, גענומען אַ גוט דורכגעווייקט בעזימל מיט פרישער מידלענע און זיך אַליין לאַנג און מיט האַסמאָדע געגלעט די קריזשעס, דעם בויך, פּאַרדרייט די הענט צו דערלאַנגען דעם רוקן, געוויקלט דאָס בעזימל לאַנגאַם אַרום און אַרום האַלז, אַזוי ווי אַ כאָסיד וויקלט מיט גרויסע האַנאָע אַ ווייך־זיידענעם גאַרטל אַרום די לענדן. ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט:

— נו, רעב אַריע, ס'וועט דיך סטאַיען.

ער האָט דאָס בעזימל אַריינגעטאָן אין אַ שעפעלע, ביידע געשטעלט אונטערן קראַן זודיקע וואַסער, געלאָזט לויפן אַ ווילע, דערנאָך געלאָזט אויך דעם קאַלטן קראַן, אויסגעוואַשן און אַוועקגעשטעלט ביידע אין אַ ווינקל מיט אַנדערע שעפעלעך. ערשט דאַן איז ער אַרויס אין צווייטן צימער, זיך אָפּגערוט אַ ביסל, און זיך געשטעלט אונטערן שפּריץ.

אויבן, אפֿן צווייטן גאָרן, איז געווען דער בופֿעט. דאָרט האָבן דערווייל דער כאָסן און די מעכוטאָנים אַריינגעגאָסן. ווען רעב אַריע איז אַרויפֿגעקומען, האָט דייוועקע אַ טאַנץ געטאָן מיט אַ פֿלעשל אין האַנט אַנטקעגן אים. שאַמשע האָט אים דערלאַנגט אַ שטיק וואורשט מיט ברויט, דייוועקע האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך, און דער עולם האָט געמאַכט אַ לעכאַים פֿאַר רעב אַריע'ן און פֿאַר דייוועקע'ן.

:: :: ::

קערנער איז אין באָד ניט געגאַנגען, ווי ער האָט גערעכנט. ער איז געקומען אַהיים, זיך אויסגעצויגן אַפֿן בעטל זיך אָפּרוען אַ ביסל און דערנאָך גיין צו זיידעל'ן. ער האָט צעעפֿנט אַ צייטונג און גע־פּרוּווט לייענען. פֿון ערגעץ ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ זשום פֿון אַ פֿאַרבייגלויפֿנדיקן „על"; פֿון גאַס אונטן האָט זיך געהערט אַ כריפּען פֿון אויטאָ־מאָטאָרן און — ווידער שטיל. פֿאַרביי די אויגן לויפֿן מעלדונגען: — אין ניו־דזשירזי האָט מען באַנאַכט אָפּ אַ באַרג אָנ־געצונדן אַ ציילעם און באַם שיין פֿון פֿייער האָט מען געזען דריי אויסיעם: ק. ק. ק. דאָס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען צינדט אַזעלכע צלאָמים. די אידן פֿון די שטעטלעך, זאָגט די מעלדונג אין צייטונג, זיינען אין גרויס שרעק. אייניקע האָבן שוין געקראָגן וואָרנונגען, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרנעמען פֿון זייערע ערטער.

ווידער לויפֿט אַ מעלדונג: „אַנאַרכיסטן האָבן אויפֿגעריסן אַ באַן אין אילינאָי". דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם גרויסן אייזנבאַן־סטרייק, וואָס מען האָט געפּרוּווט פֿאַרלעשן און עס האָט זיך ניט געלאָזט. דער סטרייק האָט געטליעט, און דער „אויפֿרייס" — אַ פּראָ־וואָקאַציע פֿון די אייזנבאַן־אייגנטימער — האָט געדאַרפֿט זיין דער מיטל, וואָס האָט געזאָלט אינגאַנצן פֿאַרלעשן דעם סטרייק.

און אָט ווידער אַ נייעס. אַ פֿעטער „קאָפּ" דערציילט: „טענצערין דערמאָרדעט איר געליבטן." די אויגן־דעקלעך ווערן קערנער'ן אַלץ שווערער, פֿאַלן־צו, קלעפּן זיך. אַ זיסע מידקייט וויקלט אים אַרום. ער שלאָפֿט איין.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען עס האָט שוין געהאַלטן באַם ווערן גוט פינצטער. ער האָט זיך אַף שנעל איינגעוואַשן, איבערגעטאָן אַ ריין העמד און אַ ריינעם גאַרניטער און אַרויס פון הויז.

באַ זיידעל'ן האָט מען אַף אים שוין געוואַרט. הערי און סילוויע האָבן זיך שוין געמאַכט היימיש און אים וואַרעם באַגריסט. די באַלע־באָסטע, מיט צעפלאַמטע באַקן, האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן אַ וואַרימען, ספּריטנעם שמייכל און איז אַוועק אין קיך דערלאַנגען די מאַיכאָלים. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט אַ גרויסן פּאַלומעשיק שמעקנדיקע פיש — באַדעקטע מיט געקאָכטע מערעלעך, צווייגעלעך גרינס און גרינע ציבלקעס. שוין פון פריער איז אַפן טיש געשטאַנען אַ טאַץ מיט אָנגעשניטענער כאַלע. דאָס זילבערוואַרג, די סאַלפעטקעס און גלעזער פאַר וואַסער זיינען שוין דאָרט פון פריער געווען. זיידעל האָט אַלעמען איינגעלאַדן צום טיש. פון צווייטן צימער זיינען אַרויס־געקומען אַ מיידל מיט אַ אינגל פון אַרום זעקס און ניין יאָר —ביידע פעסט־געבויטע מיט גוטמוטיקע פּעניִמער. דאָס מיידל, געראָטן שטאַרק אין דער מאַמע'ן, האָט מיטאַמאָל געפרעגט זיידעל'ן:

— וואָס'ם עבאוט קידעש, פּאַפּאַ?

— היינט, מיין טאָכטער, וועלן מיר אויסקומען אָן קידעש, — האָט זיידעל געענטפערט.

הערי האָט געלאַכט און געבעטן זיידעל'ן מאַכן קידעש: אויב אַ שאַבעסדיקער מאַלציים, זאָל עס זיין אינגאַנצן שאַבעסדיק, — האָט הערי געבעטן, און בעאייס־מאַיסע געקוקט אַף די שאַבעסדיקע ליכט אין די ריין־געשייערטע מעשענע לייכטער.

נאָר זיידעל האָט קיין קידעש ניט געמאַכט. — „יו נאָו“, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז דאָך ניט פאַר מיר, ס'איז פאַר די קינדער. אַליין מעג מען זיין וואָס מען וויל, נאָר מיט קינדער איז שוין אַנדערש. מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, איז נאָך אַ ביסעלע רעליגיעז. זי האָט ליב מען זאָל מאַכן קידעש. די קינדער, וויל זי, זאָלן וויסן פון אידישקייט.

— איט'ס פּוירפעקטלי אָל־ראַיט, — האָט אַריינגעשטעלט סילוויע, — אַז איך וועל כאַסענע האָבן, וועל איך אויך בענטשן ליכט.

— עס ווענדט זיך איבער וועמען דו וועסט מאכן די בראָכע, — האָט קערנער אריינגעשטעלט.

זיידעל'ס ווייבל האָט גאָר אויפגעלויכטן פון די געסט און אַלע־מאָל צוגעטראָגן אַ נייעם מאכל. הערי האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיטן עסן: אַ גוט שטיקל פיש, אַ פיינער זופּ. אַפן פּליש האָט ער געזאָגט: — „דאָס איז דאָך גאָר אַן אויסנאַם! אַזוינס האָב איך בּאַ מיין מאַמען אין קימפּעט ניט געגעסן." און בּאַם קאָמפּאָט איז ער גאָר בּאַגייסטערט געוואָרן: „טאַקע איינגענער געמאַכטער קאָמפּאָט?" — האָט ער געפרעגט, און צוגעגעבן: „וואונדערלעך."

פון דעם ווי הערי האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיטן שאַבּעסדיקן עסן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז אַ גרויסער אָנהענגער פון אידישן געקעכץ. ער איז אָבער איבערהויפּט ניט געווען קיין „אָנהענגער" — ער האָט בּלויז ליב געהאַט צו עסן גוט און געשמאַק. ער, דער שווערער באַלמעלאָכע, האָט פון גוט אָפּעסן קיין פילאָזאָפיעס ניט געמאַכט. ער האָט פון קיין שאַבּעסדיקע ליכט אויך ניט געמאַכט קיין פילאָזאָפיעס. אים איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס זיידעל פאַרענטפערט זיך מיט זיין „יו נאָו, ס'איז ניט פאַר מיר, ס'איז פאַר די קינדער". ניט אַנדערש, זיידעל וויל, מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ „מאָדערנעם מענטשן" און דאָ פילט ער זיך אומבאַקוועם, ווען מען זעט, אַז בּאַ אים אין הויז בּענטשט מען ליכט. הערי האָט ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— ליכט זיינען ליכט, אַז מען צינדט זיי אָן ברענען זיי, און אַז מען מאַכט אַ בראָכע איבער זיי, זיינען זיי געבענטשטע...

אָט אַזוי פּאַשעט האָט הערי אָנגעהויבן ארויסברענגען זיינע געדאַנקען — דרייסט און אָפן. אינגאַנצן מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ער געווען גאַנץ שטומפּיק אַפן לאָשן, באַטש אויך דעמאָלט האָט ער געוואוסט וואָס ער וויל. נאָר אין די לעצטע באַדאָשים האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן ווי מענטשן בּאַנעמען זיך, ווי זיי ריידן, געלייענט אַ סאַך, דיסקוטירט מיט זיינע באַווײרים אין דער פּאַרטיי, מיט קערנער'ן, מיט אַנדערע, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי עס האָט זיך אין אים אויפגעדעקט די וואונדערלעכע אייגנשאַפט פון ארויסזאָגן געדאַנקען קלאָר און דירעקט, אָן פאַרדרייעניש און אָן אָנצוהערעניש. אַז אים פלעגט אין דער לעצטער צייט אויסקומען זיך אויפשטעלן בּאַ

א מיטינג ריידן, האָט ער זיך שוין ניט געקאָכט, נאָר גערעדט געלאַסן און צום פּונקט, כאָטש מיט גענוג אינערלעכן פייער צו איבערצייגן זיינע צוהערער.

איצט, בא זיידעל׳ס טיש, איז ער צוזאַמען מיט קערנער׳ן און סילוויע׳ן געווען ביז גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און ווען ער האָט געזאָגט — „ליכט זיינען ליכט, אַז מען צינדט זיי אָן ברענען זיי״, בעאיים קערנער און סילוויע האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די ווערטלעך, איז אַלעמען לייכטער געוואָרן. עס האָט אויסגעזען ביז דער באַמערקונג, אַזוי ווי קערנער און סילוויע וואָלטן וועגן די ליכט גערעדט פאַר אים, פאַר דעם קאָמוניסט. זיי האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז זיי זיינען פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס פּאַסן זיך גוט אריין אין ראַמען פון קאָמוניזם. איז געקומען הערי און האָט געמאַכט צונישט די גאַנצע ריידעריי:

— אַט דאָס עסן, — האָט ער אריינגעשטעלט, — איז גאָר וואונדערלעך. אויב מען קאָן לעקאָווער שאַבעס קאָכן אַזאַ מאַלצייט, וואָלט יעדער טאָג אין וואָך געדאַרפט זיין אַ פריייטיק-צונאַכטס.

ווידער איז, דאַכט זיך, ליכטיקער געוואָרן אין שטוב. קערנער און סילוויע האָבן זיך איבערגעקוקט, געקוקט אויף הערי׳ן, אויף דעם „קאָמיוניסט״, מיטן טראָפּ אויפן „יו״, ווי זאַלמן גאָרגל פלעגט ארויסריידן דאָס וואָרט, און זיך צעלאַכט. ס׳איז זיי אייגנטלעך געפעלן ווי גרינג הערי האָט זיך אויסגעלערנט ריידן און ווי גרינג ער מאַכט די איניאָנים אַוועק אונטער דער האַנט. קערנער האָט די שאַבעסדיקע ליכט, אַמאָל, בא האָדעס מערלין אין צימער, שיר ניט פאַרוואַנדלט אין דעם קוואַל פון אַלדאָס בייז. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך אַליין געווען גערעכט. און שפּעטער, ווען זיי זיינען געגאַנגען אהיים איבער דער ברייטער עוועניו, האָט קערנער ווידער פאַרצויגן אַ שמועס און האָט אים דערציילט וועגן די ליכט בא האָדעס מערלין. הערי האָט ווידער געענטפערט קלאָר און דירעקט:

— ליכט זיינען ניט שולדיק אין דעם, וואָס אַ דאַמע שמעלצט איר גייסט אין זיי. די מענטשן דאָ זיינען פּאַשעטנע און זיי זיינען ווייטער ניט דערגאַנגען, אַפילו אויב זיידעל איז געווען אַ סאָציאַליסט.

דאָס איז אָבער געווען שוין שפּעט אין אָוונט. דערווייל זיינען זיי געזעסן בא זיידעל'ן אין גרויסן צימער — פון וואַנען מען האָט שוין צוגענומען די שפּייז, ארויסגענומען די פּריסטאַווען צום טיש (פון וואָס עס איז געראַמער געוואָרן), געשמועסט און גוט פאַרבראַכט. דייוועק'ס כאַסענע, די איינלאַדונג אין מערכעץ אריין, די אַרבעט אין שאַפּ, דער סטרייק וואָס גרייט זיך אין שטירנער'ס גרויסער פאַבריק אין בראַנזוויל, — אַלצדינג איז אין לויף פון אָוונט דורכגעגאַנגען דורך זייער געשפּרעך. מער פון אַלץ האָט מען גערעדט וועגן אַ סטרייק בא שטירנער'ן. און ס'איז געווען נאַטירלעך אויך. בא דער אַרבעט אין די שעפּער, האָט מען געפילט, ווי עס וואַקסט אָן אַ סטרייק־שטימונג קעגן אַ שניידער־פירמע, בא וועמען די באַדינגונגען זיינען געווען ערגער, ווי אין די אַנדערע בראַנזווילער שעפּער. די שניידער־באָסס פלעגן שוין צו־אָפּט זאָגן צו זייערע באַלמעלאָכעס:

— מיר קאָנען ניט „קאָמפּיטן" מיט דער „פעסטונג". איר'ט אַרבעטן פאַר די פּרייזן, וואָס בא אים, וועט זיין מעלאָכע, אַז ניט — וועט מען דאַרפן שליסן.

און „די פעסטונג" איז געווען אַ שווערער שאַפּ צו נעמען. דאָרט האָט מען שוין איינמאָל געפירט אַ סטרייק, קלוימערשט געוואונען און ס'איז דאָך געבליבן קימאַט באַם אַלטן. האָבן זיידעל און קערנער און סילוויע איינגעשטימט, אַז ס'איז שווער צו נעמען אַזאַ שאַפּ. נאָר הערי האָט געזאָגט:

— קיין גוטע זאַכן גיבן זיך ניט גרינג. איך זאָג, אַז מען דאַרף דעם שאַפּ שטעלן אויף די פיס. פאַראַן דאָרט גענוג באַלמעלאָכעס, וואָס וואַרטן בלויז, מען זאָל זיי ארויסרופן. די איבעריקע וועט מען דאַרפן פאַרצוימען דעם וועג. בראַנזווילער באַלמעלאָכעס זאָלן נאָר שטאַרק וועלן, וועט שטירנער'ס זיין אַן עמעסער יוניאָן־שאַפּ אין „נאָ טאָים".

— מיינסט, נעמען דעם שאַפּ אָן דעם אָפּים? — האָט זיידעל געפרעגט, ווי דאָס וואָלט פאַר אים געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך.

דאָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך אויך פאַר די אַנדערע צוויי, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין געשפּרעך. וואָרים שטירנער'ס שאַפּ איז ניט גלאַט אַ שאַפּקע. דאָרט זיינען באַשעפטיקט פינף הונדערט

באַלמעלאָכעס. אַראָפּנעמען אַזאַ שאַפּ אָן דער הילף פונעם אָפּיס, דאָס הייסט, אָן די גענעראַלע באַאַמטע פון דער יוניאָן, האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. האָט הערי קלאָר געמאַכט:

— ס׳איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט צו נעמען דעם שאַפּ אָן דעם אָפּיס. מען קאָן צונויפנעמען די בראַנזווילער באַלמעלאָכעס און דורך זיי געווינען די הילף, וואָס דער אָפּיס דאַרף געבן פאַר אַזאַ סטרייק. מ׳עט גיין אין דזשענעראַל אָפּיס און פּאָשעט זאָגן: — מען טאָר ניט לאָזן אַ שטאָט מיט שניידער אַף הפקר.

אין מיטן געשפּרעך האָט די באַלעבאָסטע דערווייל דערלאַנגט טיי מיט קיכלעך. קערנער האָט אַ קוק געטאָן אַף די גלעזער און זיך אָפּגערופן צו סילוויע׳ן:

— זע, סילוויע, ס׳אַראַ שיינע גלעזער טיי, דורכזיכטיק ווי גוטער וויין. ווען דו קאָנסט אָפּקאָכן אַזאַ גלאָז טיי, וואָלסטאָך שוין לאַנג געהאַט אַ מאַן.

— אָפּקאָכן קאָן איך — ס׳ווענדט זיך בלויז וואָס, — האָט סילוויע געענטפערט.

— טס׳אַראיט, — האָט אַריינגעשטעלט זיידעל׳ס ווייבל, — אַז מען האָט נאָר פאַר וועמען צו קאָכן, לערנט מען זיך אויס.

— דאָס רעדט מען דיר אַ שידעך, — האָט זיך סילוויע אָנגעכאַפּט.

הערי האָט ניט געוואָלט לאָזן דעם פריערדיקן געשפּרעך אַראָפּפירן אַף זייטיקע שמועסן און ער האָט דרייסט געזאָגט:

— זיי וועלן איינגיין אין דזשענעראַל אָפּיס. זיי וועלן מוזן רופן דעם סטרייק.

אין זיין שטים איז איצט געווען אַזאַ זיכערקייט, וואָס האָט באַווירקט אויך די אַנדערע. זיי האָבן אין זיינע פאַר ווערטער דערפילט, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. אָן ווייטערדיקע רייד האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די פעסטונג" שטייט אין וועג פון זייער וואוילזיין. ניט נעמענדיק דעם שאַפּ, זיינען זיי ניט זיכער מיט מאָרגנדיקן טאָג ברויט — אַזוי האָבן עס געזען די שניידער אין בראַנזוויל און אַזוי האָבן עס געזען קערנער, סיווליע, זיידעל און הערי.

ווען זיי זיינען נאָענט צו האַלבער נאַכט אַרויס אַף דער ברייטער עוועניו, האָבן זיי באַגעגנט אַנאַ׳ן. זיי האָבן זיך מיט איר אַרומ־געכאַפּט:

— פון וואַנען, אַנאַ?

— פון אַ שאָו, — האָט זי געענטפערט. — כ׳האָב געזען די שאָו „ליבע און לײדנשאַפט". אָ, באָי! איז איט האַרטברעיקינג . . . איך האָב געוויינט, ווען דער „ווילעין" האָט געוואָלט פאַרפירן דאָס ווייבל און זי האָט אים געשאָסן . . .

אַלע האָבן געלאַכט. קערנער האָט גענומען אַנאַ׳ן אונטערן אָרעם און סילוויע האָט גענומען הערי׳ן אונטערן אָרעם, און זיי זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון איסטערן פּאַרקוועי, דאָרט וואו עס געפינט זיך דער לינקאָלן־טערעס פּאַרק.

:: :: ::

ס׳איז באַ דייווקע׳ן שוין געוועזן נאָך דער כופּע. אַבע׳ס פּלי־מעניטשקע, — גאָסי האָט מען זי גערופן, — האָט זיך שוין געהאַט אויסגעכליפּעט און אויסגעווישט פון אירע אויסגעפּוקעטע אויגן די טרערן, וואָס זיינען געבליבן שטיין פון דער האַזקאָרע, וואָס „ס׳רוועל" האָט געמאַכט; דייווקע האָט שוין געהאַט צעבראָכן דעם קאָס און אָפּגעשלונגען דעם „האַרעי־אַט". איצט האָבן כאַסן־קאַלע און אַלע נאָענטע מעכוטאָנים געהוליעט אין שאַמשע׳ס שענקל. אין גרויסן הינטער־צימער פון שענק זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט טישן מיט אַלדאָס גוטס — הויפּטזאַכלעך מיט בראָנפן.

— גיס אריין, דייווקלע, גוטער ברודער. איצט ביסטו אַף אַן עמעסן אַן איידעם. גיס אריין, — האָט אים אונטערגעהיצט זאַלמען גאָרגל, וועלכער איז שוין אויך געוועזן פאַרשניאָשקעט. — גיס אריין, דייווקעלע, אַף דיין „גוד־לאָק". אַז מען האָט כאַסנע, — האָט זאַלמען גאָרגל טעלעפּעט מיט דער צונג, — דאַרף מען אריינגיסן.

— ק׳מאָן, זאַלמען בראָדער, — האָט דייווקע זיך מיט אים אַרומ־געכאַפּט. — יו׳ר מאַי בראָדער, עינטשע? — ק׳מאַן, העוו עי דרינק — די פּוירסט, — אַ־אָ־ל־וועים די פּוירסט — שאַמשע, גיוו אָס אָל עי

דרינק . . . מעכיטן, מעכיטן לעבן — אבע, וואו איז ער, אבע — לעט׳ס מעיק לעכאים, לאָמיר אַלע מאַכן לעכאים . . .

מוישע טיפּעש איז געזעסן איבער אַ טעלער וואורשט — מיט אַ גלאָז בראָנפן אין האַנט און געהאַלטן די אויגן אָנגעשטעלט אַף שאַמשע׳ס נעקיייוו, די שווארצע קלאַראַ, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט ארום די טישן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער איז גרייט פון גרויס האַנאָע, וואָס ער האָט קוקנדיק אַף קלאַראַ׳ן, ארויספּלאַצן מיט זיין קרייענדיקן „האַלעלויאַ". אַף דער קאַלע האָט ער ניט געקוקט — אזוי ווי זי וואָלט אים איינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען. ער האָט געגאָסן אין זיך בראָנפן ניט ווינציקער ווי דעיווקע, זאַלמען גאַרגל און אַלע איבעריקע פון דער כאַוורוסע מעכוטאָנים.

דאָ אין הינטער־צימער איז געשטאַנען אַ געררוך פון ביר, בראָנפן, אַפּילקעס — אויסגעמישט מיט אַ געררוך פון זויערע אוגערקעס, הערינג, געררייכערטע פליישן און וואורשט. דייוווקע האָט מיט זיין זויערער שטימע געפּרוּווט עפּעס אָנהויבן זינגען און געבליבן הענגען אַ פּאַר־כאַלעשטער איבערן אָנלען פון שטול. די קאַלע זיינע, דאָס יונגע ווייבל, האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן מיט אַ געשריי:

— אַ בראָך איז מיר, זע נאָר: אַ שיינער פּאַטשאַטעק אַף מיר!

דייווקע האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ גשריי געטאָן:

— באַוויין מיך ניט, קאַלע־לעבן, איך לעב נאָך.

און גלייכצייטיק האָט ער גערופן:

— זאַלמען, גאַרגל, אַ כאָליערע, — גאַרגל, וואו ביסטו?

זאַלמען גאַרגל, וועלכער איז געשטאַנען האַרט לעבן אים, האָט זיך אָנגערופן:

— אָט בין איך, כאָסן. וואָס ווילסטו?

— גאַרגל, זאַלמען, יו׳ר מאַי בראָדער, עינטשע? מאַי פּאַל — טאָ לאָמיר טרינקען לעכאים, ל־ע־כאים עווריבאָדי, — האָט ער אויס־גערופן.

שאַמשע, וועלכער איז געווען דער ניכטערסטער פון אַלע, האָט אַלעמען אָנגעגאָסן די גלעזער. אַלע האָבן צוגעטראָגן צו די ליפּן, נאָר די שווארצע קלאַראַ האָט גענומען דאָס גלאָז, אויפגעהויבן אין דער הויך און האָט פאַרצויגן:

אָך זאַטשעם עטאַ נאָטש,
טאַק בילאַ כאַראָשאַ;
ניע באָלעלאַ ב' גרוד,
ניע סטראַדאַלאַ ב' דו-ו-שאַ.

איר שטים, אזא דיקע, א באַסאָווע, האָט נאָך אַלעמען מער פאַר־שיקערט. דאָס איז געווען א צוגאָב צום בראָנפן — א „מיקסד דרינק", ווי דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס, וואָס קאָן מיט זיינע הענט ברעכן שטאַבעס אייזערנע, האָט שפּעטער געזאָגט. נאָר בעאיים זי האָט אזוי געזונגען, האָט דייווקע אריינגעגאָסן זיין גלאָז בראָנפן און אונטערגעכאַפּט איר זינגען:

אָך, זאַטשעם עטאַ נאָטש . . .

און ער האָט זיך ביטער צעכליפּעט. דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס האָט אונטערגעוואָרעמט קלאַראַ'ן:

— זינג א פריילעכס, קלאַראַ.

קלאַראַ האָט א שטעל געטאָן א פוס פאַראויס, פאַרוואָרפן א האַנט אויף דער פאַטילניצע און א קנאַל געטאָן ווי עס וואָלט אויסגעשאָסן א שפּונט פון א פאַס:

האָפּ! — מיינע האָמענטאַשן,
האָפּ! — מיינע שיינע . . .

אין א מינוט ארום האָט זי מיט איר מאַסיוון קערפּער און גאַנץ פלינקע פיס זיך א לאָז געטאָן אין א טאַנץ און אַלע נאָך איר. ווער עס האָט זיך געהאָפּקעט אין הינטער־צימער און ווער עס האָט ארויס־געטאַנצט אין פאָדער־צימער פון שענק. דאָס טאַנצן איז אריין אין אזאַרט. אַלע האָבן געזונגען און אַלע האָבן געטאַנצט. די שוואַרצע קלאַרא האָט זיך ארויפגעכאַפּט אַפן „קאַונטער". דאָ זיינען געשטאַנען גלעזער. זי האָט געטאַנצט און די גלעזער האָבן געקלונגען אונטערן טראָט פון אירע פיס. אָט איז א גלאָז געפאַלן מיט א בראַזג צום דיל, אָט נאָך איינס. שאַמשע האָט א געשריי געטאָן:

— העי, סטערווע, וואַטיהעל . . .

זי האָט אַ ציטער געטאָן און אירע פּיס זיינען ווי געליימט געוואָרן. מוישע טיפּעש, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט קלאַראַ׳ס טאַנצן, כאָטש ער איז געווען שיקערליך, און עפּשער טאַקע דערפאַר, האָט געשריען:

— לאָז זי, לאָז, שאַמשע, לאָז — איך בעט, זאָל זי טאַנצן.

— טיפּעש, דער לאָמפּ איז דיר אַנגעגאָסן, פּלוידערסטו. אַניט האָסטו געלט צו באַצאָלן?

שאַמשע האָט גוט געוואוסט, אַז מוישע טיפּעש האָט געלט. ער האָט עס געזאָגט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז מוישע איז אַ קאַרגער. נאָר מוישע, וועלכער האָט מיט זיינע שיקערע אויגן, פון זיין וויעס־לאָזע אויגנדעקלעך אַרויס, געשטאַרט אויף קלאַראַ׳ס יעדער באַוועגונג, האָט איצט געשריען:

— לאָז, זאָל זי טאַנצן, זאָג איך. איך באַצאָל.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּיפּנפּערל פון קעשענע און אַ וואָרף געטאָן אויפן קאָונטער לעבן קלאַראַ׳ס פּיס:

— טאַנץ, קלאַראַ, טאַנץ, אַ בראַנד דיר אין די פּיס . . .

זי האָט געטאַנצט און דער גאַנצער אוילעם האָט געטאַנצט מיט ברען, מיט שיקערן פייער. מיטאַמאָל האָט מוישע טיפּעש אָנגעכאַפּט קלאַראַ׳ן בײַ אַ פּוס און אַ געשריי געטאָן:

— אַראָפּ, קום מיט מיר! קום, זאָג איך דיר!

זאַלמען גאָרגל האָט אין דער סומאַטאָכע אָנגענומען מויש׳ען מיט זיינע דאַרע פינגער, ווי מיט צוואַנגען, און דער טיפּעש האָט זיך אין שאַרפן ווייטיק אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. שאַמשע האָט איינ־געררוימט קלאַראַ׳ן:

— סטערווע, גיי אַפּסטעירז.

— וואָסי, ער האָט ניט באַצאָלט? — האָט זי געפּרואווט ווידער־שפּעניקן.

— גיי אַפּסטעירז! — האָט ער געזאָגט אַזוי פעסט, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט ביידע פּלייצעס פאָרויס, אַראָפּגעשפּרונגען פון „קאָונטער” און איז אַרויס מיט דער טיר, וואָס פירט צו דער שאַלקע אַרויף.

אין שענק איז בלויז אַף אַ מאָמענט געוואָרן שטיל. באַלד האָט דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס אַ זאָג געטאָן: „דזשיזוס קראַיסט!" דאָס האָט איבערגעריסן די שטילקייט און ער האָט אָנגעהויבן זינגען:

איילי, איי-וויי-וויי-לי,
לאָוו-אָ-מאָ אַ-זאָוו-טאָני . . .
איילי, איי-וויי-וויי-לי,
לאָ-וואָ-מאָ אַזאָוו-וואָ-וו-טאָני . . .

דער גאַנצער שענק מיט מענטשן האָט מיטגעזונגען. בלויז דזשאָס־לין איז געזעסן שטיל און פון אַ ווינקל אויג צוגעקוקט, ווי זיין פריינט, דער מיט די ברייטע פּלייצעס, צעגיסט זיך. ער איז געזעסן אַ פאַר־זונקענער אין מאַכשאָוועס. ער האָט זיך ניט דערוואָרט אַפן סאָף פונעם ליד, זיך פּלוצים אַ הויב געטאָן און איז אַרויס פון שענק. דאָס איז געווען ווי אַ שטילער סיגנאַל, אַז ס'איז צייט אַהיימצוגיין. און סיי־ווי — שאַמשע האָט שוין אין זיי אַריינגעגאָסן אַזוי פיל בראָנפן, וויפיל מען קאָן אין מענטשן אַריינגיסן, און מער קיין געלט וועט ער שוין ניט לייזן. האָט זיך דער אוילעם גענומען פאַנאַנדערגיין.

נאָר דאָ האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז דייווקע ליגט אַ שיקערער מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין טיש פון הינטער־צימער. די קאַלע האָט זיך איבער אים געשמעלט, אים געצופּט: „דייווקע, שטיי אויף, אַלע זיינען שוין אַוועק, דייווקע — אוי, מיין וויסטער מאַזל..."

נאָר דאָ איז אונטערגעקומען שאַמשע, האָט גענומען דייווקע'ן פאַרן קאָלנער און אים אַ שטויס געטאָן פאַרויס. אַזוי, האַלטנדיק און שטויסנדיק, האָט ער אים אַרויסגעפירט אַפן שאַלקע און די קאַלע האָט ער געוואָרפן נאָך זיך:

— קום, גאָסי, וועסט האָבן אַ גוטן געלעגער...

:: :: ::

מוישע טיפּעש האָט מיט פּלאָנטערנדיקע טריט זיך פאַרקירעוועט איז אַ שמאָל געסל. איבערן קאָפּ האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פאַר־שפּעטיקטע הויך־באַן, זיך דורכגעטראָגן מיט אַ גערויש און ווידער איז

שטיל געוואָרן. מוישע האָט געפּלאָנטערט מיט די פיס און טעלעפּעט מיט דער צונג צו זיך אַליין:

— ניט פאָר מיר . . . נאָט פאָר מי . . . נאָ סער . . . איך דאָרף ניט קיין געיוזטע גודס . . . אַ ווייב מוז זיין אַ ווייב . . . אַ קאָשערע. . . . נאָט סעקאָנד־הענד . . . איך באַצאָל — אַלעמאָל באַצאָל איך. . . טו באָקס . . . באָט אַ ווייב . . . מוז זיין אַ ווייב . . .

אַזוי פּלאָנטערנדיק מיט די פיס און מיט דער צונג האָט ער זיך צוגעפּלאָנטערט צו אַ הילצערן, צוויי־שטאָקיק הייזל. דורך די שפּאַרונקעס אין די הילצערנע לעדעלעך האָט ער מיט די שיקערע אויגן געזען אַ טונקל ליכט. ער האָט אָנגענומען די הילצערנע פּאַרענטשע, אַרויפגעשלעפּט זיך די עטלעכע שטיגעלעך און אָנגעקלאַפּט. פון אינעווייניק האָבן זיך דערהערט שווערע פרויען־טריט און אַ הארבע שטים האָט געפרעגט:

— הו׳ז דעיר ?

— ס׳מי, ס׳מויש . . .

די טיר האָט זיך געעפנט פון אָנהויב אַ קליין ביסעלע און באַלד ברייטער, און האָט מיטאַמאָל אַזוי ווי איינגעשלונגען אין זיך מוישע טיפּעש. אַ ברייטע צעשוואָומענע פרוי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער, אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ צעריבענע סאָפע, אַן אָפּגעקראָכן וויג־שטול, אַ טיש מיט אַן אָפּגעשוסקעטער פּאָליטור, אויף וועלכן עס האָט זיך אין דער קוואַר געצויגן אַ קאָלירט, לענגלעך טישטעכל און אינמיטן איז געשטאַנען אַן עלעקטריש לעמפּל מיט אַ געבלימלטן אַבאַזשורל. דאָס אַבאַזשורל איז געווען פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר.

— האָט זיך טאָקע דייווקע גענומען אַ ווייב ? — האָט די פרוי געפרעגט.

— לעט אים העוו איט. ער׳ט האָבן אַ גוד טאַים. דאָנטשע וואָררי, וועסט קריגן אַנדערע קאָסטימער, — האָט מוישע גערעדט, פּלאָנטערנדיק מיט דער צונג.

— באַ מיר קומען אַלע קאָסטימער צוריק, נאָכדעם ווי זיי ווערן טאַיערד, — האָט די פרוי זיך אָנגערופן.

זי האָט דערלאַנגט צום טיש בראָנפן און צוביסן. פון אַ זייטיקער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מיידל, שלאַנק ווי אַ ווערבע מיט זומער־שפּרענקלעך אפן פּאָנים. דורך דער דינער קימאָנאָ האָבן זיך מידלעך אַ ביסל געשפּילט אירע יונגע גלידער. מוישע טיפּעש האָט זי גענומען צו זיך אפן שויס — געטרונקען מיט איר אַ גלעזל בראָנפן און איר געזאָגט:

— דו ביסט צו־דאַר, שוועסטערל, איך דאַרף סאָמטהינג . . .

דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט און איז ראַשיק אַרויס פון צימער. באַלד איז אַריין אַ צווייטע — אַ מוסקוליסטע און אַ מאַסיווע. מוישע טיפּעש האָט צעעפנט זיינע וויעסלאָזע אויגנדעקלעך און זיינע שיקערע אויגן האָבן דערזען — קלאַראַ'ס היפטן וויגן זיך איבערן צימער. קלאַראַ'ס טראָט, פון וועלכן עס טרייסלט זיך דער דיל, האָט ער דער־הערט. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, געטרונקען מיט איר, באַ־צאָלט דער באַלעבאָסטע און פאַשוואונדן אין אַ זייטיקן צימער.

שפּעטער האָט מוישע ווידער געטרונקען מיט איר. ער איז היינט געווען ניט קאַרג. און ס'איז געווען ניט צוליב דייווקע'ס באַסענע, נאָר צוליב דער שוואַרצער קלאַראַ. — „כ'וועל באַ אים צונעמען קלאַראַ'ן", האָט ער אייניקע מאָל אַרויסגעפּלאָנטערט מיטן צונג.

אַ שטאַרק פאַרשיקערטער איז ער אַרויס פון הייזל. ס'איז שוין געווען גרויער פאַרטאָג. איבער בראָנזוויל איז געהאַנגען אַ שווערער נעפּל. די נאָענטע זומפּן באַם יאַם־אויסגוס האָבן אָנגעפּילט דעם נעפּל מיט אַ טובלען גערוך. ס'איז געווען שטיל און שטיקנדיק אף די בראָנזווילער גאַסן. ערשט אין גאַס האָט דער בראָנפן פון אַ גאַנצער נאַכט זשליאָקען אָנגעהויבן ווירקן אף מוישע טיפּעש. זיינע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט אַלץ מער — דער פּלאָנטער איז געוואָרן אַלץ אַ ברייטערער, ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ פאַרענטש פון אַ הילצערנעם גאַניק. ער איז געבליבן שטיין, געשפּיגן און געמורמלט:

— דייווקע . . . אַ קלאָג . . . שאַמשע . . . כ'וועל . . . קלאַראַ . . . אַ בראָך נאָך דיר . . . כ'באַצאָל . . .

אַזוי מורמלענדיק און שפּייענדיק, האָט ער זיך צוגעפּלאָנטערט נאָך אַ שטיקל וועג. האַלטנדיק באַם פּאָלן, האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט אַרום אַ סלופּ. לעבן סלופּ זיינען געשטאַנען מיסט־קאַנען. צי פון

שיקרעס, צי פון אָנבליק פון אַפּפּאַל, צי פון בײדע — מוישע'ן האָט אַ שפּאַר געטאָן צום האַלז עפּעס שווערס און איבלדיקס. ס'האָט אים אַ ריס געטאָן אַ שטראָם פונעם האַלז איבער די מיסט־קאַנען. אין קאָפּ האָט אים געשווינדלט. די הענט זײנען אים שוואַכער געוואָרן. זײ האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון דעם סלופּ. ער איז געפאַלן איבער די קאַנען, און אַזוי איז ער געבליבן הענגען, ברעכנדיק פון זיך גרין־און־גאַל.

ער איז געהאַנגען אַזוי אַ פּאָר מינוט, געשפּיגן, געקרעכצט. ס'איז אים גערונען פון מויל און פון נאָז. ער האָט קוים מיט דער האַנט דערלאַנגט צום פּאָנים, אַ וויש געטאָן מיט דער דלאָניע און צעפּירט אַ בלאָטע איבערן נאָז, שטערן און באַקן. דערנאָך איז ער ווידער געבליבן הענגען אַ קרעכצנדיקער.

פון גאָר נאָענט האָט זיך דערהערט דאָס רודערן פון אַ מיסט־וואָגן. צוויי מיסט־ראַמער זײנען צוגעקומען נעענטער. אײנער האָט אַ דינעם פּיף געטאָן, ווי אײנער זאָגט:

— אַזוי די מאַיסע . . .

זײ האָבן מוישע טיפּעש אַראָפּגעהויבן פון די מיסט־קאַנען, אים אוועקגעלײגט אויף אַ טרעפּל, באַם אַרײנגאַנג צו אַ הויז, האָבן אויסגעלײדיקט די מיסט־קאַנען און זײנען אוועקגעפאָרן.

:: :: ::

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דײוווקע דער אײדעם געקומען צו־לויפן, אַ פאַרסאָפּעטער, צו שאַמשע'ן אין שענק אַרײן, און זיך צע־שריען אויף אבע'ן:

— אַלטער גאַנעוו, פּראַצענטניק, האָסט מיך באַגאַזלט — יו סווינדלער — נאָקעט האָסטו מיך אויסגעטאָן.

שאַמשע האָט געשמײכלט אונטער אַ וואָנצע, ביז דײוווקע האָט געכאַפּט אַ פלאַש און זיך פאַרמאָסטן אויף אבע'ן.

— „נאַו, נאַו, נאָ ראָף סטאָף, ביג באָי", וועסט אים נאָך צעקראַצן דעם שאַרבן, — האָט ער געשפּאַסט מיט דײוווקע'ן. נאָר געזאָגט האָט ער די ווערטער פּעסט און צוגענומען די פלאַש פון דײוווקע'ס הענט.

דייווקע האָט ווייטער גערעוועט:

— אַן אַפּויטיקע האָט זי! — אַ מאַטניאַ האָט זי! — פּראַצענט־ניק... אַזוי לעבן זאָלסטו. קאַראַכעס האָט זי. קוים וואָס זי האָט אַף אַ „פּעימענט" אַף אַ פּאַרדאַסטער סטאַרקע מיט אַן אַלטן פּאונטעין. ... פיר הונדערט שמאַליאַרעס... אַ כאָליערע... צוגעזאָגט פיר טויזנט.. אַ בראָך... פּראַצענטיק, גאַנעוו וואָרט, וואָרט, כ'על דיך אַפּדינען, דו אַלטער בלאָפער.

— אָ־ראַיט, — האָט זיך אַבע אָפּגערופן. — כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, כ'על דיר לייען אַ הונדערטער, וועט איר האָבן אַפן ערשטן פּעימענט און אַף אַ ביסל וואָרע... וויפיל דאַרפסטו עס — מיליאָנען דיר געבן?

— ברעך דעם קאָפּ מיטן הונדערטער, אַלטע כאָליערע! ער'ט לייען אַ הונדערטער און איך זאָל אים צאָלן פּראָצענטן, אַ טויווע 'עט ער מיר טאָן. 'עסט נאָך באַ מיר אויסקרענקען, דו שווינדלער.

ער האָט אַבע'ן אַ שפּיי געטאָן גליידך אין פּאָנים אַריין, און איז אַרויס פון שענק.

:: :: ::

אַף מאָנטיק, נאָכן פּרייטיק פון דייוווקע'ס כאַסענע, האָט שוין דער גאַנצער שאַפּ אויפגעצאַפּלט מיט אַ נייער נייעס: דזשאָסלין האָט כאַסענע! די קאַלע איז טאַקע שוירלי, די קיילעכיקע ווי אַ פּאַמפּושקע, מיט די פאַרזשמורעטע אייגעלעך און קימאַט שטענדיקן שמייכל אַף די דינע ליפּן פונעם ברייטלעכן מויל. אַזוי שנעל ווי די נייעס איז באַ־וואוסט געוואָרן אין שאַפּ, האָבן באַלמעלאָכעס צווישן זיך גערעדט:

— ער'ט זי כאַסענע געמאַכט באַצייטנס. איצט וועט זיין בלויז די כופּע.

— אַז ס'ווערט ענג דאָס קלײדל, ווערט דאָס האַרץ ווייכער...

לאַנג איידער דזשאָסלין האָט געפּלאַנעוועט כאַסענע האָבן מיט שוירלי'ן, פלעגט ער טאַינען:

— איך בין אַ פּרינציפּיעלער מענטש.

איינער פון זיינע פּרינציפּן איז געווען — ניט כאַסענע האָבן. אויב עס האָט זיך אים אָבער געלייגט אַפן סייכל, אַז אַ מענטש דאַרף

כאסענע האָבן, אַז מענטשן, מענער און פרויען, האָבן זיך ליב און עס ציט זיי איינע צום צווייטן, האָט ער אָבער ניט געוואָלט הערן פון דער אינסטיטוציע פון כאַסענע האָבן בײַ אַ ראַוו. באַזונדערס איינגעשפּאַרט איז ער געווען, ווען עס איז געקומען איינצואָרדענען די כאַסענע מיט שוירלי׳ן. אין אָנהויב האָט ער גאָרניט געוואָלט הערן פון כאַסענע האָבן מיט איר. ערשט ווען מען האָט זיך געווענדט צו זיין פאָטער — קיין מוטער האָט ער ניט געהאַט — און מען האָט מיט אים איינגעטטאַינעט: — ווי טוט מען אַזוינס אָפּ אַ מיידל, ווי לאָזט מען זי אַזוי ווי אָפּן וואַסער? — איז דזשאָסלין ווייכער געוואָרן און צוגעשטימט. ער וועט כאַסענע האָבן מיט שוירלי׳ן.

— נאָך אַלעמען איז זי גאָרניט קיין שלעכט מיידל, און אַז מען מוז, מוז מען. אָבער, — האָט ער צוגעגעבן, — אָן אַ ראַוו. כ׳דאַרף ניט צאָלן קיין לאַפּקע־געלט פאַר מיין כאַסענע.

ווענן דעם האָט שוין מיט דזשאָסלינ׳ען איינגעטאַינעט זיין פריינט מיט די ברייטע פּלייצעס און מיט די הענט, וואָס קאָנען ברעכן אייזערנע שטאַבעס. ער האָט געזאָגט דזשאָסלינ׳ען:

— וואָס אַרט דיר? זאָל אַ ראַבאַי זאָגן אַ „פּרעיער". ווילסט ניט צאָלן, צאָל ניט. דער טאַטע וועט באַצאָלן. אָדער אַז דו ווילסט, וועל איך באַצאָלן. „יו׳וו גאַט טו לעט עי ראַבאַי מעיק עי ליווינג..."

בּיסלעכווייז האָט דזשאָסלין זיך געלאָזט איבעררײדן. ער האָט צוגעשטימט צו שטעלן אַ כופּע. און אַז ער האָט שוין געהאַלטן בײַ דעם, האָט ער אַליין געזאָגט:

— אויב שוין יאָ אַ כופּע, טאָ זאָל די וועלט האַנאָע האָבן. „לעט איט בי ביג."

זיין טאַטע האָט גאָר אָנגעקוואָלן און גענומען מאַכן אַלע צו־גרייטונגען פאַר זיין זונ׳ס כאַסענע. אים האָט ניט געאַרט: — זאָל זיין אַ מיידל פון אַרבעטער־שטאַנד. עס זיינען דאָ ערלעכע אַרבעטער אויך, — האָט ער געזאָגט זיינע באַקאַנטע. וואָס אים האָט געפרייט איז דאָס, וואָס זיין זון „סעטלט" זיך און איצט איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גליייך. ער וועט איצט וועלן אַריין אין קלאָוק־און־סוט־געשעפט צו אים, אָדער פאַרוואַלטן מיט די

עטלעכע הייזער זיינע אין בראָנזוויל. דזשאָסלין האָט אָבער אָפּ זיינע פאָרשלאָגן געענטפערט:

— פּאַפּאַ, איך בין אַ פּראָלעטאַריער. — דאָס וואָרט פּראָלע־טאַריער האָט ער ווי אומיסטן אַרויסגעזאָגט שאַרף. — איך בין אַ יוניאָן־מאַן און קיין יוניאָן טאָר מען ניט ברעכן.

אויסגעהערט די דאָזיקע דראָשע, האָט דער טאַטע זיך געטראַכט:

— צוויי טראָפּנס וואַסער די מאַמע זיינע, אים צו לענגערע יאָר. זאָל דאָס פעלן אַ האָר! אַזאַ אַקשן ווי זי און ענטפערט אָפּ אויך אַזוי ווי זי.

נאָר צו זיין זון האָט ער געזאָגט:

— יוניע! וואָס טויג דיר יוניע? ס׳וואָלט זיך געפּאַסט זאָלסט פון איר מאַכן גאָלדענע גליקן, פון דער יוניע דיינער.

נאָר דזשאָסלין האָט געשמייכלט און גאָרניט געזאָגט. דער טאַטע זיינער האָט פאַרגעזעצט מאַכן אַלע האַכאָנעס פאַר דער כאַסענע, און וואָס אַמאָל איז די האָפענונג, אַז זיין זון וועט זיך „סעטלען", בא אים געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

דזשאָסלין האָט דערוויל געאַרבעט אין שאַפּ. ער האָט אַפילו פּרייטיק, ערעוו דער כאַסענע, אויך געאַרבעט ביז דער טשערמאַן האָט דערלאַנגט אַ פייף און עמיצער האָט אָפּגעשטעלט די עלעקטרישע קראַפט פון די מאַשינען.

:: :: ::

נאָך אַ צייט פאַרן פייף האָבן באַלמעלאָכעס דאָ־און־דאָרט גע־רייניקט זייערע מאַשינען. מען האָט אַראָפּגענומען די פיסלעך, אַרויס־גענומען די שיפעלעך מיט די באַבאָנס פון אינגעווייד, צוגענומען אַלע אַנדערע ניי־מאַכשירים, איינגעפּאַקט אין זעקעלעך, וואָס מען האָט פאַרצויגן מיט שנירעלעך אַזוי ווי טפילן־זעקעלעך, אַריינגעלייגט אין די טיש־קעסטלעך און פאַרשלאָסן, אָדער מיטגענומען מיט זיך אין אַ קעשענע. די מאַשינען האָבן די באַלמעלאָכעס אַרומגעפּוצט, אויס־געווישט, אויסגעאָוילט און צוגעדעקט—ווער מיט אַן אייגן־אויפגענייט הייבל, ווער מיט אַ פאַרטוך און ווער מיט אַ שטיקל אַלטן אונטערשלאַק.

די מאַשינען האָבן איצט געשטומט, כאָטש איבערן שאַפּ האָט אַ נעניט אויער אַ לאַנגע ווײַלע נאָכן אָפּשטעלן די עלעקטרישע קראַפט

נאָך אַלץ געקאָנט הערן דעם אויסגעלאָשענעם מאַשינען־געזשום. באַלמעלאָכעס באַ די מאַשינען האָבן געביטן די העמדער מיט אויס־געשניטענע אַרבל און קאָלנערס אַף גאַנצע און ריינע. מען האָט אַנגעצויגן קראַוואַטלעך אַרום האַלז און זיך געזאַמלט אַרום טיש, וואו די קאַלע האָט שוין געהאַט פאַרגרייט אַ סאַך גוטע זאַכן. דאָ אַפן טיש אינמיטן שאַפּ איז שוין געשטאַנען וויין און שנאַפּס און אַנטשאָוויס און קאַוויאַר און ברויט און לעקעך און רויטע רעטעכלעך און גרינע ציבעלקעס און האַלב־זויערע אוגערקעס. יעדער באַלמעלאָכע האָט גע־האַלטן עפּעס אין האַנט, — ווער אַ קריגל, ווער אַ גלעזל, ווער אַ גלאָז און ווער אַ פּאַפּירן טעפּעלע. מען האָט געטרונקען און צוגעביסן. מיט־אַמאָל האָט שלוימקע דער שוואַרצער זיך פּאָיאַוועט אַף אַ שטול און גענומען פּראַווען באַדכאָנעס:

> קאַלע-לעבן, קאַלע-לעבן, וויין —
> דו וועסט באַלד צו דער כופּע גיין.

אַלע האָבן צוגעפּליעסקעט. עמיצער האָט אַף צופּלייסנס גע־כליפּעט. אַנדערע האָבן געלאַכט און נאָכגעקרימט שלוימקע'ן, וועלכער האָט פאָרגעזעצט זיין זינגען:

> אוי, קאַלע-לעבן, קאַלע-לעבן, וויין —
> צו דער כופּע גייסטו ניט אַליין;
> ווער ווייסט, צי דו וועסט האָבן וואָס צו קייען
> אַף דיינע געזונטע ציין!

ווידער האָבן אַלע געלאַכט, געפּליעסקעט און געטרונקען. מען האָט גערדיקט די האַנט באַם כאָסן. מיידלעך האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער קאַלע און אַנאַ האָט אירע הענט אַרומגעוויקלט אַרום שוירלי'ס האַלז און איר צוגעוואונטשן:

— קאַלע, „אַי וויש יו אָל די גוד לאָק אין די וואָירלד".

זיי האָבן זיך צעקושט. ס'איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן — אַזוי ווי מען וואָלט זיך צונויפגערעדט — אַזוי שנעל ווי מען האָט דערזען דעם טשערמאַן, זיידעל'ן, זיך צורוקן צום טיש. זיידעל האָט אָן שום צערעמאָניעס געזאָגט:

ברידער און שוועסטער: צוויי פון אונזערע באַלמעלאָכעס האָבן כאַסענע. האָבן מיר זיך צונויפגענומען און באַשלאָסן זיי געבן אַ דראַשע־געשאַנק.

ער האָט אַרויסגענומען צוויי פּודעלעך פון די קעשענעס. איינס האָט ער דערלאַנגט שוירלי'ן. זי האָט געעפנט. אין פּודעלע איז געלעגן אַ שיין, קליין האַנט־זייגערל. זי האָט אַ טאַנץ געטאָן פון פרייד:

— אָ מאַי! ווי שיין . . . וואָס זאָל איך זאָגן? — טהענקיו, — האָט זי כענעוודיק, זיך רויטלענדיק אויסגעשריען מיט אַ יוגנטלעכער שטימע.

זיידעל האָט אויסגעצויגן די האַנט מיטן צווייטן פּודעלע צו דזשאָסלינ'ען. נאָר דזשאָסלין האָט זיך אַ קרים געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געוואָלט.

— קרים זיך ניט, נעם!

ער האָט שוין איצט צוגעשמייכלט און געזאָגט:

— אַז איך האָב כאַסענע, דאַרפט איר מיר געבן מאַטאָנעס?

ער האָט צוגענומען די מאַטאָנע, אויך אַ האַנט־זייגערל. מענטשן אַרום האָבן גערעדט:

— „דזשאָסט לאַיק הים." פריער בריקעט ער זיך, דערנאָך טוט ער, וואָס מען הייסט אים.

דער אוילעם האָט ווידער געטרונקען לעכאַים, צוגעוואונטשן כאָסן־קאַלע אַ גוטן מאַזל מיט לאַנגע יאָר, און דזשאָסלין האָט אַלעמען איינגעלאַדן צו דער כאַסענע:

— „לאַיק פאַן", — האָט איינער אַריינגעשטעלט. — ווען ער'ט געוואָלט צו דער כאַסענע, האָט ער געשיקט „אינוויטעישאָנס".

באַם אַראָפּגיין פון שאַפ, האָט דזשאָסלין אָפּגעזוכט קערנער'ן און געבעטן:

— איר וועט דאָך קומען צו דער כאַסענע, קערנער?

גלייכצייטיק האָט ער אויך געלאַדן סילוויע'ן. ביידע האָבן אים צוגעזאָגט זיכער צו זיין. אַנאַ'ן, וועלכע איז געגאַנגען מיט זיי, האָט ער אויך איינגעלאַדן. ער האָט זי איינגעלאַדן מיט אַ סאַך ווייכקייט אין דער שטימע. נאָר פון דער דאָזיקער ווייכקייט אין דער שטימע

האָט אַנאַ זיך אָנגעשטויסן, אַז דזשאָסלין וויל שטאַרק, זי זאָל זיין באַ דער כאַכענע און ער וועט זיין זייער צופרידן, אַז זי וועט ניט קומען.

— געווים, געווים, — האָט אַנאַ אים צוגעזאָגט. — געווים וועל איך זיין.

דזשאָסלין האָט אַלעמען אַ פּאָך געטאָן מיט דער האַנט:

— גוד באַי!

— גוד לאַק! — האָבן די באַלמעלאָכעס אַף דער גאַס אים געענטפערט.

(פערטער קאַפּיטל)

שטירנער און זין

בראָנזוויל איז אַ גרויסע שטאָט און בראָנזווילער גאַסן זיינען גרויס־שטאָטיש. ווען מען פאָרט פון מאַנהעטן קיין בראָנזוויל, האָט מען דאָס געפיל, אַז דער גאַנצער גרויסער שעטעך — וויליאַמסבורג, פלאַשינג, בושוויק, וואָס מען פאָרט דורך, איז פרעמדלאַנד, קליינשטעטל. קומט מען אָבער צו דער ערשטער ברייטער פאַרקוועי, דערפילט מען מיטאמאָל — בראָנזוויל, גרויס־שטאָט.

ווען מען פאָרט אַרויס פון מאַנהעטן קיין בראָנזוויל, בייט זיך דער קורס. אַנשטאָט צו פאָרן פון צאָפן צו דאָרעם, אָדער פון דאָרעם צו צאָפן, פאַרנעמט זיך די אונטערערדישע באַן אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג. ערשט ווען איר קומט אָן קיין בראָנזוויל און די זעלביקע באַן איז שוין אַ הויכבאַן, וואָס שניידט דורך די ערשטע פאַרקוועי, דערנאָך איין עוועניו נאָך אַ צווייטער, דערפילט איר ווי זיי לויפן אין דער־זעלביקע ריכטונג ווי צווייטע עוועניו, בראָדוועי, פינפטע עוועניו — מאַנהעטן.

ווידער דערמאָנט אייך בראָנזוויל אָן מאַנהעטן מיט דער העלער באַלייכטונג פון די גאַסן־לאָמפּן, עלעקטרישע שילדן, טעאַטערס, באַ־לויכטענע שוי־פענצטער און מיט אירע מענטשן־שטראָמען אויף די הויפּט־גאַסן.

לויפן עוועניוס אַזעלכע ראַכוועסדיקע, לויפן געסעלעך שמאָלע — שניידן זיך דורך אַ וועג צום גרויסן פּאַרק, צום יאַם, צום אויסגוס אין קאַנאַרסי, און צו דער גרויסער שטאָט, צו מאַנהעטן, וואָס ליגט דאָרט ערגעץ איבער ברוקלין, איבערן וויליאַמסבורג בריק.

ניט אַלעמאָל איז בראָנזוויל געווען אַזאַ ווי זי איז איצט. פאַראַן נאָך היינט טוישווים פון אַלטע צייטן, וואָס דערציילן זיך אָן געגנוג וועגן בראָנזוויל פון יענע צייטן, ווען זי איז נאָך געווען אַ ווילדסטעניש, און וועגן יענע צייטן, ווען מען האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן בויען דאָס, וואָס איז איצט געוואָרן אַ גרויסע שטאָט. דאָס איז געווען די צייט פון גרויסן געלאַף קיין בראָנזוויל. מענטשן זיינען געלאָפן, געקויפט, געהאַנדלט, געוואַנדלט. מענטשן געדענקען און דערציילן וועגן יענער צייט, ווען מען האָט דורכגעצויגן די ערשטע עלעקטרישע טראַמוואַי־ליניע פון בראָנזוויל אַזש קיין ניו יאָרק — די „קאָנקע" האָבן עס בראָנזווילער מענטשן גערופן. אָט אין יענער צייט, דערציילט מען, האָט מען מיטאַמאָל דערזען אַ אידן רייטן אויף אַ ציג פון בראָנזוויל קיין ניו יאָרק. פרעגט מען בא דעם אידן:

— רעב איד, ס'איז דאָך דאָ אַ סטריט־קאַר, וואָס פירט אייך גלייך קיין ניו יאָרק, צו וואָס דאַרפט איר רייטן אויף אַ ציג?

דער איד האָט אָפּגעשטעלט זיין ציג, זיך אַ קראַץ געטאָן אונטער דער פייע און געענטפערט:

— כ'וויים . . . ערשטנס, איז אידישער צו פאָרן אויף אַ ציג; צווייטנס, קאָסט ביליקער און דריטנס — קומט מען טאַקע אָן שנעלער...

בראָנזוויל איז אַמאָל געווען באַרימט מיט אירע ציגן. ניט וואָס קיין אַנדערע בעהיימעס זיינען דאָרט ניט געווען. סימאָנים, אַז עס זיינען געווען אַנדערע בעהיימעס, געפינט מען נאָך היינט צווישן די בראָנזווילער איינוואוינער. געווען אי קי, אי שעפּסן, אי אָקסן, אי פערד — נאָר עס ווייזט אויס, אַז אין די זומפּיק־גראָזיקע געגנטן פון אַמאָליקן בראָנזוויל האָבן זיך ציגן אָנגענומען מער ווי אַלע אַנדערע בעהיימעס. מען דערציילט, אַז גאָר אַמאָל, נאָך איידער די אידן, וואָס האָבן זיך דערפילט ענג אויף דער איסט־סאיד, האָבן אָנגעהויבן לויפן קיין בראָנזוויל זוכן פּאַרנאָסע, האָט דאָרט געוואוינט אַ פּאַרמער, אַ קריסט. דער דאָזיקער פּאַרמער האָט זייער ליב געהאַט ציגן און אַליין האָט ער אויך אויסגעזען קימאַט ווי אַ ציג — מיט אַ לאַנג, שיטער בערדל. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ציגן־פאַרם און געהאַפּט מיט דער צייט טאָן גאָר גרויסע געשעפטן מיט ציגענער מילך. ער אַליין פלעגט זיך פּאַסמאַקעווען מיט דעם מילך פון זיינע ציגן. ציגענע מילך, פלעגט

ער זאָגן, האָט אַלע טאַימים. עס האָט אַזאַ מין גערוך, מיט וועלכן קיין שום מילך אין דער וועלט קאָן זיך ניט פאַרגלייכן; היינט קאָן מען פון ציגענער מילך מאַכן אַזאַ מין קעז, וואָס וועט אַרויסיאָגן פון מאַרק דעם בעסטן שווייצער־קעז.

דערציילט מען נאָך ביז היינטיקן טאָג, אַז די בראַנזווילער ציגן זיינען געווען דער מאַגנעט, וואָס האָט אַהין געצויגן די אידן פון די ווייטסטע מעקומעס פון מאַנהעטן. ס'האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ איד פון דער איסט־סאַיד האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַף אַ נעסיע און האָט אָנגעשפּאַרט קיין בראַנזוויל טאַקע צו יענעם ציגן־פּאַרמער. זעקס טעג און פינף נעכט האָט די נעסיע געדויערט. ווייב און קינדער האָבן שוין ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. שכיינים און שכיינעס האָבן שוין גענומען זאָרגן און מען האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי אויסצוזוכן — אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן — דעם אידן, וואָס איז ווי אין וואַסער אַריין.

נאָר אַפן זעקסטן טאָג, פאַרנאַכט, צו ליכט־בענטשן האָט זיך פּאַיאַווועט דער איד — אַן אויסגעשמירטער, אַ פאַרמאַטערטער, מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד, נאָר די אויגן האָבן באַ אים געשיינט און אַף אַ שטריקל האָט ער מיט זיך געפירט — אַ ציג.

זינט דאַן האָבן אידן פון דער איסט־סאַיד — אידן פון בערדיטשעוו און קרעמענטשוג, אידן פון טאַלנע און פון סלאָבאָדקע באַ קאָוונע, אידן פון אָדעס און ווילנע, — אַלע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט קיין בראַנזוויל. ווער עס איז צוריקגעקומען אַהיים מיט אַ ציג, ווער עס האָט געבראַכט צוויי ציגן און ווער עס האָט געבראַכט אַ ציג און דערצו די גוטע בסורע, אַז מען האָט זיך איינגעקויפט אַ שטיקל נאַכלע, אַ „לאָט"...

אַ סאַך יאָרן זיינען זינט דאַן אַוועק. פון דעם ציגן־פּאַרמער איז שוין קיין זייכער ניט געבליבן. נאָר בראַנזוויל איז נאָך אַלץ באַרימט מיט אירע ציגן, וואָס האָבן זיך אַמאָל, גאָר אַמאָל געפּאַשעט אַף אירע זומפּיקע לאָנקעס. די ציגן זיינען אַוועק. אַף די לאָטס האָט מען אָנגעהויבן בויען — ס'איז געוואָרן אַ געלאַף קיין בראַנזוויל. מען האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט; מען האָט געקויפט און פאַרקויפט; מען האָט געבויט הייזער מיט פרעמד געלט, וואָס אָרימע אידן האָבן

געהאט אָפּגעשפּאָרט דורך שווערער מי. איינציקע זיינען רייך געוואָרן. אַ סאַך, גאָר אַ סאַך, האָבן פאַרלוירן זייער העמד פון לייב.

נאָר בראַנזוויל האָט זיך אויפגעבויט. נאָך דעם ערשטן טראַמוואַי איז געקומען אַ צווייטער, אַ דריטער און דערנאָך — אַ הויך־באַן, אַ צווייטע. גרויסע, הויכע מויערן זיינען אויסגעוואַקסן אין בראַנזוויל; טענעמענטס האָבן באַדעקט די קרייץ־גאַסן; גרויסע געשעפטן האָבן זיך פאַרפלאַנצט אַף די עוועניוס — בראַנזוויל איז געוואָרן אַ גרויסע שטאָט.

:: :: ::

אַף אַ שמאָל געסל, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין אַן עוועניו, איבער וועלכער עס איז געלאָפן אַ הויך־באַן — זיך אַריינגעשניטן און ווייטער ניט געלאָפן, ווי די עוועניו וואָלט עם פאַרשלונגען — שטייט אַ פיר־שטאָקיקער מויער. געבויט איז דער מויער פון רויטע און געלע ציגל — געשמאַקלאָז ווי אַ ווערהויז — אַ פיר־עקיקער קאַסטן. ס'איז אַן אומהיימלעכע געביידע. די שויבן אין די פענצטער זיינען דאָ גרויע — פון דיקן גלאָז מיט דינעם דראָט אינצווישן. די שויבן פּרואוון, ווי מיט בעלמעס אַף די אויגן פון אַ מענטשן, אויפכאַפּן דאָס ליכט פון טאָג, נאָר זיי בלייבן אַלעמאָל טונקל. זון־שטראַלן פּרואוון זיך אַמאָל דורכרייסן דורכן דיקן גלאָז, און שפּרינגען צוריק אָפּ. קיין ליכט אינעווייניק גיבן די שטראַלן ניט, נאָר אַ היץ אין דער געביידע מאַכן זיי אָן. דעם דאָזיקן מויער האָבן די בראַנזווילער שניידער אַ נאָמען געגעבן — „די פעסטונג".

אַף אַ ווינקל פון דעם דאָזיקן מויער איז געהאַנגען אַ שילד — גאָלד אַף אַ שוואַרצן הינטערגרונט: — שטירנער און זין — מענער־קליידער. אונטערן נאָמען איז אויסגעמאָלן אַ גרויסע שעפּס מיט געדיכטע וואָל, וואָס אַ מענטש דערביי שערט מיט אַ גרויסער שער. אונטער דעם דאָזיקן געמעל איז געווען אַ קליינע אונטערשריפט: — גאַרניטערס פון דער בעסטער וואָל פאַר מענער מיט געשמאַק.

וועגן דער דאָזיקער שילד האָבן בראַנזווילער טוישווים געזאָגט: צי זיינע גאַרניטערס זיינען פון וואָל ווייסט מען ניט, נאָר זיינע שעפּסן שערט ער.

אייגנטלעך איז דאָס געווען ניט די איינציקע שילד פון דעם מין. ווער עס איז אַמאָל דורכגעגאַנגען בראָדוועי אַרום באָנד סטריט, האָט געקאָנט באַמערקן פונקט אַזאַ שילד ווי אַפן בראָנזווילער מויער. דאָ אַף בראָדוועי האָט דער אַלטער שטירנער, אַ איד אין די פופציקער, מיט אַ רונד בייכל, אַ פליך און גרויע שלייפן, לאַנג צוריק געעפנט זיין פאַבריק, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געלאַף קיין בראָנז־וויל. אין געלאַף איז שטירנער ניט געלאָפן — ער איז נאָך דאַן געווען אַ ביסל „אידעאַליסטיש" און האָט נאָך פאַרקערט פון צייט צו צייט אין אַנאַרכיסטישע קרייזן — נאָר ער האָט גלאַט אַף דער רעקאָמענדאַציע פון זיינעם אַ פריינט אַריינגעלייגט אַ ביסל געלט אין „לאַטס". ערשט מיט יאָרן שפּעטער, אין דער גרויסער בעהאָלע, ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן פאַרקויפן בעכאַצי־כינאָם, קעדיי צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך, האָט שטירנער איינגעהאַלטן זיינס און נאָך אויס־געקויפט אַנדערע. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ שטיקל נאָמען אַף בראָדוועי און אַ פּאָר באַנק־ביכלעך. אַז זיין פריינט איז צו אים געקומען מיט אַ יעלאָלע: „איך פאַרליר, ברודערל, מיין גאַנץ לעבן, דער כאַלעף ליגט מיר אַפן האַלז, ראַטעווע מיך," — האָט שטירנער קאַלט געענטפערט:

— איך בין אין די קליידער־ביזנעס, ניט אין די לאַט־ביזנעס.

נאָר נאָכדעם ווי זיין פריינט האָט אים אָפּגעגעבן זיינע לאַטס פאַר אַ שיבעש, האָט ער די לאַטס דאָך געקויפט און דערביי צוגעגעבן:

— איך דאַרף ניט קיין לאַטס, נאָר אָט, אַז דיר איז שוין יאָ אַזוי שלעכט, טאָ זאָלן זיך וואַלגערן עטלעכע „לאַטס" בא מיר. אַ „לאַט" איז ניט קיין ציג, ס'בעט ניט קיין עסן און ס'וועט ניט אַנטלויפן...

יאָרן זיינען געלאָפן, דער קליידער־האַנדל איז גרעסער געוואָרן, זיך צעוואַקסן, און דאַן האָט זיך שטירנער דערמאָנט, אַז ער האָט „לאַטס" אין בראָנזוויל — פאַרטיקע „לאַטס", אַף וועלכע מען קאָן בויען אַ געביידע, אין דער געביידע קאָן מען אַריינשטעלן מאַשינען, דינגען אַרבעטער און עס וועט ווערן נאָך אַ פאַבריק. מענטשן וועלן נייען, פרעסן, שטעפּן, — ס'וועט זיך דרייען דאָס רעדל. מענטשן וועלן מאַכן אַ לעבן, און ער אַליין, מיסטער שטירנער — אָ, ער וועט לייכט

אויספילן די נייע באשטעלונגען, וואס זיינע זין שיקן אים אלץ מער אריין פון וועג.

ווען עס האט זיך באוויזן די ערשטע גראב־מאשין אף דעם אלטן שטירנער'ס לאטס, האט מען ניט ווייט פון דארט שוין געהאט אראפ־גענומען די רעשטאוואניעס פון א נייעם בעסמעדרעש, וואס בראנז־ווילער באלעבאטים האבן געלאזט אויפבויען. און כאטש דעם גאבע'ס הויז איז געווען ווייט פון בעסמעדרעש און פון שטירנער'ס לאטס, האט ער פונדעסטוועגן דערהערט די ערשטע גערויש פון דער גראב־מאשין. מיט עטלעכע טעג שפעטער איז דער גאבע, דער נייער ראוו און א פאר באלבאטישע אידן געזעסן בא מיסטער שטירנער'ן אין אפיס אף בראדוועי. דער גאבע האט גערעדט:

— עס קומט אייך א גרויסער יאשער קויעך, מיסטער שטירנער. אידן וועלן האבן פארנאסע. ס'וועט זיין ארבעט, ס'וועט זיין האנדל, ס'איז א גרויסער אויפטו, א גרויסער זכוס פאר בראנזוויל און פאר אונזער נייעם בעסמעדרעש.

מיסטער שטירנער האט זיך געלאזט קאסטן. עמעס, ניט קיין סאך:

— איך בין איצט געאיינגט, — האט ער געזאגט דעם גאבע. — בויען אזא ביניען קאסט געלט, א סאך געלט. נאר איך וועל אייך מיט ליידיקן ניט ארויסלאזן.

ער האט זיי געגעבן א טשעק אף הונדערט דאלער און מיט א וואך שפעטער האט מען אין דעם נייעם בעסמעדרעש מעראעש אוילעם געווען מיט דער מוידאע, אז עס בויט זיך א נייע קליידער־פאבריק אין בראנז־וויל און אז מיסטער שטירנער אליין, דער גרויסער קליידער־פאבריקאנט, האט מענאדעוו געווען א קיילעכדיקע מייע. די נייעס האט זיך באלד פארשפרייט איבער בראנזוויל און מענטשן האבן געזאגט:

— א גרויסער באל־צדאקע, מיסטער שטירנער.

— אגרויסער כאזער, מיסטער שטירנער; האט זיך איינגעקויפט פאר א הונדערטער קאוועד און רעקלאמע.

אין צווישן די רייד פון די בראנזווילער איינוואוינער האט זיך דערווייל געבויט דער מויער פון געלע און רויטע ציגל, וועלכן מיסטער שטירנער אליין האט ניט געזען, ביז ער איז פארטיק געווארן אינגאנצן

און מען האָט אָנגעהויבן אַריינפירן מאַשינען. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן באַלמעלאָכעס פאַרן בראָנזווילער שאַפּ.

:: :: ::

בראָנזוויל איז געבוירן געוואָרן אין אַ יוניאָן־הייבל. דאָ איז געווען אַ פּאַרטיקע „יוניע" — נאָך איידער די פאַבריקן האָבן זיך אויפגעבויט. פון וואַנען צו בראָנזוויל האָט זיך גענומען אַ יוניאָן האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר עס האָט פּאַסירט אַזוי, אַז ווען אין בראָנזוויל האָט זיך געעפנט אַ שאַפּ און אַ באַלמעלאָכע איז אַרויף אַרבעטן, האָט ער דאָרט שוין געטראָפן באַקאַנטע באַלמעלאָכעס פון שעפּער אין העסטער סטריט, אין באָנד סטריט, אין קאַנאַל סטריט. דאָרט, אין יענע שעפּער, איז שוין געווען אַ יוניאָן. איז דאָס אַליין שוין געווען אַן אָנזאָג, אַז אין בראָנזוויל זיינען די אָנגעקומענע באַל־מעלאָכעס פּאַרטיקע יוניאָן־לייט און די בראָנזווילער שעפּער—פּאַרטיקע יוניאָן־שעפּער.

נאָר מיסטער שטירנער האָט זיך געהאַט זיינע רעכענונגען. ער איז געווען אַ בראָדוועיער פאַבריקאַנט מיט אַ שילד אין גאָלד אויף אַ שוואַרצן הינטערגרונט. אויף בראָדוועי איז בײַ אים געוואָרן אַ יוניאָן נאָך אַ שאַרפן קאַמף. נאָכדעם ווי ער איז געווען געצוואונגען זיך צו בויגן, האָט די יוניאָן בײַ אים געזשיפּעט. ער האָט געהאַט אַ טעוועּ, דער מיסטער שטירנער, זיך צוצוקלייבן באַלמעלאָכעס, וואָס זאָלן שטענדיק זיין אָפּהענגיק אָן אים, — מענטשן, וועמען ער זאָל טאָן טויוועס — נאָר פון קיין יוניע זאָלן זיי ניט האַלטן. איצט, בײַם עפענען זיין פאַבריק אין בראָנזוויל, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אויף די בראָנזווילער באַלמעלאָכעס קאָן מען זיך ניט שטאַרק פאַרלאָזן, האָט ער זיך גענומען צוקלייבן אייגענע „סעטס", נאָכפרעגנדיק בײַ דעם און יענעם און דורך אַן אַגענטור, וואָס שטעלט־צו אַרבעטער. ער האָט צוגעקליבן אייניקע צושניידער — די הויפּט־צושניידעריי האָט ער סיי־ווי געפּלאַנט האַלטן בײַ זיך אויף בראָדוועי, דערנאָך קעשענע־נייער, דערנאָך אַרבל־איינניייער, דערנאָך שטעפּער, דערנאָך אַרבל־נייער און ערשט דאַן אַלע איבעריקע. אָבער אינגאַנצן אויסמיידן בראָנזווילער

באַלמעלאָכעס האָט ער ניט געקאָנט, ווייל דאָ האָט זיך ווידער פאַיאַוועט דער גאַבע:

— מיסטער שטירנער, אַז אוולע, אַז אוולע, מיסטער שטירנער. בראַנזוויל האָט געהאָפּט אַף פּאַרנאָסע און דאָ גאָר קומען אידן פון אונזער סעהילע זיך באַקלאָגן, אַז איר נעמט ניט צו קיין בראַנזווילער...

מיסטער שטירנער האָט אויסגעמאַכט אַ טשעק אַף נאָך אַ הונדער־טער און צוגעזאָגט אָנשטעלן בראַנזווילער באַלמעלאָכעס, וואָס דאַוונען אין נייעם בעסמעדרעש.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן פירן קיין בראַנזוויל לאַסט־אויטאָס מיט סכוירע, געשניטענע און ניט־געשניטענע. אַפן ווינקל מויער האָט זיך באַוויזן די שילד אין גאָלד אַף אַ שוואַרצן הינטערגרונט פון דער בראָדוועיער פירמע — „שטירנער און זין".

פונדעסטוועגן, אַז מיסטער שטירנער'ס פאַבריק האָט זיך אָנגע־הויבן באַוועגן; אַז מען האָט שוין געמאַכט עטלעכע „שיפּמענטס" מיט פאַרטיקע רעק, וועסטן, הויזן, — האָט זיך מיטאַמאָל פאַיאַוועט די „יוניע". זי האָט אַ כיילעק אין דער פאַבריק, האָט זי געזאָגט דעם מיסטער שטירנער. און דאָס מאָל האָט דער אַלטער זיך אַף אַן עמעס דערשראָקן; אַ גרויסער טייל פון די באַלמעלאָכעס האָט זיך אריינ־געצויגן פון ניו יאָרק קיין בראַנזוויל, טאַקע די זעלביקע וואָס האָבן געקראָגן זייערע דזשאַבס דורך די אָגענטורן, אָדער דורך באַקאַנטע. דאָ האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט אַלע בראַנזווילער באַלמעלאָכעס און זיינען אָנגעגריפן געוואָרן פון דער „יוניע"־געפאַר. עטלעכע מענטשן האָבן זיך שטילערהייט צונויפגערעדט און געפאָדערט „יוניע" — דאָ האָט זיך באַוויזן אַ „וואָקינג דעלעגעיט", וועלכער האָט געזאָגט מיסטער שטירנער'ן, אַז זיין שאָפּ אין ניו יאָרק וועט אַראָפּגענומען ווערן אין סטרייק, אויב עס וועט ניט זיין קיין יוניע. דאַווקע איז דאַן מיסטער שטירנער געווען אין אַ שלעכטער לאַגע. פון זיינע זין האָט ער דער־האַלטן גרויסע באַשטעלונגען. ניט נאָכגעבן הייסט פאַרלירן די נייע קוינים, וואָס די זין האָבן איינגעשאַפט איבערן לאַנד. האָט ער אַרויפגערופן צו זיך דעם „וואָקינג דעלעגעיט" און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— איר האָט מיך אָנגענומען באַם האַלז, איר ווארגט מיך. נאָר איך וויל ניט קיין „טראָבל".

אזוי איז געוואָרן אַ „יוניע" באַ מיסטער שטירנער'ן אין בראָנז־וויל — אַ בעסערע „יוניע" ווי באַ אים אַף בראָדוועי. אזוי זיינען געלאָפן יאָרן איינס נאָכן צווייטן. ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ מילכאָמע. מיסטער שטירנער האָט זיך מער ניט געמישט אין זיין געשעפט. די זין האָבן איבערגענומען די מעלוכע. געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט — ארבעטער האָבן אויסגעפעלט, פרייזן האָט מען געצאָלט נישקאָשעדיקע און קיינער האָט ניט געטראַכט וועגן אַ סטרייק. נאָר אַט איז אַוועק די מילכאָמע — די באַשטעלונגען זיינען געוואָרן שוואַכער, ארבעטער זיינען געוואָרן מער. די זין שטירנער האָבן אָנגעהויבן ארויסווייזן אַלץ מער פאַרביסנקייט קעגן דער יוניע, ביז זיי האָבן איינמאָל געהייסן דעם „ביזנעס־איידזשענט" גיין פון זייער אָפיס. ס'איז געווען אזוי: דער פאַרטרעטער פון די ארבעטער איז ארויפגעקומען אין שאַפּ און זיך אָפּגעשטעלט ריידן מיט אַ פרעסער. מיסטער שטירנער'ס זון האָט זיך צופעליק באַוויזן אין שאַפּ און דערזען ווי דער „ביזנעס־איידזשענט" (דאָס זעלבע וואָס אַ „וואָקינג דעלעגעיט") שטייט לעבן פרעסער און שמועסט מיט אים. ער האָט אים געבעטן אריינקומען אין אָפיס און דאָרט האָט ער אים געזאָגט:

— ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו קומען אין שאַפּ און באַלעסטיקן די ארבעטער?

— דער אַגרימענט מיט דער יוניאָן זאָגט . . . — האָט דער ביזנעס־איידזשענט אָנגעהויבן.

— נעוועך מאַינד אַגרימענט . . . דאָס איז מיין שאַפּ און איך וויל ניט, איר זאָלט שטערן דעם שאַפּ.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָט ער אים געהייסן גיין פון אָפיס. ער האָט אים אַפילע ניט געלאָזט גיין זען דעם טשערמאַן, נאָר אים ארויס־געשיקט דורך דער פאָדערשטער טיר. אַף מאָרגן איז אין שאַפּ געווען אַ גערודער. אַף אַלע פיר שטאָק האָבן זיך געשאַפן צוויי מאַכנעס — אַ גרעסערע און אַ קלענערע. נאָר אזוי ווי די קלענערע מאַכנע איז מערסטנס באַשטאַנען פון גוט־באַצאָלטע באַלמעלאָכעס, האָבן זיך גע־

פונעז א סאך וואקלדיקע, וואס האבן גערעדט, אז מען זאל דעם איניען אויסגלייכן און א סטרייק.

— ס'איז סיי־ווי נישטא קיין סאך ארבעט, — האבן אייניקע געטאניעט, — ווי קאן מען איצט סטרייקן?

נאר דער פרעסער און אייניקע אנדערע באמעלאכעס האבן זיך געהיצט:

— ס'הייסט מיר'ן זיין אן א יוניע? אזא פאבריקע אן א יוניע אין בראנזוויל קאן ניט זיין.

מיט א טאג שפעטער, ווען עס איז קלאר געווארן, אז מיסטער שטירנער וויל זיך ניט בויגן, האט די יוניע גערופן א סטרייק אין דעם בראנזווילער שאפ. ניט אלע באלמעלאכעס זיינען ארונטער, נאר דער סטרייק איז געווען א שארפער. שוין אין דעם ערשטן טאג זיינען פאר־געקומען צוזאמענשטויסן ארום שאפ און אזוי קמיאט אלע טאג אין פארלויף פון צוויי וואכן.

אין יענער צייט איז אין דער „יוניע" געווען א מענעדזשער. מען האט אים געשיקט אנפירן מיטן סטרייק אין בראנזוויל, און ער האט אייניקע מאל זיך געפרואווט שטעלן אין פארבינדונג מיט דער פירמע אף בראדוועי. דארט האט ער ניט געוואלט רופן קיין סטרייק: מיט ניו יארק, האט ער געזאגט, האט עס ניט צו טאן. בראנזוויל איז זיך א מעלוכע פאר זיך. ענדלעך האט מיסטער שטירנער מיט אים פאר־האנדלט און — וואונדער איבער וואונדער: דער מענעדזשער מיסטער סטיין האט בא מיסטער שטירנער'ן, דעם יונגן, אויסגענומען.

— „יו נאו", — האט אים געזאגט מיסטער שטירנער, — אי טהינק, אי לאיק יו."

— „אי לאיק יו טו, מיסטער שטירנער", — האט דער יוניאן־מענעדזשער געענטפערט. — „וועהאט'ס מאר", ס'איז געווען א מיס־פארשטענדעניש און „דהעט'ס אל". פארלאזט זיך אף מיר — א שאפ איז א שאפ און א יוניע איז א יוניע. ביידע קאנען זייער גוט „האר־מאנאיזן". מיט א יוניע איז נאך בעסער.

און אזוי האט פאסירט, וואס מיסטער שטירנער האט צוגענומען צוריק אלע באלמעלאכעס אף זייערע פריערדיקע ערטער און האט צו־געשטימט, אז דער ביזנעס־אגענט זאל ארויף אין שאפ. די ארבעטער

זיינען צוריקגעגאנגען צו דער ארבעט. נאָר מיט צווי כאַדאָשים שפּע־טער, ווי דער מענעדזשער מיסטער סטיין האָט געשליכטעט דעם סטרייק, איז ער אויך אוועק צו די ארבעטער אין שאַפּ, ניט אַלס באַלמעלאָכע, נאָר אַלס מענעדזשער פון מיסטער שטירנער׳ס בראַנזווילער שניידער־פאַבריק.

:: :: ::

עס זיינען געשטאַנען הייסע טעג. אָפט האָט מען אין די טעג צעעפנט אַ פענצטער אין דער „פעסטונג" מיט די שויבן, ווי בעלמעס, און אַ ווינט האָט זיך דורכגעריסן איבער די קעפּ פון די באַלמעלאָכעס. אַמאָל פלעגט אַן ארבעטער אויפהויבן דעם קאָפּ און טיף אַן אָטעם טאָן דאָס דורכלויפנדיקע ווינטל. נאָר געוויינטלעך זיינען אַלע געזעסן פאַררוקט מיט די קעפּ אין די מאַשינעס.

אָפן אונטערשטן שטאָק זיינען געשטאַנען די צושניידער, וואָס האָבן אַף לאַנגע טישן צעצויגן גרויסע פּלאַסטן סכוירע, אויסגעמאַר־קירט מיט קרייד און דערנאָך געפירט מיט אַ מאַשין־מעסער, וואָס האָט געריטשעט, ווי אַ דינער פייפן פון אַ פייער־וואָגן. די גרויסע פּלאַסטן צעשניטענע סכוירע האָט מען אין פּעקלעך נומערירט און געשיקט אַף די העכערע שטאָקן, דורך די ליפטן, וואו מען האָט גענייט, גע־פּרעסט און ארויסגעענדיקט די פאַרטיקע מאַלבושים.

גאָר אויבן, אָפן פערטן שטאָק, זיינען געווען די אָפּערעיטאָרס, די אונטערפּרעסערס און אַ טייל „האַנט־שניידער", וואָס האָבן געצויגן זייערע פאַסטריגער איבער די ברעגעס פון נעט, וואָס די אָפּערעיטאָרס האָבן דערנאָך דורכגעלאָזט דורך די מאַשינעס און די אונטערפּרעסערס האָבן מיט הייסע אייזנס צוגעפּרעסט.

ווען מיסטער סטיין, דער געוועזענער יוניאָן־מענעדזשער, איז אהער אָנגעקומען, האָט ער זיך דאָס ערשטע גענומען מאַכן אַ פּאַראַנדעק אָפן אויבערשטן שטאָק — דאָרט וואו עס זיצן די אָפּערעיטאָרס. זיין מאַטאָ איז געווען: דורכקומען מיט די אָפּערעיטאָרס, וועט מען שוין דורכקומען מיט די איבעריקע באַלמעלאָכעס. עפּעס האָט ער געהאַט גענוג צוטרוי צו די צושניידער, און ביז גאָר ווינציק צוטרוי צו די אָפּערעיטאָרס בא די מאַשינען.

ווי ער האָט זיך באַוויזן אויפן אויבערשטן שטאָק, האָט ער באַלד דערפילט, אַז דאָ וועט ער דאַרפן אַ ביסל „צוהאָרעווען" — כאָטש אויך דאָ זיינען געווען געגנוג אַזעלכע, וואָס האָבן אים אונטערגעטראָגן פאָרויס אַ האַכנאָעדיקן „גוט מאָרגן, מיסטער סטיין!". ער האָט באַטראַכט דעם שאַפּ און טאַקע באַלד אויפן מאָרגן אַריינגערופן צו זיך איינציקע באַלמעלאָכעס, יעדערן באַזונדער, און צו יעדן איינעם געזאָגט:

— צייטן זיינען שלעכטע. דאָ אין פאַבריק איז דער דזשאַב אַ גומער. אַ רונדער יאָר אַרבעט. שרעקט זיך ניט. איך וויל גאָרניט פון אייערע וועידזשעס. די שטונדן בלייבן די זעלביקע. אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז איר זאָלט ניט נאַרן דעם מיסטער שטירנער. „דהעט'ס וואַט אַי עם היר פאָר". מיר ווילן אַ קליינעם „ריאַדזשאַסטמענט"...

עס האָט פּאַסירט, אַז אַ באַלמעלאָכע האָט איינמאָל זיך אָפּגעזאָגט נאָכפאָלגן דעם געיעג פון די, וואָס האָבן זיך געלאָזט טרייבן, האָט ער דעם באַלמעלאָכע ניט אָפּגעזאָגט. ער האָט אים אַפילע קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט. ער האָט אים בלויז געלאָזט זיצן בא דער מאַשין און דער פאָרמאַן האָט אים קיין אַרבעט ניט צוגעטראָגן. ווער עס האָט אַמאָל געאַרבעט אין אַ שאַפּ, בעאַיים אַלע אַרום אייך זיצן און אַרבעטן, און אייך גיט מען ניט קיין אַרבעט, קאָן פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ געהענעם דאָס איז. און אַז „די יוניע", ברודער שאַץ, איז אַרויפגעקומען, האָט אים מיסטער סטיין געזאָגט:

— איך זאָג אים דען עפּעס? זאָל ער זיצן. איך וויל אים צאָלן וועידזשעס פאַר זיצן, קאָן עמיצער מיר פאַרווערן?

און די „יוניע" האָט צוגעשטימט: מען קאָן ניט צווינגען אַ באַלעבאָס ,ער זאָל אים צוטראָגן אַרבעט בא דער מאַשין, אַזוי לאַנג ווי ער צאָלט אים סכירעס. אַזוי איז מיסטער סטיין פּאָטער געוואָרן פון איין ווידערשפּעניקן באַלמעלאָכע נאָכן צווייטן און האָט איינגעבראָכן דעם שאַפּ אויף זיין שטייגער.

— סי, מיסטער שטירנער, — האָט ער זיך אויסגעפיינט פאַר זיין באַלעבאָס, — אין איין יאָר צייט איז די פּראָדאַקשאָן געשטיגן אויף 35 פּראָצענט.

און מיסטער שטירנער האָט געשעצט מיסטער סטיינ'ס פיִאיקייטן. צום יאָר איז מיסטער סטיין געקומען צו דער „פעסטונג" אין אַ נייער

לימוזין — אַ מאַטאָגע פון מיסטער שטירנער. אין דעם דאָזיקן אויטאָ־מאָביל איז שוין מיסטער סטיין דערנאָך אַלע טאָג געקומען צו דער אַרבעט און איז אין אים יעדן פאַרנאַכט אַוועקגעפאָרן צוריק.

נאָר די אַרבעט אין שאַפּ איז געוואָרן אַלץ שווערער. אַלץ שווערער האָבן די באַלמעלאָכעס געבויגן די רוקנס און אַלץ מער האָט מען מוירע געהאַט ריידן. ניט בלויז אַ „ריאַדזשאַסטמענט" האָט מיסטער סטיין איינגעפירט, נאָר אַ סיסטעם פון שטילשווייגן. אינדערשטיל, אַז אַן אַרבעטער פון דער „פּעסטונג" פלעגט טרעפן אַ באַלמעלאָכע פון אַן אַנדער שאַפּ, פלעגט ער זיך נאָך אויסגיסן דאָס האַרץ. אין דער „יוניע" זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען וועגן דער אַרבעט בא שטירנער'ן. אָבער דאָך האָבן אַ סאַך באַלמעלאָכעס זיך געריסן קריגן דאָרט אַ דזשאָב. די זיכערקייט פון שטענדיקער אַרבעט האָט זיי געלאָקט. נאָר אַזוי שנעל ווי מען פלעגט אַרויף, פלעגט מען אָנהויבן זיך באַקלאָגן — באַקלאָגן און האַלטן פאַרביסן די ציין, האַלטן פאַרביסן די ציין און זיך באַקלאָגן.

איצט, אין די הייסע טעג, אַז מען האָט צעעפנט אַ פענצטער אין דער „פּעסטונג" און אַ ווינטל האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די קעפּ פון באַלמעלאָכעס, האָט דאָ־און־דאָרטן אַ באַלמעלאָכע טיף אָפּ־געאָטעמט, נאָר אַלע זיינע געבליבן פאַרזונקען טיף אין דער אַרבעט מיט געבויגענע, געקרימטע רוקנס אין פאַרשידענע פּאָזעס, פאַררוקט די קעפּ אין די מאַשינען.

:: :: ::

אין אַזאַ הייסן טאָג איז איינמאָל „ס'באָסל'ס" שוטעף צוריק־געקומען פון ניו יאָרק און געלאָזט וויסן זיינע באַלמעלאָכעס, אַז עס ענדיקט זיך אַרום די אַרבעט.

ס'איז איצט געווען אינמיטן סעזאָן. אַלע יאָר אין דער צייט האָט מען ערשט צעלאָזט די הענט און אַריינגעאַרבעט האָט מען ביז אין טיפן, טיפן האַרבסט. נאָר האַיאָר האָט דער פאַבריקאַנט, פון וועלכן „ס'באָסל" האָט געצויגן זיין אַרבעט, געזאָגט: — אייער מיסטער שטירנער מאַכט זיין אַרבעט אַ סאַך ביליקער. ער האָט

אונז ארויס אַלע „באַיערס״. מאַכט אייער אַרבעט פאַרן זעלביקן פּרייז און מיר וועלן טאָן ביזנעס.

די נייעס איז פאַר די באַלמעלאָכעס ניט געווען קיין איבעראַשונג. שוין אַ פּאָר וואָכן ווי מעז האָט גערעדט וועגן דער שווערער לאַגע אין בראָנזווילער שעפּער. שוין פריער האָט מען אָנגעהויבן באַמערקן, ווי צו כאַנינ׳ען („ס׳באָסל״) קומען אַריין אַלץ ווינציקער באַנדלעך. די זעלביקע גרוסן האָט מען געקראָגן פון אַנדערע שעפּער. די „פּיטערס״ האָבן אָנגעהויבן פעלן אויף האַלבע טעג, אַמאָל אויף גאַנצע. אַלע טאָג האָבן די באַלמעלאָכעס גענומען קוקן אונטער די טישן, לעבן וועלכע די „פּיטערס״ זיינען געשטאַנען — ציילן די באַנדלעך צו זען וויפיל אַרבעט ס׳איז נאָך דאָ. אַ סאַך פון די באַלמעלאָכעס זיינען געווען פאַרזאָרגט: דאָס ביסל לאָזט זיך אויס, די פּאַרנאָסע פאַרשווינדט פון די אויגן. מען האָט זיך דאָך געריכט אויף אַ גוטן סעזאָן, און איצט — פאַר די אויגן האָט מען געזען: עס גייט אַוועק די אַרבעט פון שאַפּ און מיט דעם גייט אַוועק דאָס ברויט פון הויז.

עס זיינען געגאַנגען אַלץ היסערע טעג. די באַלמעלאָכעס האָבן זיך צעגאַרטלט און צעבונדן. דער שוויים איז געלאָפן געדיכטער איבער די לייבער. די רוקנס האָבן זיך געבויגן ריטמישער, ריטמישער ווי ווען־ניט־איז. צום שווערן האַרעווען איז צוגעקומען די שרעק פאַרן באַנדל, די שרעק פאַרן פּוסטן שאַפּ. און בעאיים די באַלמעלאָכעס האָבן גע־האַרעוועט, האָט די צייט דערוויילע געטאָן דאָס אירִיקע. אַרבעט איז געוואָרן ווינציקער און איבער בראָנזוויל האָט מען אַלץ מער גערעדט, און וואָס אַ טאָג זיינען צוגעקומען אַלץ נייע קלאַנגען:

— שלאָיען האָט שוין געשלאָסן זיין „ציזן״.

— שלוימע איין־אויג האָט שוין אויפגעהאַנגען אַ שלאָס.

— באַ גוטער׳ן גייט שוין אויס די קאַטן און ער וועט באַלד פאַרמאַכן זיין „פעקטאָרי״...

די קלאַנגען וועגן די אַלע שעפּער האָבן זיך געמערט און געשמיקט אין האַלז פון די באַלמעלאָכעס. אָט ענדיקט זיך שוין דער פּאָדעס אויך באַ כאַנינ׳ען. און אַלע האָבן זיך געפרעגט: — וואָס וועט זיין? אַלע יאָר איז איצט דער ברען פון סעזאָן און האיאָר זיינען שוין די שעפּער אויסגעליידיקט. ס׳איז געוואַקסן די שרעק און דער אומרו אין

בראָנזוויל און אין אירע שעפּער. „די יוניע", ברודער שאַץ, איז זיך אַרומגעגאַנגען פון איין שאַפּ צום צווייטן, געדרייט דאָס קיטל אַפן בייכל און געזוכט צו באַרואיקן די באַלמעלאָכעס. ער האָט געמיטלעך געשמועסט מיט די באַלעבאַטים און געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— וואָס קאָנען זיי טאָן? ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט. ס'לוינט זיך ניט.

צווישן די באַלמעלאָכעס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גערעדט, אַז מן דאַרף זען „אויסגלייכן". דאָס האָט געהייסן: זיך לאָזן שניידן די סכירעס און עפּשער פאַרלענגערן די שטונדן. די רייד זיינען געקומען ניט דאַווקע פון די אונטערלעקער, וואָס מען קאָן געפינען אין יעדן שאַפּ. עס האָבן אַזוי גערעדט פּאַשעטע ערלעכע באַלמעלאָכעס, וועמען עס האָט געדריקט די שרעק פון פאַרלירן אַ סעזאָן אַרבעט. עס האָט גערעדט אין זיי די אייביקע מוירע פאַרן שטיקל ברויט. נאָר אַזוי ווי פון דער העלער הויט אַרויס האָט מען אין כאַניכ'ס שאַפּ דערהערט דאָס וואָרט: סטרייק!

— מ'עט זיך שוין אָן אַ סטרייק ניט אויסדרייען.

— אַ סטרייק וועט זיי אַ ביסל אָפּקילן.

— מען דאַרף שטירנער'ן אָנבויקערן דיביינער.

— מען מוז איינגעמען די „פעסטונג"...

דאָס זיינען אַלץ געווען שטימונגען און מיינונגען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן. מען האָט דערפילט ווי עס וואַקסט עפּעס אָן אין בראַנזוויל און אין אירע שניידער־שעפּער. אין די טעג, ווען די אַרבעט בא כאַניכ'ען אין שאַפּ האָט שוין געהאַלטן אַט־אַט בא יעציעס נעשאָמע, האָט מען איין נאָכמיטאָג באַמערקט: בא די מאַשינען זיינען נישטאָ — דזשאָסילן, הערי, קערנער, זיידעל. דאָס איז געווען די קאָמיטע פון שאַפּ.

אין יענעם נאָכמיטאָג זיינען די פיר מיט דער הויך־באַן אַוועק קיין ניו יאָרק און האָבן זיך מיטגענומען די „יוניע", ברודער שאַץ. דאָרט אַף בראָדוועי, אינעם האַרץ פון מענער־קליידער־געגנט, איז אין אַ געביידע געווען דער צענטראַל־אָפּיס פון דער מענער־שניידער־יוניאָן. די פיר האָבן זיך געהאַט צונויפגערעדט: מען וועט פאַרלאַנגען

רופן א סטרייק, ווארים ווי די לאגע איז איצט, איז דאס א פאקטישער לאקאוט.

ווען זיי זיינען אריין אין דער געביידע, האט זיך פאר זיי געעפנט א ליפט און זיי א שלעפ געטאן מיט איין צי אפן עלפטן שטאק. זיי זיינען אין איין מאמענט געבליבן שטיין אין א קארידאר, וואס האט געפירט אין פארשידענע ריכטונגען — אי אהין, אי אהער. איבער אלע קארידארן זיינען געווען צעווארפן טירלעך מיט אויפשריפטן: מענעדזשער, טרעיד־באארד, סעקרעטאר, געהילפס־סעקרעטאר, ראק־דעפארטמענט, הויזן־דעפארטמענט, ביזנעס־אגענט, קאסיר און אזוי ווייטער. די „יוניע”, ברודער שאץ, איז באלד פארשוואונדן. דא איז שוין דזשאסלין געווארן דער פירער. ער איז ווי אן אייגענער אריין אין א טירל און באלד ווידער ארויס און געבעטן צואווארטן. אין אייניקע מינוט ארום איז ער ווידער ארויס און מען האט די אלע שאפ־פארשטייער אריינגערופן אין א קעמערל, וואו עס זיינען געזעסן צוויי מענטשן — איינער מיט א שארף רעכט אויג, ארום וועלכן די הויט האט זיך צונויפגעצויגן אין קנייטשעלעך און וואס האט זיך איינגע־שניטן אין די מענטשן, וואס זיינען אריינגעקומען; און דער צווייטער האט געטראגן אויגן־גלעזער און א גוידערל אונטערן מארדע. פון דעם צימער האט א טיר געפירט אין אן אנדער צימער, צי אין א קארידאר ארויס און א גרויסער פענצטער האט ארויסגעקוקט צו א ליכטיקן פאס הימל.

דער מענטש מיט דעם שארפן אויג האט אלעמען באטראכט, א געגעץ געטאן און באלד צוגעטראטן צום איניען:

— איז וואס וועט איר זאגן גוטס?

— מיר זיינען געקומען, — האט זיידעל אנגעהויבן, — וועגן אונזער שאפ . . .

—איך וויים, איך וויים, — האט אונטערגעכאפט דער מענטש מיט דעם שארפן אויג. — איך וויל ווישן, וואס האט איר פארצושלאגן.

— זיי שלאגן פאר א סטרייק בא שטירנער'ן, — האט דזשאסלין אריינגעשטעלט.

דעם „זיי” האט ער ארויסגעזאגט גאנץ שארפלעך, אזוי ווי צו לאזן ווישן, אז ער איז מיט דעם ניט מאסקים, כאטש אפן וועג האט

ער צונעשטימט, אז אַן אַ סטרייק וועט מען זיך ניט אויסדרייען.

— ניין, — האָט אַריינגעשטעלט זיידעל, — מיר האָבן גערעכנט, אַז איר וועט האָבן וואָס פאַרצושלאָגן וועגן דער לאַגע. נאָר אונזער מיינונג איז, אַז מען וואָלט געדאַרפט אַ סטרייק אין בראָנזוויל.

— אַ סטרייק אין אַלע שעפּער, — האָט הערי אַריינגעשטעלט. — ס'איז דאָך קימאַט אַ לאָקאַוט.

איצט האָט גענומען דאָס וואָרט דער מענטש מיט דעם גוידערל אונטער דער מאָרדע:

— פון אַ לאָקאַוט איז עס נאָך ווייט. וואָלט מען געשניטן אַף בראָדוועי, וואָלט בראָנזוויל געניים.

אינמיטן דערינען האָט דורך דער אַנדער טיר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ עפּעס אַ הויכער מאַן מיט אַ רויטלעך פראַנצויזיש בערדל, האָט אַ וואונק געטאָן דזשאָסלינ'ען, וועלכער איז באַלד פאַרשוואונדן נאָך אים. דער מאַן מיטן גוידערל האָט דערווייל פאָרגעזעצט:

— איך וואָלט געראָטן צונויפרופן די באַלעבאַטים און מיט זיי דורכקומען. מען קאָן געפינען אַן אויסוועג, איידער מען רעדט וועגן אַ סטרייק.

— אָבער וואָס פאַר אַן אויסוועג? — האָט זיידעל געפרעגט.

— דערווייל ווייס איך ניט, נאָר מען וועט זיך דורכריידן, וועט מען זען.

קערנער איז דאָ אין אָפיס געווען ניט צום ערשטן מאָל, כאָטש באַ אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען איז ער פריער קיינמאָל ניט געווען. האָט עס אַף אים געלאָזט דעם איינדרוק, ווי דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז ווייט און הויך איבער די שניידער אין די שעפּער. דאָרט אין בראָנזוויל קלאָפּן הערצער אין שרעק פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג און דאָ רעדט מען זיך אַזוי געמיטלעך, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרניט געשטאַנען אין קאָן. ווען ער האָט דערהערט די ווערטער: „דערווייל ווייס איך ניט", האָט אין אים זיך עפּעס אָפּגעריסן.

— וואָס הייסט איר ווייסט ניט, — האָט ער זיך אַריינגעמישט. — איר דאַרפט יאָ וויסן. אויב עס איז דאָ אַן אויסוועג, טאָ לאָמיך אויך וויסן. אויב ניט — לאָמיר אים געפינען צוזאַמען.

— וועל, — האָט דער מענטש מיט דעם שאַרפן אויג אַ זאָג

געטאָן, — „אי׳ל טעל יו״. די בראָנזווילער „קאָקראָוטשעס״ — אזוי האָט מען אין אָפיס גערופן די קאָנטראַקטאָרס, כאָטש כאַניג׳ס שאָפּ איז געווען גאָר אַ גרויסער — קאָן מען צעקוועטשן איינס און צוויי און עס וואָלט געווען אַ מיצווע — מיר וואָלטן דאַן געהאַט עמעסע שעפּער. אָבער איצט איז ניט די רייד פון דעם. איצט דאַרף מען זוכן, אַז די באַלמעלאָכעס זאָלן קאָנען אַרבעטן, און קיין סטרייק וועט דאָ ניט העלפן. „ווי׳וו גאָט טו ביט שטירנער עט היז אָון געים״... ער האָט געהאַט „ריאַדזשאָסטמענט״, וועלן מיר אויך איינפירן „רי־אַדזשאָסטמענט״...

דער מענטש מיטן שאַרפן אויג האָט, ווייזט אויס, אומיסטן אַרויס־געגעבן וואָס די יוניאָן פּלאַנעוועט, ווייל די גאַנצע צייט וואָס ער האָט גערעדט האָט זיין רעכט אויג פּאָרזיכטיק געפּאָרשט די פּעניםער פון די באַלמעלאָכעס, וואָס זיינען געזעסן קעגן אים. באַלד נאָך זיינע רייד האָט זיידעל זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ס׳הייסט — פּאָשעט איינפירן אַזאַ שקלאַפעריי ווי בא שטיר־נער׳ן — נאָכגעבן אַלץ וואָס זיי ווילן.

— ס׳איז ניט אַזאַ שקלאַפריי ווי איר מיינט, און סיי־ווי זעט דאָס אויס צו זיין דער איינציקער אויסוועג, — האָט זיך אָנגערופן דער מענטש מיט דעם גוידער אונטער דער מאָרדע.

— און ווי איז, אַז די באַלמעלאָכעס אין בראָנזוויל וועלן ניט איינגיין, אַז זיי וועלן ניט מאַסקים זיין? — האָט הערי געפרעגט.

— איך בין שוין ניט מאַסקים, — האָט אַריינגשטעלט קערנער.

ביידע, דער מענטש מיט דער טאָפּלטער מאָרדע און דער מענטש מיטן שאַרפן רעכטן אויג, האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ בליק. דער ערשטער האָט געענטפערט:

— דאָס, זעט איר, איז שוין אַ פראַגע, וואָס מען דאַרף לייזן. די באַלמעלאָכעס וועלן מאַסקים זיין, ווען זיי וועלן פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

אינמיטן דערינען האָט דער מענטש מיטן שאַרפן רעכטן אויג געשטעלט די פראַגע:

— ווער איז אייער שאָפּ־טשערמאַן?

ער האָט עס געפרעגט אין א טאָן ,ווי ביז איצט וואָלט ער ניט געוואוסט מיט וועמען ער רעדט, און גלייכצייטיק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערקונדיקן וועמען ער קאָן אָנפאַרטרויען די שווערע פּאַראַנט־וואָרטלעכע רייד, וואָס ער קלייבט זיך אַרויסזאָגן. ווען מען האָט אים געזאָגט ווער דער טשערמאַן איז, האָט ער זיך געווענדט צו זיידעל'ן:

— הערט נאָר, ברודער שאַפּ־טשערמאַן: איר וועט פאָרן צוריק אין שאַפּ, צונויפנעמען די באַלמעלאָכעס צו א שאַפּ־מיטינג און זיך מיט זיי דורכריידן. זאָגט זיי, אַז די יוניע האַלט, אַז דאָס איז איצט דער בעסטער אויסוועג. איצט געבן א „פּאַיט״ שטירנער'ן קאָן מען ניט. ערשטנס, איז דאָ מיט אים א קאָנטראַקט; צווייטנס — שניידט מען ניט אָף בראָדוועי. די באַלמעלאָכעס וועלן זיין גרייט צו אַרבעטן, אויב זיי וועלן פילן, אַז מען שניידט אָף בראָדוועי.

אזוי פּראָסט האָט ער זיך אָפּגערעדט און מיט אזא זיכערקייט, ווי ער וואָלט געפילט, אַז הינטער אים שטייט די גאַנצע יוניע און אין אים אַליין איז פאַרקערפּערט די גאַנצע כּאָכמע פון טרעיד. אינמיטן זיינע רייד זיינען פון דער צווייטער הינטערשטער טיר אריין דזשאָסלין און די „יוניע״, ברודער שאַץ. דער מענטש מיטן רויטלעכן בערדל איז געבליבן ערגעץ דאָרט אין א צימער צווישן די קאָרידאָרן. ברודער שאַץ האָט באַלד צוגעשטימט צום פּלאַן פונעם מענטשן מיטן שאַרפן רעכטן אויג און דזשאָסלין האָט איינגעהאַלטן זיין מיינונג.

— כ'ווייס ניט, — האָט ער געזאָגט צווייַדייטיק. — ס'ווענדט זיך וואָס די באַלמעלאָכעס וועלן דענקען וועגן דעם.

:: :: ::

באַם אריינגאַנג צום ליפט זיינען פון דאָרט מיט פוריע, אזוי ווי זיי וואָלט געהערט די גאַנצע געביידע, אַרויס צוויי יונגעלייטלעך, פּראַנטלעך, אין העלע קאָסטיומען מיט ליכטיק־געבלימלטע קראַוואַטלעך אָף צאַרט־ווייסע זיידענע העמדער. הערי האָט קערנער'ן א דריק גע־טאָן דעם עלנבויגן. קערנער האָט געכאַפּט א גוטן קוק אָף זיי און הערי האָט אים איינגערוימט אין אויער אריין:

— דאָס זיינען זאַלמען גאָרגל'ס זינדלעך...

ער האָט אַ מינוט געקוקט נייגעריק און דערנאָך אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

ווען זיי זיינען אַרויס פון דער געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען דער צענטראַלער יוניאָן־אָפיס, האָט איבער בראָדוועי זיך געטראָגן אַ שטויביקער ווינט. שטיקער פּאַפּיר און גערדיכטער שטויב האָבן זיך געווירבלט אין דער לופטן, געפאַלן אין אַלע זייטן, זיך אָנגעשלאָגן אין פענצטער פון געשעפטן, אין טראַמוואַי־שויבן, אף מענטשן. עס האָט זיך דערהערט פון ערגעץ נאָענט אַ דונער — באַלד אַ בליץ. זיידעל, הערי, דזשאָסלין און „די יוניע" זיינען אַנטלאָפן צו דער סאָבּ־וועי. קערנער איז געבליבן דאַון־טאַון. ער איז אין שטורעם־ווינט, צווישן דונערן און בליצן, אוועק אין דער ריכטונג אַרויף־צו, צו צוועלפטער, דרייצנטער און פערצנטער גאַסן. ער איז געגאַנגען האַסטיק. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַפן פּאָנים אַ שאַרפער נאַסער טראָפּן, באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער. באַלד האָט אַ דונער אַ קראַך געטאָן, אַ בליץ האָט אַ שנייד געטאָן די לופט — ס'איז געוואָרן פינצטערער און פינצטערער. עלעקטרישע שילדן האָבן זיך צעלויכטן, וויטרינעס אויס־געפּוצטע מיט מענער־קאָסטיומען האָבן העלער געשיינט; גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך אָנגעצונדן — אַלץ גערדיכטער האָבן שווערע טראָפּנס גע־בליאַסקעט פאַרביי ליכט פון לאָמפּן, שילדן און וויטרינעס.

קערנער האָט אף אַ וויילע פאַרהאַלטן זיין טראָט, באַלד ווידער אָנגעהויבן גיין שנעלער. די הימלען האָבן זיך ערשט צעשפּילט — איין דונער נאָכן צווייטן, נאָכאַנאַנדיקע בליצן, שווערע טראָפּנס פאַלן, פאַלן און ער גייט מיט אַנטבלויזטן, העלן קאָפּ איבער בראָדוועי. באַלד האָט אַ קראַך געטאָן, מיטאַמאָל, אַזוי ווי פון איין שטיק, אַ שטראָמיקער רעגן. קערנער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַן אַריינגאַנג צו אַ קראָם — אַ ברייטער פאַרצווייגטער אַריינגאַנג פון אַ קליידער־קראָם. ער האָט די קליידער ניט געזען. ער האָט קימאַט קיין זאַך ניט געזען. ער האָט אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'האָט ערשט ניט לאַנג פּאַסירט אין צענטראַלן יוניאָן־אָפיס. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז געקומען באַ אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען אין דירעקטער באַרירונג מיט יוניאָן־פירער. צי איז ער געווען אַנטוישט? צי האָט אים עפּעס וויי געטאָן? פון זיין אויסזען האָט

מען עס ניט געקאָנט דערגיין. עפּעס איז אים אין מויל געווען אַזאַ מאָדנער שלעכטער גערוך — עפּעס האָט אים אינעווייניק געאיבלט. פון וואָס, פון ווען? ער איז געשטאַנען אין אַריינגאַנג צום קראָם. זיינע אויגן האָבן ברייט זיך געריסן צו די פינצטער־געוואָרענע הימלען, צו די שטראָמען וואַסער, וואָס האָבן זיך, בלישטשענדיקע, אין קריש־טאָלענע ריטשקעס געקייקלט פון די הויכע מויערן־ווענט אַף בראָדוועי. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַזוי ווי אַ ריס געטאָן: גיין, גיין! אין גוס רעגן — גיין, גיין! ער איז אַוועק מיט האַסטיקע טריט. דער רעגן האָט געפּלייצט. זיין העלער קאָפּ האָט זיך געצוואָגן אין רעגן־וואַסער, אין קראַגן איז אים נאַס געוואָרן, אין די קני האָט ער דער־פילט אַ נעץ — ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל געבאָפּט, אַז ער גייט אין רעגן. ער איז געבליבן שטיין, זיך אַרומגעקוקט און זיך ווידער אַריינגעכאַפּט אין אַן אַריינגאַנג צו אַ קראָם.

דער רעגן איז אַוועק פּונקט אַזוי ראַש, ווי ער איז אָנגעקומען. מיטאַמאָל האָבן די טראָפּנס אָנגעהויבן פאַלן שיטערער, דערנאָך איינציקווייז און שווער, און באַלד האָט אַ שטאַרקער, טרוקענער ווינט אָנגעיאָגט און עס איז געווען אויס רעגן. ריטשקעס זיינען נאָך געזונען איבערן אַספאַלט — די נאַסע ווענט פון די געביידעס האָבן נאָך גע־גלאַנצט. ס'איז ווידער געוואָרן ליכטיקער אַ ביסל, נאָר די לאָמפּן אַף די גאַסן זיינען שוין אַזוי געבליבן ברענען. קערנער איז געגאַנגען מיט פּערצנטער גאַס — געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער אין זיך, צוגעקומען צו סעקאָנד עוועניו און זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון קאַפעי. באַם אַריינגאַנג האָט ער דאָ שוין געטראָפן בערל זוב. פון אים האָט געשלאָגן אַ רייעך פון בראָנפן. יענער האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט מיט זיין פאַמיליאַרן: „העלאָ באָיעלע, ס'מאַכסטע עפּעס?" קערנער האָט באַ אים געבעטן אַ קעמעלע, צוגעקעמט די האָר און איז אַריין אינעווייניק. בערל איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט און קערנער האָט בייז געזאָגט:

— זופּסט, ברודער, אַזוי ווי דיין מוזע וואָלט געלעגן אינעם פּלעשל.

ס'האָט אים באַלד פאַרדראָסן, וואָס ער האָט דאָס געזאָגט, נאָר ס'איז געווען צו־שפּעט צוריקצוכאַפּן. דער קעלנער איז געווען באַ זיין

זייט. ער איז געווען הונגעריק און ניט געוואוסט וואָס צו עסן. דער איבלדיקער געפיל, וואָס ער האָט געהאַט באַם אַרונטערגיין פון צענטראַלן יוניאָן־אָפּיס, איז אין רעגן ניט אָפּגעוואַשן געוואָרן. ס׳איז אים איצט, נאָכדעם ווי ער האָט געזען דעם האַלב־שיקערן בערל זוב, געוואָרן נאָך איבלדיקער. ער האָט באַשטעלט עסן, און ניט געקאָנט עסן. ער האָט געהייסן ברענגען בראָנפן. ער האָט אַריינגעקערט אַ גלעזל. ס׳האָט אים עפּעס אינעווייניק אַ ריר געטאָן. ער האָט אָנ־געהויבן עסן — אָפּגערוקט, און באַלד באַשטעלט אַ פלאַש בראָנפן.

— צוויי גלעזלעך, קעלנער, — האָט בערל זוב אַריינגעשטעלט.

איצט האָט קערנער געטרונקען מיט בערל׳ען, איינמאָל, אַ צווייטן, אַ דריטן מאָל. ער האָט אַלץ ניט געגעסן. ס׳האָט אים ניט געגומען. נאָר טרינקען האָט ער געוואָלט. ווען ער האָט געענדיקט די פלאַש בראָנפן, איז ער אַרויס. בערל זוב איז אים נאָכגעגאַנגען. שוין צום צוועלפטן מאָל האָט בערל געזאָגט קערנער׳ן: „סראַליק, כ׳וועל דיר לייענען אַ ליד”... און קערנער האָט יעדן מאָל געזאָגט: „ניין — כ׳וויל ניט הערן קיין לידער.” עפּעס האָט ער געוואָלט אָנטאָן שאָדן, צעברעכן עפּעס, זיך צעשלאָגן מיט עמיצן. און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן: ער וועט גיין צו האָדעס׳ן...

ער האָט איבערגעלאָזט בערל׳ען און איז אַוועק — נאָר בערל איז אים נאָכגעגאַנגען, ווייטער אַ ביסל פון אים, נאָר ער איז געגאַנגען. ער איז געווען איינזאַם היינט, בערל, און האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער גייט נאָך קערנער׳ן. קערנער טוט זיך אַ דריי אויס און זעט: בערל גייט. ער איז געבליבן שטיין:

— וואוהין גייסטו, בערל?

— אָ, אַזוי זיך. כ׳וועל דאָ צוגיין צו אַ דאַמע — דו ווייסט ווער זי איז, די האָדעס מערלין, דיין באַקאַנטע...

קערנער איז שוין געגאַנגען מיט אים באַ דער זייט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז האָדעס האָט זיך געקויפט אַן אויטאָמאָביל, אַז בערל האָט זיך צוגעשאַרט צו איר און איינגיכן וועט זי טאַקע אַרויסגעבן זיינס אַ ביכל לידער. ס׳איז אים ווידער געוואָרן פריקרע. ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקער גאַס און זיי זיינען אַריין אין אַ שענק. דער באַלעבאָס האָט זיי אָפּגעגעבן אַ גוטן פלאַץ אין אַ ווינקל

און צוגעשיקט א יונג מיידל מיט א פלאַש וויין און צוביסן. מיטאַמאָל האָבן זיך פייערלעך געשטעלט אין קערנער'ס אויגן.

— ביסט דעם באַלעבאָס' טאָכטער? — האָט ער געפרעגט דאָס מיידל.

זי איז ניט געווען דעם באַלעבאָס' טאָכטער. זי איז געווען אַן אַנגעשטעלטע, וואָס פלעגט דערלאַנגען צום טיש. קערנער האָט זי איינגעלאַדן זיך צוזעצן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף בערל זוב, אויף קערנער'ן, און — זיך צוגעזעצט. זיי האָבן געטרונקען איין פלאַש וויין נאָך דער צווייטער. ווען בערל זוב איז שוין געלעגן מיט שיקערן קאָפּ אויפן טיש, האָט קערנער גענומען דאָס מיידל און זיי זיינען אַרויס פונעם שענק.

:: :: ::

הערי איז געזעסן אין סאַבוועי אַ פאַרטראַכטער אין זיך און קימאַט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז בײַ זיין זייט זיצן זיידעל, די „יוניע", ברודער שאַץ, און דזשאַסלין. אין די פענצטער פון סאַבוועי האָט מיט רוגזע געשלאָגן דער שטורעם־רעגן און ערגעץ נאָענט האָבן דונערן געקנאַלט און אָט דאָ — אָט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — האָבן זיך בליצן געשפּילט. די סאַבוועי איז שוין איצט געווען איבער וויליאַמסבורג בריק און איז געגאַנגען אַ ביסעלע פאָרזיכטיקער ווי געוויינטלעך איבער די הויך־באַן רעלסן. צי האָט הערי'ן דער שטורעם דורכגענומען, צי זיינען אים די בליצן געפעלן — ער איז געזעסן פאַרטראַכט און צו זיינע מיטפאָרער דעם גאַנצן וועג קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אויך די מיטפאָרער האָבן געשוויגן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויף זייער סטאַנציע, איז שוין דער שטורעם געווען אַריבער. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט ניט ווייט אויפן וועג בײַם אַריינפאָרן קיין בראָנזוויל. די דריי זיינען אַראָפּ און הערי איז געבליבן אַליין. ער האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך עפענען בײַ דער צווייטער סטאַנציע. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון וואַגאָן און אַוועק מיט ראַשיקע טריט. ער האָט זיך געדרייט דורך עטלעכע גאַסן און געסלעך, ביז ער איז צוגעקומען צו דער בראָנזווילער שניידער־בירזשע, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע אַרום דעם יוניאָן־אָפיס.

ער האָט זיך אַזוי, ווי ניט אים מיינט מען, אויסגעמישט מיט די אַר־בעטער אַרום און אָנגעהויבן צוליינן אַן אויער. באַלמעלאָכעס האָבן גערעדט וועגן — שטורעם, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן, וועגן דעם, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אַהיים, און אַז — סיי־ווי איז מאָרגן קיין אַרבעט נישטאָ.

— אונזער ברוטגעבער, — האָט איינער געזאָגט, — האָט שוין געהאַט פּלענטי דעם „ציזן". איצט קאָן ער שוין פאָרן אין די „מאַונ־טעינס".

עמיצער האָט דערזען הערי'ן און זיך באַלד נאָכגעפרעגט, וואָס ס'איז געוואָרן אין אָפיס. הערי האָט זייער פאַרזיכטיק געענטפערט:

— גאָרניט איז געוואָרן. וואָס קאָן ווערן? מ'עט זען.

— וואָס הייסט, מ'עט זען? — האָט זיך אָנגעכאַפּט דער פרעגער.

— אונז האָבן זיי אויך אַזוי געענטפערט: „מ'עט זען — מ'עט דורכ־קומען."

— און אונז האָבן זיי געזאָגט, אַז מען דאַרף „ריאַדזשאַסטן", — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

— אונז האָבן זיי אויך געזאָגט דאָס זעלביקע, — האָט הערי געענטפערט, — „ריאַדזשאַסטן".

— „ריאַדזשאַסטן"? — אַזוי ווי זיי וואָלטן ערשטן דערהערט דאָס וואָרט, האָט זיך עס צעטראָגן פון איין גרופּע צו דער צווייטער. איז יעדער גרופּע האָט מען אין דעם אַריינגעלייגט אַן אייגענעם זין. נאָר אַלע האָבן פאָרן וואָרט מוירע געהאַט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ געשפּענסט. דאָ זיינען אַלע געווען באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן דורכ־געמאַכט די האָניק־טעג פון דער יוניאָן, נאָך פאַר דער מילכאָמע, ווען זיי האָבן אין שווערע קאַמפן קעגן די פירער פון די אַלטע „גאַרמענט וואָרקערס" און קעגן די פאַבריקאַנטן אויפגעבויט זייער יוניאָן. זיי האָבן די יוניע ניט אומזיסט געבויט. איר האָט געקאָנט זען צווישן די באַלמעלאָכעס אַ לייטישן קאָסטיום אויף די פּלייצעס — כאָטש ס'איז געווען אַ מיטנוואָכעדיקער טאָג. איר האָט געקאָנט זען מענטשן מיט אַ מענטשלעך פייערל אין די אויגן — מיט אַ באַגער צום לעבן, מענטשן וואָס האָבן אָפּט געגעסן צו דער זאַט. זיי האָבן געוואוסט, וואָס עס הייסט ליידן, וואָס עס הייסט קעמפן און זיי האָבן געוואוסט,

אַז יוניאָן מיינט אַ בעסער לעבן. איצט האָבן זיי מיטאַמאָל דערהערט דאָס וואָרט „ריאַדזשאָסטן“, און פֿאַר זיי איז אויסגעוואַקסן אַ געשפּענסט.

— איז דאָך דאָס גאָר אַזוי ווי אין אַנדערע יוניעס: מען „ריאַדזשאַסטעט“ און דערנאָך בלייבט אַ לאָך אין קעשענע, — האָט אַריינגעשטעלט אַ מיטליעריקער באַלמעלאָכע.

— איך קען אַ קלאָוקמאַכער, — רופֿט זיך אָן אַ באַלמעלאָכע, — האָט מען באַ אים אויך „ריאַדזשאָסטעט“. האָט ער מיר דערציילט, אַז סאָף וואָך האָט ער גענומען נעקאָמע אָן זיין ווייב. זי גייט־צו צו די קעשענעס, אַזוי ווי אַלעמאָל — ערשט — ווייי און ווינד איז מיר, — רופֿט זי זיך אָן, — וואָס האָסטו געטאָן מיטן געלט? — מ'האָט מיך „ריאַדזשאָסטעט“, — זאָגט איר דער קלאָוקמאַכער. מ'האָט דיך — וואָס? — ריאַדזשאַסטעט, — זאָגט ער איר. — אַז ריאַדזשאָסטן זאָל מען מיינע סאָנים זייערע קעפּ, זייער לייב און לעבן — וואו איז די פּעידע? — פֿרעגט זי. פּעידע, — האָט ער איר געענטפֿערט, — גיי נעם אין דער יוניע. און זי איז טאַקע געגאַנגען. וואָס זי האָט זיי דאָרט דערלאַנגט, זאָל עס פֿאַלן אַף אַלע וויסטע פֿעלדער.

די רייד פֿון יעדער באַזונדערער גרופּע זיינען ניט געווען אומזיסט. עס האָט זיך ווי פֿון זיך אַליין גענומען אויסקלאָרן עפּעס באַשטימטעס — עפּעס איז וואָס די באַלמעלאָכעס אַרום האָבן זיך אָנגעכאַפּט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסקלאָרן די זעלביקע שטימונג ווי צווישן די באַלמעלאָכעס פֿון כאַניג'ס שאַפּ: — סטרייק! נאָר ניט אַזוי זיכער. מען האָט ניט געוואוסט וואָס פֿון דעם קאָן אַרויסקומען. מען איז נאָך ניט געווען זיכער, צי עס איז טאַקע נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג. ביז מען האָט דערהערט הערי'ן אַ זאָג טאָן:

— וועט מען דאַרפֿן זיך דורכריידן באַ אַ שאַפּ־מיטינג.

ער האָט עס געזאָגט אַזוי זיך, ווי עס וואָלט געווען אַ רוטין, וואָס די באַלמעלאָכעס מוזן דורכגיין באַ יעדער וויכטיקער געשעעניש אין אַ שאַפּ, אָדער אין דער יוניאָן. נאָר פֿון די ווערטער האָט אַ ווייי געטאָן מיט פֿרישקייט, און טאַקע באַלד האָט זיך אָנגעכאַפּט דער באַלמעלאָכע, וואָס האָט פֿריער דערציילט די מאַיסע מיטן קלאָוקמאַכער:

— אַ שאַפּ־מיטינג, — טאַקע — פאַרוואָס ניט? און פאַרוואָס ניט אַ מאַס־מיטינג פון אַלע בראַנזווילער שניידער?

אַזוי איז אָנגעוואַקסן די אידייע וועגן אַן אַלגעמיינעם מיטינג פון אַלע באַלמעלאָכעס און אַ סאַך פון די שניידער זיינען אַוועק מיטן איינציקן געדאַנק: זען צונויפנעמען אַלע באַלמעלאָכעס. זען, אַז די יוניאָן זאָל רופן אַ מאַס־מיטינג, וואו די אַרבעטער זאָלן זיך קאָנען דורכריידן.

די גרופּעס זיינען זיך צעקראָכן. הערי איז אויך אַוועק אַהיים. ערשט בײַ זיין טיר האָט ער זיך געטראָפן מיטן באַלמעלאָכע, וואָס האָט געגעבן די אידייע וועגן מאַס־מיטינג. ער האָט גענומען הערי'ן באַם עלנבויגן און געזאָגט:

— הערי, ס'איז אַ שווערע לאַגע. מען דאַרף בייקומען גרויסע שוועריקייטן און מען דאַרף זיין זייער פּאָרזיכטיק. די יוניע וועט ניט וועלן קיין מאַס־מיטינג. דעם ערשטן שאַפּ־מיטינג וועלן מיר אָפּהאַלטן, דעם צווייטן האַלט איר אָפּ. בײַ דיר אין שאַפּ איז בעסער, ווי בײַ מיר. דו האָסט כאָטש מענטשן, מיט וועמען צו אַרבעטן.

— הער, כאַים, — האָט זיך הערי אָפּגערופן, — ס'איז אַ שווערע לאַגע אויך בײַ אונז אין שאַפּ. אָבער שוין טעג, אַז מען האָט בײַ אונז געהערט רייד וועגן אַ סטרייק. ס'איז בײַ אונז אַ בעסערער מין באַלמעלאָכע, ווי בײַ דיר אין שאַפּ. נאָר פאַרגעס ניט, אַז בײַ אונז אַרבעט דזשאָסלין און בײַ אונז איז פאַראַן אַבע פּראָצענטניק און מוישע טיפּעש און זאַלמען גאַרגל און נאָך אַזעלכע. און דזשאָס־לין האַלט אויך עפּעס פאַררוקט אין אַרבל.

כאַים, אַ מיטליעריקער באַלמעלאָכע, מיט אַ פּאָר קלוגע, נאָר פאַרזאָרגטע אויגן, מיט אַן עטוואָס געבויגענעם רוקן פון זיצן בײַ דער מאַשין אַ פּאָר צענדליק יאָר, איז אַוועק, אַ ביסל שאַרנדיק מיט די פּיס. הערי איז אַרויף אין הויז. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און באַלד זיך צוריקגעלאָזט. ער איז געלאָפן צו קערנער'ן און אים ניט געטראָפן. ער איז געלאָפן צו סילוויע'ן און ער האָט זי אויך ניט געטראָפן. ווען ער האָט סילוויע'ן ניט געפונען אינדערהיים, האָט אים אינעווייניק עפּעס אַ צופּ געטאָן. ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיטן קאָפּ אין די פּלייצעס און איז זיך אַוועק. נאָר דער געדאַנק, אַז סילוויע איז נישטאָ

אינדערהיים, האָט אים ניט פאַרלאָזט. ער איז אַוועק צו זיידעל'ן. זיידעל איז דאַווקע געווען אינדערהיים. אָבער דאָ איז געווען אַ טרויער אין הויז. זיידעל'ס אינגער קינד, דאָס מיידעלע פון זעקס יאָר, איז קראַנק געוואָרן, זי האָט געקראָגן היץ, און די מאַמע איז אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע. זיידעל האָט זיך געהאַלטן פעסטער, אָבער די זאָרג אויפן פּאָנים האָט ער ניט געקאָנט אויסמיידן. הערי האָט מיט אים אויך ניט גערעדט. ער איז אַרויס אויף דער ברייטער עוועניו און זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן אויפן טראָטואַר. אין קאָפּ איז אים דורכגעפלויגן: דאַווקע איצט, ווען עס לאָזט זיך אויס די אַרבעט אין שאָפּ, דאַרף בײַ אים קראַנק ווערן אַ קינד...

:: :: ::

ס'האָט זיך גערוקט אַ סטרייק אויף בראַנזוויל. ס'איז אויסגעוואַקסן אַזוי ווי פון דר'ערד; ס'איז געקומען אַזוי ווי פון דער לופטן. אויף די „סטופּס" פון בראַנזווילער הייזער האָט מען געפרעגט:

— ס'וועט זיין אַ סטרייק?

האָבן צוויי פרויען געהאַנגען וועש אויף שטריק, האָט מען דורך די פענצטער זיך איבערגעוואָרפן:

— ס'וועט, ווייזט אויס, זיין אַ סטרייק, האָב איך געהערט אין מאַרקעט.

— דער בוטשער האָט געזאָגט, ס'וועט „שור" זיי אַ סטרייק.

צווישן די פּושקאַרטס אויף בעלמאָנט עוועניו האָט מען געקאָנט הערן געשפּרעכן:

— די שניידער גייען אין סטרייק.

— וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז ס'איז סיי־ווי קיין אַרבעט נישטאָ.

האָבן זיך באַלמעלאָכעס באַגעגנט אין גאַס, צי אין לינקאָלן טערעס פּאַרק, האָט מען געפרעגט און געענטפערט:

— נו, וואָס הערט זיך?

— ס'וועט זיין אַ סטרייקל; ס'וועט זיכער זיין אַ סטרייקל...

ס'איז אָנגעוואַקסן דער סטרייק אין בראַנזווילער היימען — דאָ וואו יעדער איינער איז געווען פאַרצווייגט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אין שניידעריי. אין יעדער בראַנזווילער מישפּאָכע איז געווען אַ שניי־

דער — אַ ברודער, אַ טאַטע, אַ טאָכטער, אַ זון, אַ קאָרעוו, אַ באַ־קאַנטער, אַ „באָרדער". די בראָנזווילער שניידער זיינען געווען פאַר־וואָרצלט אין בראָנזווילער היימען, אין בראָנזווילער גאַסן.

דער סטרייק איז אין די בראָנזווילער היימען און גאַסן געקומען נאָך פריער ווי אין דער „יוניע". ס'האָט זיך געהויבן די שטימונג פאַר אַ סטרייק — פון די פאַרמאַכטע שעפּער ארוים, פון היים און גאַס; פון אָנהויב ווי עטוואָס, וואָס איז צעפלאָסן, וואָס מען קאָן ניט אָנטאַפּן, נאָר אַט באַלד איז עס געוואָרן אַ סאָלידע קראַפט, וואָס האָט זיך געבראָכן אין טיר און טויער און זיך פאַרמאָסטן אויף די אומהיימלעכע ווענט און פענצטער פון דער געביידע, וואו עס האָט זיך געפונען די „פעסטונג" פון שטירנער און זין. דער „יוניע" איז געוואָרן אַלץ שווערער אַן שווערער צו צוימען דעם דראַנג צו אַן אַלגעמיינעם מיטינג פון אַלע בראָנזווילער באַלמעלאָכעס — דורך דעם אַלגעמיינעם מיטינג צו אַ סטרייק אין בראָנזווילער שניידער־שעפּער.

זינט יענעם טאָג, ווען די דעלעגאַציע פון כאַנינ'ס שאָפּ איז געווען אין צענטראַלן יוניאָן־אָפיס אויף בראָדוועי, האָט קימאַט יעדער שאָפּ אין בראָנזוויל שוין געהאַט דעלעגאַציעס, און אַלע אין איין אָטעם האָבן געפאָדערט איינס: סטרייק! אַלע האָבן געקראָגן דעם זעלביקן ענטפער און אַלע זיינען צוריק געגאַנגען אַנטוישטע. נאָר דאָ, אין בראָנזוויל, באַ די אויסגעליידיקטע שעפּער, זיינען יעדן אָוונט אָפּגעהאַלטן געוואָרן שאָפּ־מיטינגען און אומעטום האָט מען גערעדט וועגן רעק, קאָטן, ברויט, פאַרנאָסע, וועגן די אויסגעליידיקטע שעפּער, וועגן שטירנער'ס שאָפּ. און אומעטום איז מען געקומען צום אויספיר: אַן אַלגעמיינער מיטינג פון אַלע בראָנזווילער באַלמעלאָכעס, אַ גענעראַל־סטרייק אין בראָנזוויל. דער דרוק איז געוואָרן אַזוי שאַרף, אַז אויך „די יוניע", ברודער שאַץ, האָט צוגעשטימט:

— זאָל זיין אַ דזשענעראַל־מיטינג.

אין די טעג האָט הערי, אַט־דער פאַשעטער באַלמעלאָכע, זיך צעצווייגט. עס איז געוואָרן אַ הונדערט הערים — מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, מיט אַ ברייט־צעעפנט האַרץ. שוין זינט יענעם נאָכמיטאָג, ווען קערנער איז אויף מאָרגן צוריקגעקומען אין שאָפּ מיט אַ קאָפּ־וויטיק, אַ ביסעלע אַן אייגעבויגענער, האָט הערי אָנגעהויבן זיך צעצווייגן. ער

האָט דערזען קערנער׳ס אויסגעלאָשענע אויגן און אים האָט עפּעס אַ צופּ געטאָן אינעווייניק:

— נו, פּאַרט אַן אינטעליגענט . . .

באַ דער ערשטער געלעגנהייט, אַזוי שנעל ווי די באַלמעלאָכעס זיינען ארונטער עסן, האָט הערי זיך באַוויזן באַ קערנער׳ס זייט און אים געזאָגט:

— קערנער, איך האָב אייך נעכטן אַ גאַנצן אָוונט געזוכט. ס׳ווערט היים אַרום די שניידער־שעפּער.

קערנער האָט קוים געגעסן זיין מיטאָג. ער האָט ברייט צעעפנט די אויערן און געהערט הערי׳ן ריידן. און הערי האָט גערעדט און גערעדט: מען דאַרף ניט, מען קאָן ניט איצט פאַרצווייפלען. די באַלמעלאָכעס וואַרטן, קוקן אַרויס אַף אַ וואָרט. קערנער קאָן אַ סאַך העלפן, אָבער פּאָזיטיוו — ניט ציען אַף זיך צופיל אויפמערקזאַמקייט. ניט טרייבן איז קיין טעמפּן ווינקל. און כאָטש קערנער׳ן איז ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, וואָס הערי האָט געמיינט מיט זיין פאַרזיכט און מיטן טעמפּן ווינקל, האָט ער דערפילט ווידעראַמאָל, אַז הערי איז מיט קעפּ העכער פון אים — אַז עס רעדט ניט אַ מענטש, נאָר אַ פּאַרטיי, וואָס איז ערגעץ באַהאַלטן אין אונטערגרונט און זעט דאָך וואָס עס טוט זיך צווישן די אַרבעטער און עס קימערט איר די ליידן פון די פּאַשעטע מענטשן — די באַלמעלאָכעס.

הערי האָט איינגעשטעלט: ער האָט גערעדט מיט סילוויע׳ן — באַשיידן, מענטשלעך האָט ער געפּרוואווט אויסגעפינען באַ איר, וואָס זי טראַכט וועגן דער לאַגע און וואָס זי דענקט צו טאָן. סילוויע, מיט איר געניט פּרוויען־אויג, האָט דערזען הערי׳ס צערטלעכקייט צו איר; זי האָט אין הערי׳ס שטילער שטים דערפילט אַ באַהאַלטענעם ציטער. זי האָט דערפילט, ווי אין אים צאַפּלט אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס. זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און אַזוי ווי אַרויסגעלייענט אַ טאָפּלטן זין — דעם הייסן באַגער צו העלפן מיט עפּעס די אַרבעטער און — זאָל עס מעגלעך זיין? ווייזט אויס, אַז ס׳איז מעגלעך. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און צוגעזאָגט:

— הערי, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, וועל איך טאָן. איך האָף, איר וועט מיר טרויען.

ער האָט געזעגנט מיט נאָך און מיט נאָך. אין יעדן שאַפּ אַ מענטש, צוויי — קלאָר האַלטן דעם קאָפּ, וויסן וואָס מען וויל. ניט לאָזן דער־דריקן די באַלמעלאָכעס, ניט לאָזן ארויסרייסן זייער ביסן, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן מיט אַזויפיל שווערער מי. און קערנער האָט אויך געזעגנט: מיט אַנאַ׳ן, מיט זיידעל׳ן, מיט שלוימקען דעם שוואַרצן, מיט אַ ריי אַנדערע באַלמעלאָכעס. נאָר ניט מיט דזשאָסלינ׳ען, וועלכער האָט זיך אין די טעג געהאַט פאַרשלאָסן אין זיך — איז געווען עטוואָס בייז און צערייצט. עפּשער איבער דער לאַנגע אינדערהיים, מיט זיין יונג ווייבל, וואָס מענטשן האָבן שוין געזאָגט, אַז עס „וואַקסט בא איר ווי אַף הייוון". אַלנפאַלס, דזשאָסלין איז ניט אריין אין כעשבן ניט בא הערי׳ן, ניט בא קערנער׳ן.

:: :: ::

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער פאַרנאַכט פון דעם מיטינג. שניידער האָבן פון אַלע ווינקלען בראַנזוויל זיך געצויגן צום לעיבאָר לאַיסעאום, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ בראַנזווילער גאַס, צווישן קליינע, נידעריקע, הילצערנע הייזלעך, ארומגעצוימטע מיט נידעריקע פּאַרקענד־לעך. די דאָזיקע הילצערנע כאַלופּעס זיינען געווען אַן אָנדענק פון די גאַר־גאַר אַמאָליק „ציגן־יאָרן" פון בראַנזוויל. נאָר דער לעיבאָר־לאַיסעאום גופא איז געווען אַ שיינער, דריי־שטאָקיקער מויער, מיט צוויי ברייטע ארייננאַנגען, מיט גרויסע און קליינע זאַלן, וואו מען האָט געהאַלטן מיטינגען און קאָנצערטן. דער לעיבאָר לאַיסעאום איז געווען דער שטאָלץ פון דער בראַנזווילער ארבעטערשאַפט. אַ סאַך, גאָר אַ סאַך אָנגעווייטיקטע ארבעטער־פראַגן זיינען דאָ פאַרהאַנדלט און געלייזט געוואָרן. אַ סיכסעך מיט אַ באָס, אַ סטרייק, אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע — קימאַט אַלץ האָט אין יענע יאָרן זיך קאָנצענטרירט אין לעיבאָר לאַיסעאום.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די בראַנזווילער שניידער־באַל־מעלאָכעס איז פאָרגעקומען אין דעם גרעסטן זאַל פון דעם לאַיסעאום. עס האָבן זיך געצויגן באַלמעלאָכעס אין זאַל אריין דורך ביידע ברייטע ארייננאַנגען. די וואָס זיינען אָנגעקומען אַ ביסל שפּעטלעך האָבן שוין געמוזט שטיין ווייט אין הינטערגרונט, הינטער די רייען שטולן,

באַ די זייטן, באַ די ווענט אָדער אויף דער גאַלעריע. שוין אין גאַנג פון די באַלמעלאָכייה און אין דעם אויפן ווי זיי זיינען געזעסן — אַט שאַרנדיק זיך אַהין־און־אַהער, — האָט מען געפילט אַ טיפן אומרו; מען האָט געפילט די גרויסע אויסערגעוויינטלעכקייט פון דעם מאָמענט. דער אומרו האָט זיך אויך געפילט אין די בליקן פון די שניידער — אין די ווינקלען פון זאַל, באַ די טירן און באַ דער בינע זיינען גע־שטאַנען זאַלמען גאָרגל'ס זינדלעך און נאָך אייניקע פון זייער מין, — אַלע אויסגעפּוצטע ביז דער שפּיץ־נאָדל.

אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן די „יוניע”, ברודער שאַץ. נאָך אים איז אַרויף דער מענטש מיט די אויגן־גלעזער און מיט דעם גוידערל אונטער דער מאָרדע. נאָך זיי איז געגאַנגען דזשאָסלין. די „יוניע” האָט פון געוואוינהייט געדרייט דאָס קיטעלע אָפּן בייכל און פאַרגעשטעלט דעם טשערמאַן:

— איר קאָנט אַלע ברודער דזשאָסלין. ער וועט פירן דעם היינטיקן מיטינג. איך בעט אַלע זיך פאַרהאַלטן רואיק און אין אָרדענונג.

דזשאָסלין האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן ריידן גיך־גיך, ווי ער וואָלט קיין צייט ניט געהאַט:

— ס'איז אַ וויכטיקע צייט פאַר בראָנזוויל, — האָט ער געזאָגט. — מיר זיינען געקומען פאַרהאַנדלען וויכטיקע לעבנס־פראַגן און מיר מוזן זיי לייזן אָרגאַניזירטערהייט, ניט אין כאַאָס, נאָר ווי עס פלעגן לייזן זייערע פראַגן די גרויסע גייסטער פון דער מענטשהייט . . . מיר זיינען קליינע מענטשעלעך, ניט מער ווי שניידער, אָבער מיר קאָנען לייזן די שווערסטע פראַגן, אויב נאָר מיר זאָלן צולייגן דעם קאָפּ . . . אונז קאָן זיך אויסדוכטן אַמאָל, אַז אונזער קאָפּ איז דער בעסטער, אָבער מיר מוזן אויך באַטראַכטן דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן מענטשן מיט בעסערע קעפּ, מענטשן וואָס קענען דעם טרעיד ניט בלויז אין בראָנזוויל, נאָר איבער גאַנץ ניו יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד. מיר דאַרפן זיך צוהערן צו זיי, באַטראַכטן און זען וואָס מיר קאָנען טאָן. איינעם פון די מענטשן האָבן מיר היינט מיט זיך — דאָס איז דער סעקרעטאַר פון אונזער דזשאָינט באָארד.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט דער מענטש מיט דעם גוידערל אונטער דער מאָרדע און מיט די אויגן־גלעזער. ביז ער האָט זיך אויפ־געשטעלט, איז אין זאַל געווען שטיל. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט מען פון דאָ־און־דאָרט דערהערט אַ פּליעסקען. ער האָט געהאַט אַ וואַזשנע מינע, דער וואָס האָט געדאַרפט ברענגען די בראַנזווילער שניידער אַן ענטפער אַף זייערע אָנגעווייטיקטע פראַגן. ער האָט גע־רעדט לאַנג און צעצויגן. ער האָט זיך ערטערווייז צעוואַרעמט און אפילע דערקלערט:

— אויב עס זאָל אומבאַדינגט נויטיק זיין צו סטרייקן באַ שטיר־נער'ן, וועט מען קאָנען סטרייקן. אָבער ניט איצט — ווען מען שניידט ניט אַף בראָדוועי און מיר האָבן אַן אַגרימענט מיט אים. ווען עס וועט זיך ענדיקן דער אַגרימענט, וועט מען עפּשער דאַרפן אַ סטרייק.

דערווייל האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל זיך פאַרלאָזן אַף די יוניאָן־באַאַמטע. זיי וועלן שוין זען אויסגלייכן דעם סיכסעך אין בראָנזוויל. זאָל מען זיך נאָר ניט קאָכן. אויסגלייכן דעם איניען קאָן מען.

— ווען די באָסעס זאָלן וועלן שניידן די ווערידזשעס, — האָט ער אויסגערופן, — וואָלטן מיר זיי געגעבן אַזאַ „פאַיט", אַז זיי וואָלטן פאַרזאָגט אַ צענטן. זיי אַליין פאַרשטייען, אַז דאָס קאָנען זיי ניט פּויעלן באַ די שניידער. אַלץ וואָס זיי ווילן איז אַ „ריאַדזשאַסטמענט". דאַרף מען זען צי זיי זיינען גערעכט, אָדער ניט. אַלנפאַלס קאָן מען קומען צו אַן אויסגלייך.

בעאיים ער האָט גערעדט, איז הערי געזעסן אין איין ווינקל זאַל, קערנער— אין אַ צווייטן. לעבן קערנער'ן איז געזעסן סילוויע. ניט ווייט פון זיי — זיידעל. באַ זיידעל'ן איז דער פּאָנים געווען בלאַס און ניט־ראַזירט. די לעצטע עטלעכע טעג, וואָס זיין קינד איז קראַנק געווען, האָבן זיך אַף אים געלייגט ווי אַ גרויסע מאַסע. ער איז, דאַכט זיך, פאַרעלטערט געוואָרן אין די טעג. הערי האָט עפּעס געזאָגט סילוויע'ן. סילוויע האָט זיך אויפגעהויבן און ארויסגערופן זיידעל'ן אין קאָרידאָר:

— גייט אַהיים, זיידעל. איר זייט מיד. קערנער האָט געבעטן איר זאָלט גיין אַהיים.

זיידעל איז אוועק. מען האָט געזען אין זיין גאַנג, אַז די פיס ברעכן זיך אים, קוים וואָס ער גייט. סילוויע האָט אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט אַראָפּ די טרעפּ. זי איז צוריק אַריין אין זאַל. דער מענטש מיטן גוידערל האָט שוין געענדיקט זיין רעדע. ווידער איז געווען אַ שיטערער פּליעסקען.

— ווער וויל דעם „פלאָר״?

שטיל. אַזוי ווי אַלע וואָלטן איינגענומען שטומעניש. ווי מען וואָלט זיך געשראָקן אַרויסצורײדן וואָס ס'איז דאָ אויפן האַרצן. זאָל עס זיין די מוירע פאַר זאַלמען גאַרגל'ס זינדלעך? זאָל עס זיין די מוירע פאַרן אָנזען פון אַ גרויסן יוניאָן־באַאַמטן? ווידער פרעגט דער טשערמאַן:

— ווער האָט וואָס צו זאָגן?

הערי האָט זיך אויפגעשטעלט. קעפּ האָבן זיך אַ דריי געטאָן פון אַלע זייטן צו אים, אַזוי ווי ס'וואָלט אַלעמען לייכטער געוואָרן, אַזוי ווי מען וואָלט געוואַרט הערי זאָל זיין דער ערשטער. און הערי האָט גערעדט — שוין ניט אַזוי ווי אַמאָל, באַם שאָפּ־מיטינג, נאָר קלאָר און פאַרשטענדלעך.

— ברידער און שוועסטער, — האָט הערי געזאָגט, — מיר זיינען זיך צונויפגעקומען באַשליסן, וואָס צו טאָן מיט די אויסגעליידיקטע שעפּער. מיר ווילן וויסן ווי אַזוי זיי ווידער אָנצופילן מיט אַרבעט. דאָס דאַרפן מיר באַשליסן היינט אָוונט. דער טשערמאַן איז דעריבער גערעכט, אַז די פראַגע איז זייער אַ וויכטיקע. איך ווייס בלויז ניט ווי אַזוי מען קאָן דאָס דערגרייכן מיט די פאָרשלאָגן, וואָס דער דזשאָינט באָארד סעקרעטאַר האָט געמאַכט.

— וואָס אייגנטלעך הייסט „ריאַדזשאַסטמן״? — האָט הערי גע־פרעגט און באַלד געענטפערט: — דאָס הייסט, אַז פון דער „פּעידע״ נעמט מען טאַקע ניט אַראָפּ. נאָר פאַר דער זעלביקער „פּעידע״ זאָל מען מאַכן אַ דריטל מער אַרבעט — אַזוי פיל ווי מען מאַכט באַ שטיר־נער'ן. כאָטש וואָך וועט מען טאַקע ניט פילן אין פּעי־ענוועלאָפּ קיין אונטערשייד, נאָר סאָף „סיזן״ — יאָ. אַ „סיזן״, לאָמיר זאָגן, וואָס דאַרף האַלטן 15 וואָכן, וועט האַלטן 10 וואָכן. וועט אונז נאָר פּאַשעט

פעלן פינף וואָכן „פעידע". די אַרבעט וועלן מיר האָבן אויפגעניט אין צען וואָכן אָנשטאָט פופצן.

— נאָך אַ זאַך, — האָט הערי געזאָגט. — אויב מיר וועלן „ריאַדזשאַסטן" צו מאַכן פופצן וואָכן אַרבעט אין צען, פון וואַנען ווייסן מיר, אַז שטירנער וועט ווידער ניט „ריאַדזשאַסטן", און וועט ניט אויפהערן שניידן? טאָ לאָמיר באַ זיך אָפּמאַכן, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַנדער וועג. מיר מוזן זאָגן די באַלעבאַטים, שטירנער'ן אַריינגערעכנט, אַז מיר ווילן ניט קיין „ריאַדזשאַסטמענטס". אויב באַ שטירנער'ן איז פאַראַן אַזאַ זאַך — זאָל מען עס צוריקרופן, אָדער אים צווינגען צו צאָלן העכערע פּרייזן. מען קאָן אים צווינגען — בראָנזווילער אַרבעטער ווייסן, ווען מען דאַרף, ווי צו נעמען אַ שאַפּ. זאָל נאָר די דזשאָניט באָארד געבן איר צושטימונג אַראָפּצונעמען שטירנער'ס שאַפּ און די לאַנגע אין בראָנזוויל וועט געסעטלט ווערן.

הערי'ס רייד האָבן געפונען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג באַם עולם. נאָר באַלד נאָך אים האָט דזשאָסלין ווידער געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע און איצט האָט ער שוין גערעדט וועגן דער געפאַר פון אַ סטרייק און האָט דערביי אַריינגעשטעלט אַ ווערטל:

— ערעוו אַ סטרייק און אין צייט פון אַ סטרייק פּלאָדיען זיך פאַר־שידענע שפּיאָנען צווישן די אַרבעטער. דאָס איז די גרעסטע געפאַר. מען דאַרף זיך היטן ניט צו מאַכן קיין איבעראײַלטן שריט.

קערנער'ן האָט אַ ברי געטאָן אין די אויגן — ס'איז אים געוואָרן היים . . . וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד? — אַט־אָט און ער שפּרינגט־אויף. נאָר ער זיצט פאַרט. ניט ווייט פון אים האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַנדער אַרבעטער, אַ פּרעסער. ער האָט געטראָגן וואָנצעס און אַ קליין בערדל. ער איז געווען באַקאַנט באַ די בראָנזווילער באַל־מעלאָכעס.

— ברודער דזשאָסלין, — האָט ער געזאָגט, — האָט זיך פאַר־נומען אַף זייטיקע דראָכים. וואָס פאַר אַ סמיכעס האָפּרשע האָט ברו־דער הערי'ס רייד מיט דעם וואָס מען דאַרף זיך היטן פאַר שפּיאָנען אין צייט פון אַ סטרייק? די פראַגע איז: וואָס זאָל מען טאָן? איך זאָג: — אַ סטרייק! וואָרים וואָס נאָך קאָנען מיר געבן די פאַבריי־קאַנטן? זיי ווילן „ריאַדזשאַסטמענטס" — מיין האַרץ־פּעלער, וואָס

איך האָב זיך אָפּגעשפּאָרט, קאָן איך זיי געבן. מיינע געשוואָלענע פיס פון וויגן זיך אַפן טרעטער קאָן איך זיי געבן. וויפיל איז דער שיר? איך זאָג, אַז אַ סטרייק וועט זיי אויסלערנען...

ס'איז געוואָרן אַ שטאַרקער אַפּלאָוז. מיטאַמאָל איז קלאָר געוואָרן די שטימונג פון בראָנזווילער באַלמעלאָכעס. די אויבערהאַנט האָט גענומען אַן עכט און אויפריכטיק וואָרט. זאַלמען גאָרגל'ס זינדלעך האָבן, דערהערנדיק דעם שטאַרקן אַפּלאָוז, אַנגעהויבן וואַרפן אויגן צו דער בינע — זיי האָבן ניט געקראָגן קיין ענטפער און זיינען געבליבן אין זייערע ווינקלען. דער אַפּלאָוז האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. נאָכן פּרעסער האָבן גערעדט אַ ריי אַנדערע באַלמעלאָכעס. איינער האָט אונטערגעכאַפּט דעם טאָן פון פּרעסער און געזאָגט:

— איך קאָן זיי אָוועקגעבן די ווייטיקן פון זיידעל'ס קראַנקן קינד. אָט זעט: אַן אַרבעטער האָט געאַרבעט, געהאַפּט ער וועט אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט. מיטאַמאָל איז אים אַ קינד קראַנק געוואָרן און וואָס האָט ער? טוט אַ קוק אַף אים. — זיידעל, שטעל זיך אויף, שעם זיך ניט, זאָל מען דיך זען.

נאָר זיידעל איז אין זאַל ניט געווען. עמיצער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַוועק און דער באַלמעלאָכע האָט אוסיגעפירט, אַז די אַרבעטער האָבן זיי אַזוי אויך ניט קיין גליקן און מען טאָר ניט געבן קיין „ריראַדזשאַסטמענטס". „ווייב און קינדער קאָנען ניט עסן קיין ריאַדזשאַסטמענטס", האָט ער פאַרענדיקט.

עס האָט אויך גערעדט קערנער. ער האָט אָנגעהויבן שטיל:

— געבן „ריאַדזשאַסטמענטס"? איך קוק אָפט אַף די שניידער באַ אונז אין שאַפּ און איך זע, ווי עס בויגן זיך זייערע רוקנס. איך זע, ווי זייערע פינגער פליען דורך דער מאַשין. אָפט האָבן זיי קיין צייט ניט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן. צי אַרבעטן זיי ניט גענוג? וואָס נאָך קאָן מען פון זיי פאַרלאַנגען? וויפיל איז דער שיר צו יאָגן אַרבעטער? שטירנער'ס שאַפּ טאָר ניט ווערן קיין מוסטער פאַר די אַנדערע שעפּער. פאַרקערט — די אַנדערע שעפּער דאַרפן ווייזן דעם וועג שטירנער'ס באַלמעלאָכעס.

אַפילע אַ טייל פון שטירנער'ס אַרבעטער, וואָס זיינען דאָ געווען

באַם מיטינג, האָבן הייס געפּליעסקעט אין די דלאָניעס. און קערנער האָט פאָרגעזעצט:

— איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי ברודער דזשאָסלין, וועמען איך אַכט זייער, האָט דאָ גאָר געקאָנט ריידן וועגן שפּיאָנען און דאַווקע, ווען ברודער הערי האָט אָפּגערעדט. אַלע קענען מיר ברודער הערי'ן. מיר ווייסן וואָס פאַר אַן ערלעכער אַרבעטער ער איז.

— ער איז אַ קאָמיוניסט, — האָט עמיצער אויסגערופן.

— דאָס איז באַ אַרבעטער קיין פאַרברעכן ניט, — האָט קערנער געזאָגט, — און ברודער דזשאָסלין האַלט עס זיכער ניט פאַר קיין פאַרברעכן. לאָמיר זיך אַלע פאַרשטיין: מיר ווילן לעבן בעסער, מיר ווילן ניט האָרעווען אונטער אַזאַ סיסטעם, ווי מען האָרעוועט אין דער „פּעסטונג". קאָן אונזער איינציקער ענטפער אין איצטיקן מאָמענט זיין — אַ סטרייק. זאָל שטירנער העכערן די פּרייזן און לאָמיר אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג, אַז אויך די אַנדערע שעפער זאָלן העכערן די פּרייזן. מיר קאָנען דאָס אויספירן, אויב מיר זאָל זיך האַלטן צוזאַמען.

זיין רעדע און אַנדערע רעדעס האָבן אַרויסגערופן אַ הייסן אַפּלאָדז. אַף צו פאַרטיידיקן די פאָרשלאָגן פון סעקרעטאַר פון דער דזשאָינט באָארד איז קימעט קיינער ניט אַרויסגעטראָטן. זאַלמען גאָרגל האָט עפּעס געפּרואווט זאָגן, נאָר מען האָט אים אויסגעלאַכט. אַבע פּראָ-צענטניק האָט זיך געדרייט אַפן שטול אין דער ערשטער ריי, וואו ער איז געזעסן, אָבער קיין וואָרט האָט ער ניט גענומען. ווען עס איז געקומען צו דער אָפּשטימונג, האָט דער טשערמאַן, ברודער דזשאָסלין, געפרעגט:

— ווער ס'איז פאַר די פאָרשלאָגן פון דער יוניע, זאָל "יאָ" זאָגן.

אַ שיטערער „יאָ" האָט זיך דערהערט פון זאַל.

— ווער ס'איז פאַר דעם, מען זאָל אין בראָנזוויל דערקלערן אַ סטרייק, זאָל „יאָ" זאָגן.

אַ דונערדיקער „יאָ" האָט פאַרטרונקען דעם גרויסן זאַל אין לעיבאָר לאַיסעאום — דער זאַל, וואָס האָט שוין געזען אַ הונדערט גרויסע מאָמענטן אין לעבן פון אַרבעטער, האָט אַזוי ווי פון די ווענט אָפּגעענטפערט מיט אַ הילכיקן:

— י־אָ־אָ!

די באַאַמטע מיט דזשאָסלינ'ען זיינען אַ ווײַלע געבליבן אַף דער בינע. זאַלמען גאָרגל'ס זינדלעך מיט זייעריקע האָבן אומרואיק זיך אַרומגעקוקט, געזוכט מיט די אויגן, נאָר זיי זיינען היינט געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט.

:: :: :: .

מיטאַמאָל האָט זיך איבער בראָנזוויל צעטראָגן די נייעס:

— די מענער־שניידער זיינען אַראָפּ אין סטרייק.

— שטירנער'ס שאָפּ, זאָגט מען, וועט אויך אַראָפּ.

— שטירנער'ס שאָפּ וועט ניט גיין.

— מען וועט אים שלעפּן.

ס'איז געווען אַ הייסע נייעס אין בראָנזוויל. אַפילו אין די נאַציאָנאַלע צייטונגען האָט מען געגעבן גרויסע מעלדונגען וועגן בראָנזווילער סטרייק. דעם דריטן טאָג פון סטרייק זיינען שוין צוויי הונדערט באַלמעלאָכעס פון שטירנער'ס שאָפּ געווען אין סטרייק. מער ווי אַ העלפט איז געבליבן באַ דער אַרבעט. אַ טייל האָבן ניט געסטרייקט, נאָר גלאַט זיך ניט געוויזן. באַ דער דזשאָינט באָארד האָט מען געפּויעלט, זי זאָל אינדאָרסירן דעם סטרייק. נאָר ניט טשעפּען שטירנער'ס פאַבריק אַף בראָדוועי, האָט זי אָנגעזאָגט. דאָס איז אַ לאָקאַלער סטרייק און מען דאַרף ניט טשעפּען די בראָדוועיער מאַנופעקטשורערס. נאָר דער יוניאָן־צוויג פון די צושניידערס (קאַטערס) האָט דעם סטרייק ניט אינדאָרסירט. דאָס האָט די לאַגע פיל שווערער געמאַכט, ווייל די צושניידער האַלטן די סאַמע צענטראַלע פּאָזיציע אין שניידער־פאַך. צוליב דעם זיינען טאַקע די צושניידער פון שטירנער'ס שאָפּ — מיט קליינע אויסנאַמען — געבליבן באַ דער אַרבעט.

סיי־ווי — בראָנזוויל איז געווען אַרומגעכאַפּט מיטן סטרייק. דזשאָסלין איז אין דעם סטרייק אַרומגעלאָפן מיט אַ סוידעספּולער מינע, זיך געשושקעט מיט דער „יוניע", ברודער שאַץ, מיט די אַנדערע יוניאָן־באַאַמטע. באַ זיין זייט האָט מען אַלעמאָל געזען דעם מאַן, וואָס קאָן, דאַכט זיך, ברעכן שטאַבעס אייזערנע, און אַ פּאָר מאָל האָט מען געזען אַפילו שאַמשע'ן אַליין. ווען די ערשטע צוויי הונדערט

באַלמעלאַכעס פון שטירנער'ס שאַפּ זיינען אַרונטער אין סטרייק, איז דזשאָסלין אַרומגעגאַנגען מיט אַ געהיימניספולן טריאומפירנדיקן שמייכל אויף די ליפּן. קערנער האָט אים געזאָגט:

— דזשאָסלין, איר מיינט טאַקע אויף אַן עמעס, אַז זיי זיינען אַראָפּ דערפּאַר, וואָס מען האָט נעכטן צורעכט געמאַכט אַ סקעב?

— ניין, — האָט דזשאָסלין געענטפערט מיט אַ שמייכעלע. — דאָס איז דערפּאַר, וואָס אייער זיידע האָט געזאָגט טילים...

און זיינע אייגעלעך האָבן באַם ענטפער געוואָרפן פייַלעכלעך דורך די ברילן.

אַפילו אין דער ערשטער וואָך פונעם סטרייק איז געווען אַ סיכסעך צווישן דער „יוניע" פון איין זייט און הערי'ן, זיידעל'ן און קערנער'ן — פון דער צווייטער. די „יוניע" האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גענוג אַ שטאַרקע קאָמיטע אַרום שאַפּ. דזשאָסלין האָט געהאַלטן מיט דער „יוניע". הערי, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף די שניידער אַרויספירן אַרום דער „פּעסטונג".

דעם ערשטן טאָג אין דער צווייטער וואָך פונעם סטרייק זיינען אַרום דער „פּעסטונג" אַרויס די בראָנזוויילער באַלמעלאַכעס. אין דער ערשטער ריי זיינען געגאַנגען די אַרבעטער פון כאַנין'ס שאַפּ.—כאַנין'ס שאַפּ, האָט געזאָגט די „יוניע, ברודער שאַץ, נאָכדעם ווי מען האָט באַשלאָסן אַרויספירן אַלע שניידער אויף דער פּיקעט־ליין, — כאַנין'ס שאַפּ דאַרף מען ניט פּיקעטן. זיינען דאָ טאַקע געווען קערנער און זיידעל און הערי און שלוימקע דער שוואַרצער — אַלע באַל־מעלאַכעס אויסער איניקע געציילטע, פון אַבע פּראַצענטניק'ס כאַפּטע.

און אָט איז שוין האַלב נאָך זיבן אינדערפרי. שטירנער'ס אַר־בעטער קומען אַלץ געדיכטער און געדיכטער. זיי זעען: דער שאַפּ איז אַרומגענומען מיט אַ מענטשלעכער קייט. די מערסטע שליסן זיך אָן אָן דער פּיקעט־ליין. אַנדערע גייען אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. און אָט נעמט זיך צונויף אַ גרופּע קאַטערס — זיי גייען. זיי ווילן דורכרייסן די קייט. הערי און זיידעל זיינען אין פאָדערגרונט:

— שטייט! צוריק!

די גרופּע הויבט אָן שטויסן, אָנגרייפן. בלויע רעק הויבן אָן אַר־בעטן מיט די דובינקעס:

— גייט זיך פאַנאַנדער!

עס דערהערט זיך אַ הילכיקער קנאַק אין אַ מאָרדע. אַ קאַטער, אַ סקעב, באַגיסט זיך מיט בלוט. דערלאַנגט האָט אים דאַווקע אַ צווייטער קאַטער פון אַן אַנדער שאַפּ. שלוימקע דער שוואַרצער פון כאַנינ׳ס שאַפּ כאַפּט אָן אַ סקעב באַם גאָרגל:

— דו סאָן אָוו אַ ביטש — סקעבן ווילט זיך דיר? — ער גיט דעם סקעב אַ שטויס און יענער לויפט אויף דער צווייטער זייט גאַס. דאָ רוקט זיך אונטער אַ פּאָליסמאַן און — טראַך, טראַך מיט דער דובינקע שלוימקע׳ן איבערן קאָפּ.

סילוויע טוט אַ שפּרונג־צו — וואו האָט זיך צו איר גענומען אַזויפיל מוט? — הויבט־אויף די האַנט און דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן איין פּראַסק נאָכן צווייטן. ער כאַפּט זי. זי טוט זיך אַ ריס. איר בלוזקע איז אַראָפּגעפּליקט. עס טוט אַ פינקל אַ ליכטיק־שטייפע ברוסט אין דער פרימאָרגן־זון. מיט איין האַנט דעקט זי זיך צו און מיט דער צווייטער האַנט, בעאיים זי שרייט, דערלאַנגט זי דעם פּאָליסמאַן — שלאָגט זיך מיט אים.

קערנער איז געלאָפן אין איר ריכטונג. אָבער דאָרט איז שוין געווען הערי. ער האָט אַ ריס געטאָן באַם פּאָליסמאַן די דובינקע, אים אָנגעכאַפּט פון הינטן פאַר דער טשופּרינע — דאָס היטל האָט זיך שוין פון פריער געוואַלגערט אין גראָבן — און אַ זעץ געטאָן מיטן קלאָב גלייך אונטערן אויער. דאָ האָט אַ צווייטער פּאָליסמאַן דערלאַנגט הערי׳ן מיט דער דובינקע איבערן שטערן, איין זעץ, נאָך איינעם, אַ דריטן — הערי איז שוין געלעגן אַן אויסגעצויגענער, אַ צעבלוטיקטער.

די גאַס אַרום דער „פעסטונג״ האָט געברויזט. אין אַלע ווינקעלעך און אינמיטן גאַס — געשלעגן. קערנער האָט דערזען אַ סקעב וויל דורכרייסן די מענטשן־קייט פּונקט דאָרט, וואו אַנאַ גייט מיט נאָך צוויי מיידלעך אין דער ריי. ער איז צוגעלאָפן און פאַרשטעלט דעם וועג. יענער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער — אַ קורצן, אָבער אַ שפּיציקן, און פאַרמעסט קערנער׳ן גלייך צום האַלז. קערנער האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט — מער ווי אַ קליינעם שטאָך אויף דער קין האָט ער ניט געקראָגן — אָבער די

האנט באַם סקעב האָט ער אַ דריי געטאָן מיט אַזאַ קראַפּט, אַז יענער האָט אַ קרעכץ געטאָן און אַרויסגעלאָזט דאָס מעסער אַפן טראָטואַר. אַנאַ טוט אַ כאַפּ דאָס מעסער, גיט עס איבער אַ מיידל און צעשרייט זיך:

— אַך, דו סקעבּאַטש! איך קען דיך דאָך — אַ מעסער גאָר ?!

און זי האָט אָנגעהויבן מיט אירע קליינע הענטלעך פּראַסקען אָן אויפהער. אַזוי ווי דריבנע האָגל זיינען אירע פּעטש געפאַלן. דער סקעב האָט זיך פאַרלוירן און גענומען לויפן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס גרילצן פון אַ פּאָליציייאישן פּאַטרול־וואָגן. מען האָט אהין אריינגעפּאַקט אַ אָנדערהאַלבן צענדליק אַרבעטער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען סילוויע און באַים, דער באַלמעלאָכע וואָס האָט אַף דער שניידער־בירזשע דערציילט די מאַיסע מיטן קלאָוקמאַכער. הערי'ן האָט מען נאָך פריער צוגענומען אין אַן אַמבולאַנס.

יעדן טאָג האָט מען אין לויף פון עטלעכע וואָכן דורכגעפירט אַזעלכע „פּאַראַדן" באַ שטירנער'ס „פעסטונג".

(פינפטער קאַפּיטל)

די רעוואָלוציע גייט...

איבער ברוקלין איז געשטאַנען אַ הייסע, סאַף־זומערדיקע, טרוקענע זון. פון באַנאַכטיקן שטורעם־רעגן איז איצט קיין שפור ניט געבליבן. אַף די גאַסן האָבן די פיס זיך איינגעפּרעסט אין דער סמאָלע, וואָס איז ווייך געוואָרן אונטער די זון־שטראַלן; אַף די טראָטוארן האָט דער הייסער אַספאַלט געברענט די פיס דורך די פּאָדעשוועס פון די שיך. עס האָט זיך געהויבן אַ שטויב באַ יעדן טראָט. דער שטויב האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעזעצט אַף די שויבן־ראַנדן פון די געשעפטן אַף ברוקלינער בראָדוועי און אַף די רעשטאָוואַניעס פון בראָדוועיער הויך־באַן־רעלסן.

קערנער און הערי האָבן געשפּאַנט איבער ברוקלינער טראָטואַרן — געשפּאַנט מיט מידע פיס. אונטער די רעשטאָוואַניעס פון הויך־באַן האָבן זיך צעלייגט קעסטלדיקע אוזאָרן פון זון־און־שאָטן; האָט זיך דורכגעטראָגן אַן „על", האָט ער פון אויבן, אַף אַ שטיקל גאַס, פאַרשטעלט די קעסטעלעך און עס האָט אויסגעזען ווי די אוזאָרן לויפן נאָך דער הויך־באַן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָניאָגן זייער כיעס און ניט געקאָנט דעריאָגן.

ווי פאַרמאַטערט קערנער איז געווען, האָט ער זיך דאָך אָפּגעשטעלט באַוואונדערן די שפּיל פון ליכט־און־שאָטן אונטער די אייזערנע רעשטאָוואַניעס.

— זעט ווי שיין, — האָט ער אָנגעוויזן הערי'ן מיט דער האַנט אַף דעם געלאַף פון אַ זוניקער רעשעטע.

הערי האָט גאָרניט געזען און זיך געוואונדערט, פון וואָס קערנער ווערט ניספּאָעל. די שווערע מאַסע, וואָס ער האָט די לעצטע וואָכן

געטראָגן צוזאַמען מיט קערנער'ן און זיידעל'ן, האָט אים ערנסטער גע־מאַכט, פאַרטראַכטער. באַלד נאָכדעם ווי מען האָט געשליכטעט דעם סטרייק אין שטירנער'ס און אין די אַנדערע בראָנזווילער שעפּער, האָט ער, ווען ער פלעגט זיך מיט קערנער'ן באַווייזן אין גאַס, געהערט זאָגן צווישן באַלמעלאָכעס:

— די רעוואָלוציע גייט...

דאָס איז געווען אַמאָל גוטמוטיק, אַמאָל בייזוויליק און אַמאָל אַזוי זיך — אַ שטאָך. די באַלמעלאָכעס זיינען גאָרניט געווען צו־פרידן מיט „סעטלמענט" אין די שעפּער. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט:

— אָפּגעצעטלט, אַ בראָך נאָך זיי.

— אַז צעטלען זאָל זיי אין די קישקעס.

דאָס איז געגאַנגען אָפּן אַדרעס פון דער „יוניע", וואָס האָט גע־שליכטעט דעם סטרייק. נאָכדעם האָט מען הערי'ן און די אַנדערע אָפּט צוגעוואָרפן:

— אַז צו וואָס האָט מען עס איינגאַנצן געדאַרפט?

— מען האָט דען עפּעס געוואונען?

— אַז ניט האָט מען ניט געוואוסט, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?

דאָס זיינען געווען שווערע טעג נאָכן סטרייק — ספּעציעל שווער פאַר די באַלמעלאָכעס פון כאַנין'ס שאַפּ. נאָך צוויי טעג איידער די „יוניע" האָט „געצעטלט" דעם סטרייק באַ שטירנער'ן און אין גאַנץ בראָנזוויל, האָט מען זיך מיטאַמאָל דערוואוסט:

— ס'באָס האָט איבערנאַכט איינגעפּאַקט די מאַשינען און איז אויסגערונען.

כאַנין'ס שאַפּ איז ניט געוואָרן, בעאיים די באַלמעלאָכעס פון זיין שאַפּ זיינען מיט לייב־און־לעבן געווען אַריינגעטאָן אַרום דער „פּעס־מונג" פון שטירנער און זין. ס'באָס איז פאַרשוואונדן, די מאַשינען זיינען פאַרשוואונדן. געבליבן זיינען פיר הוילע ווענט און אַ סאַך שמוץ אָפּן דיל. די באַלמעלאָכעס זיינען געבליבן „יעסוימים".

אין יענע טעג האָט זיך צווישן די באַלמעלאָכעס פון כאַנין'ס שאַפּ געשטעלט אַ שטיקל דעמאָראַליזאַציע. באַטש דער שאַפּ־מיטינג

האָט געהאַט באַשלאָסן אויסצוזוכן דעם שאַפּ, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, זיינען זיי דאָך אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן צעקראָכן קימאַט אַ העלפט פון די באַלמעלאָכעס. זיי האָבן זיך אויסגעזוכט שעפּער און זיינען אַוועק אַרבעטן.

הערי, קערנער, זיידעל, שלוימקע דער שוואַרצער, סילוויע, אַנאַ, דזשאָסלין זיינען געבליבן מיט די באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן ניט גע־קראָגן קיין אַרבעט אין קיין אַנדערע שעפּער. זיי האָבן טאָג־און־נאַכט געזוכט כאַנינ׳ס שאַפּ. זיי האָבן געהאַלטן אין איין פאָרשן, אין איין אָפּקלאַפּן די טירן פון דער צענטראַלער „יוניע״:

— זאָלן די קאַטערס זאָגן, וואוהין מען פירט כאַנינ׳ס געשניטענע אַרבעט.

נאָר דאָ האָט קיינער קיין ענטפער ניט געהאַט. מען האָט פון די קאַטערס געקראָגן אַ צוזאָג: היינט, מאָרגן. אַזוי זיינען אַוועק אַ סאַך מאָרגנס. לאַנגע וואָכן זיינען אַוועק און כאַנינ׳ס שאַפּ איז נישטאָ. דאַרף זיך מאַכן איין טאָג, גאַנץ פרי נאָך, זיצן קערנער און הערי אין יוניאָן־אָפּיס און וואַרטן אָפּ אַן ענטפער — וואו איז אַהינ־געקומען דער שאַפּ? — וואַרטן און דערוואַרטן זיך ניט, —לויפט אַריין, אַ פאַרסאָפּעטער, שלוימקע דער שוואַרצער, כאַפּט אָן קערנער׳ן מיט הערי׳ן:

— קומט, כ׳האָב עס! ס׳איז דאָ!

אַליין איז שלויקע אַוועקגעפאָרן קיין בראָנזוויל: „כ׳דאַרף מיין ווייב און קינד נעמען קיין קוני איילאַנד״, — האָט ער זיי געזאָגט. זיי ביידע זיינען אַוועק אָפּן אָנגעגעבענעם אַדרעס, האָבן באַטראַכט די געביידע פון אַלע זייטן און זיינען אַוועק צוריק מיט בראָדוועי אין דער ריכטונג פון בראָנזוויל. זיי זיינען איצט געגאַנגען מידע, אָבער צופרידענע. הינטער זיי זיינען געגאַנגען וואָכן פון שווערער אָנ־שטרענגונג, פון צאַר און אַגמעס־נעפעש. אַ שאַפּ מיט מענטשן זיינען געוועזן ווי אָפּן וואַסער — אָן אַ ציל, אָן אַ האָפענונג, מיט אַ פאַר־לאָרענעם סעזאָן אַרבעט. נאָר פאָראויס האָט זיי דער וועג אויסגעזען ליכטיק: זיי האָבן געפונען דעם שאַפּ. זיי האָבן מיט וואָס צו קומען צום מיטינג פון דער שאַפּ־קאָמיטע. זיי ברענגען צוריק כאַנינ׳ען.

ס'איז שוין געווען ווייטלעך אריבער האלבן טאָג, ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין בראָנזוויל. אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אריבערגעשפּאַנט די גרענעץ־ליניע פון דער ברייטער לופטיקער פּאַרקוועי, איז אַזוי ווי די מידקייט וואָלט פאַרשוואונדן פון זייערע פיס. זיי האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען מיט לייכטערע טריט. בראָנזוויל איז פאַר זיי געלאָפן פאַרויס א באַגאַסענע מיט העלער זון און — מיט שוויים. אויף דער ברייטער עוועניו האָבן מענטשן, אָפּגעלאָזענע פון היץ, זיך געווישט מיט טיכלעך דעם שוויים פון ארום די העמדער־קאָלנערס; פרויען האָבן זיך גע־פאָכעט מיט קליינינקע טיכעלעך — אָפּווייען א ביסל די היץ. בעאיים מאָיכע האָבן זיי געכאַפּט א בליק אין שויפענצטער פון די געשעפטן.

קערנער און הערי האָבן, שפּאַנענדיק, יעדע ווײַלע געענטפערט אויף באַגריסונגען. דאָ האָט מען זיי געקענט, דאָ האָבן זיי אַנדערע געקענט. אויף זייערע פּנימער האָט איצט זיך געמיניעט אַן אומרואיקע רואיקייט, ווי בא מענטשן אין דערוואַרטונג פון עפּעס. אין גאַנג האָבן זיי, דאַכט זיך, ניט געהערט קיין באַמערקונגען אויף זייער כעשבן. נאָר פון א פּאָנעם דאָ־און־דאָרט האָבן זיי ווידער אראָפּ־געלייענט די באַמערקונג, וואָס האָט זיך אַזוי ווי געשפּאַרט דורך די ליפּן:

— די רעוואָלוציע גייט!

קערנער'ן איז שוין איצט ניט אַזוי ענג געוואָרן אין קראַגן, ווי פריער, באַלד נאָכן סטרייק, ווען ער פלעגט פלוצלונג דערהערן — גייענדיק אַליין צי מיט הערין — דעם צוואַוואָרף:

— שאַ, די רעוואָלוציע גייט!

אַלעמאָל, ווען קערנער פלעגט דערהערן די דאָזיקע באַמערקונג, פלעגט ער זיך אַזוי מאָדנע איינציען אין זיך אריין. ארום האַלז פלעגט אים מיטאַמאָל ענג ווערן, כאָטש ער האָט געמעגט גיין מיט א צעשפּיליעט העמד. דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט און אויפ־געהערט פירן מיטן פינגער ארום האַלז און קראַגן. שוין עטלעכע טעג ווי ער האָט די באַמערקונג ניט געהערט. איצט, קומענדיק פון ברוקלין, אריינקוקנדיק אין די פּנימער פון די דורכגייער, בא וועמען, דאַכט זיך, די באַמערקונג האָט זיך געריסן פון די ליפּן — האָט אים

פארדראָסן פּאַרוואָס זיי שווייגן. ער האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך די באַקאַנטע ווערטער, וואָס פּלעגן אים אַ שטאָך טאָן.

— הערי, — האָט ער זיך אָנגערופן. — אָט גייען מיר איבער דער גאַס און קיינער זאָגט אונז ניט: — די רעוואָלוציע גייט!

הערי האָט זיך צעלאַכט:

— מ׳עט נאָך אַמאָל זאָגן... מיט פולע באַקציינער. וואַרט נאָר, מיר׳ן קומען צווישן די פּושקאַרטס, וועלן מיר הערן אַלט־באַקאַנטע מוזיק...

זיי זיינען ניט דערגאַנגען ביז די פּושקאַרטס. אויף אַ ווינקל גאַס, ניט ווייט פון יוניאָן־אָפיס, האָבן זיי געטראָפן דזשאָסלינ׳ען. דזשאָס־לין האָט שוין פון אַלעם געוואוסט. שלוימקע איז פאַרלאָפן אין דער יוניאָן און דערציילט:

— איך האָב געפונען דעם שאַפּ! הערט אַ מאַיסע: איך בין אין ברוקלין, איך טו אַ קוק — דער טראַק פאַרט, טאַקע דער זעל־ביקער טראַק, וואָס פלעגט ברענגען אַרבעט צו כאַנינ׳ען אין שאַפּ. איך כאַפּ אַ טעקסי — ס׳איז דאָ! געפּאַקט!

איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן אויסריידן עטלעכע ווערטער מיט דזשאָסלינ׳ען, האָט הערי אויף אַ צווייטער זייט דערזען, ווי זיידעל גייט אַראָפּ פון טראַמוואַי. מיט אים איז זיין פרוי און אויף דער האַנט טראָגט ער זיין זעקס־יאָריק קינד, זיין מיידעלע.

הערי איז אַריבערגעלאָפן די גאַס, האָט צוגענומען דאָס קינד פון זיידעל׳ס הענט און איז אוועק מיט זיי. דאָס קינד איז נאָך אַלץ געווען אויסגעבליכט. אַכט וואָכן איז דאָס מיידעלע געלעגן אין שפּיטאָל. זיידעל האָט אויסגעזען אַ ליכטיקערער און אַרום די אויגן פון זיין פרוי איז געלעגן אַזאַ מידע, זיסע פאַרזאָרגטקייט.

— ביסט אַ שלעכט קינד, — האָט הערי געזאָגט. — מיטאַמאָל נעמסטו און ווערסט קראַנק, און פּאַפּאַ און מאַמאַ דאַרפן זיך זאָרגן איבער דיר.

דאָס קינד האָט געשמייכלט מיט אַ בלאַסלעכן שמייכל. מען האָט געזען, אַז עס האָט נאָך אַלץ קיין קויעך ניט. נאָר זיידעל׳ן און זיין פרוי האָט אָפּגעגליקט. אין די ערשטע טעג, ווען דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך איבער זיי געלייגט אַ שווערע מאָרע־שכורע.

מען האָט געזען, ווי באַ זיי גייט אויס דאָס כּעס. איבער די אָרימע קוואַרטאַלן פון גאַנץ ניו יאָרק און פון בראַנזוויל איז אומגעגאַנגען די מאַגייפע פון קינדער־פּאַראַליז. אַ שווערע קלאָלע איז געהאַנגען איבער דער שטאָט. אָפט האָט מען אינמיטן העלן טאָג, אָדער אינ־מיטן נאַכט, געקאָנט הערן אַ יעלאָלע פון אַ מאַמע׳ן, אַ שווערן וויינענ־דיקן ריטשען פון אַ פאָטער, ווענעמס קינד מען האָט צוגענומען אין שפּיטאָל.

ווען זיידעל׳ס קינד איז קראַנק געוואָרן, איז דאָס ערשטע זיי איינגעפאַלן, אַז עס האָט זיי געטראָפן דער שווערער אומגליק, וואָס האָט געראַבעוועט יונגע קינדערשע לעבנס, האָט פאַרקריפּלט די, וואָס זיינען לעבן געבליבן, און האָט אויסגעריסן שטיקער האַרץ באַ טאַטע־מאַמע. אויף שנעל האָט מען דאָס קינד צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין אונטערן איינדרוק, אַז עס ליידט פון קינדער־פּאַראַליז. אַ טאָג צייט איז דאָס מיידעלע אָפּגעלעגן צווישן די פּאַראַליז־קראַנקע קינדער. ערשט נאָכדעם האָט מען אויסגעפונען, אַז עס ליידט ניט פון פּאַראַליז, נאָר פון דיפטעריע — כאָטש די קראַנקהייט האָט גאָר אַנדערע סימפּטאָמען. שפּעטער האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: — בלויז דורך אַ נעס האָט דאָס קינד ניט געקראָגן קיין פּאַראַליז.

זיידעל און זיין פרוי האָבן ניט געהאַט קיין שווער האַרץ אויף די דאָקטוירים. איצט האָט זיין פרוי מיט אַ בלאַסלעכן, מידן, צופרידענעם שמייכל געזאָגט:

— ווער קאָן זיין קלוג אין אַזאַ בעהאָלע?

ווירקלעך האָבן די דאָקטוירים אין די אָרימע קוואַרטאַלן גע־אַרבעט מיט לייב־און־לעבן צו ראַטעווען אַלע, וואָס האָט זיך געלאָזט ראַטעווען פון דער מאַגייפע. אַ סאַך פון זיי זיינען אויסגעשעפּט געוואָרן באַ דער אַרבעט אין די שפּיטאָלן. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז דאָקטוירים האָבן זיך אַליין געמוזט לייגן אין בעט מיט הויכער היץ.

אויפן טראָטואַר האָבן שכנים באַגריסט זיידעל׳ן, באַטראַכט דאָס קינד און איין שכנה האָט אַפילו אויסגעשריען:

— מויד, דו, איך וועל דיך שמייסן, אויב וועסט נאָכאַמאָל קראַנק ווערן.

דאָס קינד, וואָס איז איצט געשטאַנען באַם טאַטנ׳ס זייט, האָט געשמייכלט און אַלעמען געענטפערט העלאָ. זיי זיינען אַרויף אין הויז. הערי האָט דערזען, ווי די צימערן זיינען עפּעס אָרימער גע־וואָרן. עס איז נאָך אַלץ געווען ריין אין יעדן ווינקל — אַ בלאַסע מידקייט איז אָבער געלעגן אַף די ווענט. די זאַטקייט, וואָס פלעגט זיך אַמאָל פילן, אַריינקומענדיק צו זיידעל׳ן אין הויז, איז ווי פאַר־שוואונדן. פון די ווענט און פון דער סטעליע אַרונטער האָט מען געקאָנט פילן די זאָרג, וואָס די דירע האָט דורכגעטראָגן.

נאָר די שווערע טעג זיינען שוין געווען אין הינטערגרונט — אַזוי האָט זיך הערי׳ן אויסגעוויזן, כאָטש דער „ציזן" איז שוין אַזוי גוט ווי פאַרלאָרן. ער האָט דערציילט זיידעל׳ן וועגן זייער געפינס. זיידעל איז ניט געווען איבערראַשט. ער איז איבערהויפּט געווען צו־מיד איצט צו טראַכטן וועגן עפּעס. די זאָרג פאַרן קינד, פאַר דער היים, דאָס וואָס ער איז אין די לעצטע וואָכן געבליבן אָן מיטלען צום לעבן, וואָס ער האָט שוין אָנגעבאָרגט אומעטום, וואו עס האָט זיך געלאָזט, קעדיי צו ראַטעווען דאָס קינד, — האָט אים אַ ביסל טעמפּ געמאַכט, אַפילו צו אַזאַ גרויסער נייעס פאַר די באַלמעלאָכעס פונעם שאַפּ. דאָך האָט ער געזאָגט:

— ווען מיר מאָרגן פרי באַזוכן אונזער באָס אין ברוקלין.

:: :: ::

דזשאָסלין און קערנער האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג פאַרביי די פּושקאַרטס, וואו מען האָט זיי באַטראַכט מיט נייגעריקע אויגן. דאָ האָט מען דזשאָסלינ׳ען גוט געקענט און אויך קערנער׳ן האָט מען שוין געקענט, זינט דעם לעצטן סטרייק אין שטירנער׳ס שאַפּ. פון דאָ־און־דאָרט האָט מען זיי געגריסט, נאָר קערנער האָט ווידער ניט געהערט די באַגריסונג — „די רעוואָלוציע גייט". זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט זייער וועג, טאַפּטשענדיק אָפּט מיט די פיס אין צעפּוילטע קרויט־בלעטער, מאַראַנצן־שאָלעכץ, וויינשל־קערלעך, באַנאַנע־שאָלעכץ, צעטריקנטע פּעטרישקע און נאָך אַזעלכע יעראָקים. זיי זיינען דער־גאַנגען צו אַ ווינקל גאַס און זיך געלאָזט אין צוויי האַלבע וויג־טירלעך,

דורך וועלכע עס האָט זיך געזען אַ פּאַרקאַלכטער שפּיגל מיט אַן אויס־געמאָלענעם האָן אַף אים. אינעווייניק האָט מען זיי באַגריסט:

— העלאָ, קליינער גענגסטער!

דאָס איז געווען געווענדט צו דזשאָסלינ׳ען, וועלכער האָט אַ שליידער געטאָן אַף די אַרומיקע די פּילעכלעך אין זיינע שוואַרצע אומרואיקע אייגעלעך פון אונטער דער קעפּקע, וואָס איז געווען אַראָפּ־גערוקט אַפן שטערן. דעם צווייטן, קערנער׳ן, האָט מען אַזוי אָנגע־קוקט, באַטראַכט זיין בלאָנדע קוטשמע, וואָס האָט זיך פּאַלדיק געבויגן צום שטערן, זיינע צעטראָגענע סאַנדאַלן און מען האָט אים געזאָגט:

— ה־אַ־י־ע.

געהייסן האָט עס: מעגסט דאָ טאַקע זיין, אָבער קיין אייגענער ביסטו נית. אָט ער, דזשאָסלין, איז גאָר עטוואָס אַנדערש. ער איז אַ „באָי פון די באָיעס", ווי די שניידער פלעגן אַף אים זאָגן. כאָטש קערנער איז שוין געווען אַ גאַנץ אָפטער איינגייער דאָ, איז ער אָבער דאָך נית געוואָרן קיין אייגענער. דזשאָסלין איז יאָ געווען אַן אייגענער. באַלד איז ער טאַקע געווען הינטערן בופעט, האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראָנפן און גלייכצייטיק זיך געווענדט צום באַלעבאָס:

— שאַמשע, מאַך אַ פּאָר צינגלעך. מיר זיינען טויט־הונגעריק.

שאַמשע, דער קורצער, ברייטביינעקער יונג, מיט בלוילעכע אָדער־לעך אַף דער פּאַרריסענער נאָז, מיט מילדע אויגן אין אַ געשטופּלט פּאָנים, האָט פּאַרמאַכט איין אויגן־דעקל, און ווען ער האָט עס ווידער געעפנט, זיינען שוין ערגעץ אין דער לופטן געהאנגען אויסגעגאָרגלט די ווערטער:

— די רעוואָלוציע איז הונגעריק.

דער זאָג איז געווען, דאַכט זיך, נית קיין בייזער, דאַווקע אַ גוטמוטיקער. נאָר בא קערנער׳ן האָט זיך דאָס שוואַרץ־ברויט, וואָס ער האָט פּאַרביסן נאָכן בראָנפן, אָנגעהויבן קייען פּאַמעלעכער. דאָס איז געווען נית אַזוי פון שאַמשע׳ס ווערטער, ווי פון דעם געלעכטערל, דעם שעפּטענעם, וואָס האָט זיך צו אים דערטראָגן פון אַ ווינקל אַרום טיש, וואו מען האָט געשפּילט פּויקער. דאָס איז געווען מוישע׳ס געלעכטערל. דזשאָסלין האָט טאַקע באַלד אַ צי געטאָן דורך די ציין:

— פאַרשטאָפּ דעם גאַרגיירעס, טיפּעש!

מוישע טיפּעש האָט זיין שעפּסן געלעכטערל אָפּגעהאַקט פּלוצלונג. ס'איז פון דעם אַפילו קיין דעך ניט געבליבן. נאָר זיינע וויעסלאָזע אויגן־דעקלעך האָבן געציטערט אַרויף־און־אַראָפּ איבער די אויסגע־פּוקעטע מוטנע־וואַסערדיקע אויגן און געבליבן הענגען איבער אַבע פּראַצענטניק'ס קאָפּ, וועלכער איז געזעסן האַרט לעבן די טרעפּ צו דער שאַלקע אַרויף. דאָרט האָט געוואוינט שאַמשע'ס נעקייווע, די שוואַרצע קלאַרע. פון אויבן האָט זיך דרעהערט אַ שאַרן פון פיס. עס הייסט: קלאַרע גייט. טאַקע באַלד האָבן זיך דערהערט הילכיקע טריט פון האַרטע פּרויען־קנאַפּל איבער הילצערנע טרעפּ. איצט האָבן זיך באַ מוישע'ן די אויערן אָנגעשפּיצט, אַזוי ווי באַ אַן אייזל בעאיים אַ דונער. אַבע פּראַצענטניק האָט אַ צוק געטאָן מיט זיין שפּיץ־נאָז, אַ דריי געטאָן מיט די געלע אייגעלעך און האָט דעם טיפּעש שטיל אַ שטורכע געטאָן:

— טיפּעש, וואָס גלאָצסטו די קוקערס? — שפּיל!

פון הינטער־צימער האָט זיך דערהערט שאַמשע'ס קאָל:

— די צינגלעך זיינען פאַרטיק, גייט פרעסן...

:: :: ::

אין הינטער־צימער פון שאַמשע'ס שענקל, וואוהין קערנער און דזשאַסלין זיינען אַריין, זיינען שוין אַפּן טיש געשטאַנען צוויי גרויסע לענגלעכע טעלער מיט צינגלעך, צוגעפּרעגלטע אין ציבעלקעס, וואָס האָבן זייער געשמעקט. אינמיטן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע קאָרב מיט אָנגעשניטענעם שוואַרץ־ברויט, אַ טעלער מיט זויערן קרויט און רויטע פעפערלעך, און דערביי — אַ פלאַש בראָנפן. זיי האָבן זיך געזעצט עסן — פּאַמעלעך, ווי מיט גרויס הנאָע, און געטרונקען דעם בראָנפן, דאַווקע פון גרויסע גלעזער. וואָס ליכטיקער עס איז געוואָרן אין פלאַש, אַלץ מער האָט זיך צעבונדן דזשאַסלינ'ס צונג. אַזוי איז ער געווען אַן אייגעהאַלטענער, אַ שטילער. אַפילו ווען ער האָט געטרונקען בראָנפן, האָט מען ניט געקאָנט דערגיין צי ער איז שיקער, צי ניכטער. ער פלעגט בלויז ווערן צוגעלאָזטער, באַריידעוו־

דיקער. איצט — אינמיטן עסן, ווען די פלאַש איז שוין געווען אָט־אָט באַם דעק — איז דזשאַסלין מיטאַמאָל געוואָרן סענטימענטאַל:

— איר געדענקט, קערנער, יענע צייטן, ווען מיר האָבן זיך נאַר־וואָס באַקענט?

קערנער האָט אַזוי ווי פון דער זייט אַ שאַרפן קוק געטאָן אויף דזשאַסלין׳ען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דזשאַסלין רעדט מיטאַמאָל וועגן אַמאָליקע צייטן. דאַכט זיך, ערשטן נעכטן איז עס געווען . . . און עפשער איז עס שוין לאַנג־לאַנג צוריק: אין שאַפ איז די לופט שווער, פלוצלונג ווערט אַ סומאַטאָכע, אַ קוויטש פון אַנאַ׳ן . . . אַ הילכיקער פאַטש און באַלד — דזשאַס־לינ׳ס וואַרימער האַנט־דרוק. טעג לויפן, וואָכן, כאַדאָשים — דזשאַס־לינ׳ס געהיימניספולקייט, זיין כאַוולען זיך מיט אַזעלכע מאָדנע פאַר־שוינען, זיין כאַסענע מיט שווירלי׳ן, זיין אינטערעס אין סטרייק, — אַלץ לויפט דורך קערנער׳ן אין געדאַנק אין אַן אויגנבליק. און איצט מיטאַמאָל אַזוי סענטימענטאַל:

— געדענקט איר אַמאָליקע צייטן, קערנער? גוטע צייטן געווען, עמעס?

קערנער האָט שוין איצט געקענט דזשאַסלינ׳ען פיל מער. די געהיימניספולקייט, וואָס האָט אים אין דזשאַסלינ׳ען געדערגט, איז ניט געוואָרן. די וואַרימע פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנט־וויקלען אין די ערשטע צייטן פון זייער באַקאַנטשאַפט, איז אויס־געוועפט געוואָרן. ס׳איז געבליבן פאַר אים אַן ענערגישער, אַמביציעזער מענטש, אַן אָנגעהויכטער מיט אַנאַרכיסטישע שטימונגען, וואָס איז געגאַנגען ערגעץ. ער אַליין האָט געוואוסט וואוהין ער גייט, נאָר אויף די אַרומיקע האָט ער געלאָזט אַן איינדרוק, אַז ער איז אי האַרצלאָז, אי צייללאָז, אי דאָס לעבן זיינס איז פאַרוויקלט אין גרויסע פּראָבלעמען.

עפשער איז זיין איצטיקע פראַגע געווען אַן אָנצוהערעניש אויף אַזאַ פּראָבלעם. עפעשר האָט דזשאַסלין ערגעץ געצילט. נאָר כיי־ווי, אַ צייט האָבן זיי דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע. עס נעמט אָפט אַ לעבן פון אַ מענטשן דורכצוגיין דעם וועג, וואָס זיי האָבן דורכ־געמאַכט אין אַ זעקס כאַדאָשים. קערנער האָט ניט דערטראַכט דעם קנויל געדאַנקען, וואָס זיינען בליץ־שנעל געלאָפן דורך זיין מויעך. ער

האָט אָנגעגאָסן די גלעזער, ווידער צוגעקלאַפּט דזשאָסלינ׳ען, און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, ס׳איז געווען אַן אינטערעסאַנטע צייט. ס׳איז געווען גוט זיך באַקענען מיט אייך און דורכמאַכן דעם וועג צוזאַמען.

דאָס איז דזשאָסלינ׳ען שטאַרק געפעלן. ער האָט געוואוסט, אַז קערנער איז אים אַ גוטער פריינט, כאָטש ער איז שוין אַ סאַך מאָל אַרויסגעטראָטן קעגן אים באַ מיטינגען. און ער האָט ווידער געפרעגט:

— איר געדענקט דעם מאַטנאָס־יאַד, וואָס איר האָט דערלאַנגט כאָנינ׳ען? דאָס איז געווען אַ מוטיק שטיקל אַרבעט. ס׳וואָלט אייך גלאַט ניט אָפּגעגאַנגען . . .

— איך ווייס, — האָט קערנער געענטפערט. — ווען איר מישט זיך ניט אַריין באַלד אָפּן אָרט, וואָלט זיך מיסטאָמע דייווקע דער אײדעם אַרייַנגעמישט . . .

— ריכטיק, האָט געזאָגט דזשאָסלין. דערפילנדיק אַז ער איז אַף אַ לאַד, האָט ער זיך פאַרטרויט קערנער׳ן: — און איר געדענקט דאָך מיסטאָמע, ווען איך האָב כאַסענע געהאַט. איר זייט צו דער כאַסענע ניט געקומען. אָבער ס׳איז גאָרניט — איך בין אייך סיי־ווי אַזאַ פריינט ווי אַלעמאָל. סיי־ווי איז מיין כאַסענע געווען ניט מאַזלדיק.

באַ קערנער׳ן אין געדאַנק איז אויפגעשוואומען דאָס בילד, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען שוירלי׳ן מיט אים. זי, מיט אירע פאַרזשמורעטע אייגעלעך, אַ ליכטיקע אַזאַ קעגן דער זון, און דזשאָס־לין, מיט זיינע פּיילן־אייגעלעך, פירן אַ שמייכלדיק ליפּן־שפּיל — גייען אוועק, פאַרשווינדן ערגעץ. דערנאָך די כאַסענע — דזשאָסלינ׳ס ווידערווילן, און איצט — אָט איז דאָס . . . ווידער אַ דורכגעפאַלן „גליק".

— אַזעלכע זאַכן טרעפן, — האָט ער איינגעשטימט מיט דזשאָסלינ׳ען.

— ניין, מיט מיר האָט דאָס ניט געטאָרט טרעפן. נאָר איצט איז שוין פאַרפאַלן. איצט וועל איך טראָגן דאָס פּעקל, ווי אַ מאַן דאַרף טראָגן.

די דאַזיקע רייד זיינען געווען אַ מין צוגרייטונג. די פּאַרטרוייאונג אין קערנער'ן האָט געהאַט אַ זין און אַ ציל. עפּעס האָט ער געוואָלט — און טאַקע באַלד האָט זיך קערנער דערוואוסט. באַלד ווי זיי האָבן דערענדיקט דאָס לעצטע גלאָז בראָנפן, האָט דזשאָסלין מיטאמאָל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס וואָלט איר געזאָגט, קערנער, ווען איר ווייסט, אַז אין דער יוניע האָט מען מיר אָנגעבאָטן ווערן ביזנעס־איידזשענט פאַר בראָנזוויל?

קערנער'ן האָבן זיך ברייט צעעפנט די מיט־בראָנפן־פאַרלאָפענע אויגן — כאָטש קיין גרויסע איבערראַשונג איז עס פאַר אים ניט געווען. אים האָט נאָך הערי פריער געהאַט געזאָגט: „קערנער, דזשאָס־לין וועט זיין אַ ביזנעס־איידזשענט.‟ איצט האָט ער דאָס געהערט פון דזשאָסלינ'ס מויל גופא.

— איך האָב זיי דאָרט געזאָגט: „נאָטינג דואינג‟, איך וויל נים קיין דזשאָבס אין דער יוניע. אָבער זיי טאַינעו, אַז מען מוז מיך האָבן. איך האָב זיי אַפילו אייך רעקאָמענדירט. זיי ווילן אָבער ניט. זיי ווילן, זאָגן זיי, אַ מענטשן, וואָס קען דעם טרעיד גוט און קען די בראָנזווילער באַלמעלאָכעס.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט קערנער געענטפערט. — איך האַלט עס פאַר אַ גאַנץ גלייכער זאַך. אָבער וואָס וועט ברודער שאַץ טאָן?

— אַ, פאַר אים האָבן זיי אַנדערע אַרבעט, זאָגן זיי — אָרגאַ־נאַיזער ווילן זיי אים מאַכן. און וואָס רעכנט איר, — האָט דזשאָסלין צוגעגעבן מיטאמאָל, — וועט הערי טראַכטן וועגן דעם?

קערנער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן — כאָטש ער איז מיט הערי'ן אין די לעצטע כאָדאָשים געוואָרן גאָר נאָענט. באַלד ווי ער האָט זיך באַקענט מיט הערי'ן, האָט ער אויף אים געקוקט מיט באַוואונדערונג. אים האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ רויער יונג — אַ רוי־קראַפט, וואָס רייסט זיך אויף אַ שווערן וועג. ער האָט פאַר אים געהאַט גרויס אַכטונג. נאָך אַרויפקוקנדיק צו הערי'ן דעם קאָמוניסט, האָט ער דאָך, טיף אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין, געשאַצט זיך העכער פון דעם רויען הערי'ן. אָבער — שוין איינציקע מאָל, אַז ער האָט

זיך געכאַפּט באַם גערדאַנק — קאָמוניסטן זיינען געמאַכט פון אַזאַ טייג, אַז זיי לערנען שנעלער פון אַנדערע און יאָגן אַריבער אַנדערע. ער אַליין האָט אָנגעהויבן דערזען, ווי ערנסט הערי לייענט, פאַר־טראַכט זיך און ענטפערט אויף פּאַרוויקלטע פּראָבלעמען. ווי אַזוי הערי וועט באַטראַכטן דזשאַסלינג׳ס אָנבאָט פאַר הערי׳ס הילף, האָט קערנער ניט געוואוסט, נאָר ער האָט געענטפערט:

— מען קאָן זיך מיט אים דורכריידן. איך רעכן, ער וועט ניט זיין קעגן.

זיי האָבן ווידער געטרונקען — איצט שוין פון אַ צווייטער פלאַש. ביידע זיינען שוין געווען היבשלעך אונטערן גלעזל. זיי האָבן נאָך געדאַרפט וואַרטן אַ פּאָר שעה, ביזן מיטינג פון דער שאַפּ־קאָמיטע, וואו זיי וועלן דאַרפן געבן אַ באַריכט. דזשאַסלין האָט אַזוי ווי צווישן די ציין אַרויסגעזאָגט:

— איצט וועלן מיר גיין רוען.

קערנער האָט געאַרניט געזאָגט. דזשאַסלין האָט אים אַרויפ־געפירט אויף דער שאַלקע, וואו שאַמשע האָט געהאַט זיינע צימערן. אין אַ צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, איז איבער איינעם פון זיי געהאַנגען אַ בילד פון אַ אידן מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צאַריק — צי איז דאָס געווען שאַמשע׳ס טאַטע, אָדער עפּשער גאָר דער שוואַרצער קלאַראַ׳ס? קיין ענלעכקייט האָט דאָס בילד צו זיי ביידן ניט געהאַט. קערנער האָט זיך צוגעלייגט אויף איין בעט, דזשאַסלין — אויף אַ צווייטן. ווען קערנער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען פינצטער. אויפן ברעג פון זיין בעט איז געזעסן די שוואַרצע קלאַראַ. אַזוי שנעל ווי ער האָט געעפנט די אויגן, האָט זי אים אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן ברוסט. ס׳האָט אים אַ ברי געטאָן. זי האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אַ בלאָנדן לאָק, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון זיין שטערן.

— ביסט אַ שיינער באָי, — האָט זי אים געזאָגט אין איר באַסאָווער שטימע.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער. ס׳איז געווען פינצטער, נאָר קערנער האָט געזען ווי אירע היפטן וויגן זיך אַרויף־און־אַראָפּ, ווי אירע פולע ברוסטן צאַפּלען און רייסן

זיך פון אונטער דער בלוזקע. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך ווידער אוועקגעזעצט, אים אַרומגענומען אַרום האַלז. ס'איז אים געוואָרן ענג אונטערן לעפּעלע באַם האַרצן —

פון אונטן האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ מיט דער טיר. קלאַראַ איז אויפגעשפּרונגען, אַ צי געטאָן דאָס קיטעלע אָפּן לעמפּל. ס'איז אַרויף דזשאָסלין, ביסטרע אַ קוק געטאָן אַף איר, אַף קערנער'ן און געזאָגט:

— זיך אויסגעשלאָפן — אַ זיסער שלאָף אַף אייך, קערנער. נאָר זאָרגט ניט. מיר האָבן שוין געהאַט דעם מיטינג. מאָרגן פאַרטאָג גייען מיר אין באַנינ'ס שאַפ אַריין.

קערנער האָט געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך, אַזוי פאַרלאָרן איז ער געווען. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך: — דער שאַפּ. דער מיטינג . . . ער האָט אַלץ פאַר־שלאָפן. ער איז בייז געוואָרן אַף זיך און אויך אַף דזשאָסלינ'ען:

— פאַרוואָס האָט איר מיך ניט אויפגעוועקט?

— ס'איז געווען אַ שאָד: איר זייט אַזוי געשמאַק געשלאָפן.

— שור, — האָט זיך אַריינגעמישט די שוואַרצע קלאַראַ. — מען קאָן ניט וועקן אַ מענטשן, וואָס שלאָפט אַזוי געשמאַק.

— אָט אַ סטערוועַ, — האָט דזשאָסלין אַ טראַכט געטאָן.

קערנער'ן האָט געעקלט — צי פון זיך, צי פון דער שוואַרצער קלאַראַ, צי פון דזשאָסלינ'ען. ער האָט געהאַט אַזאַ איבלדיק געפיל, אַז ער איז אַרונטערגעלאָפן די שטיגן, זיך ניט געזעגנענדיק. ער איז אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט איבער די אָוונטדיקע בראָנזווילער גאַסן. דער איבל האָט אים ניט פאַרלאָזט. ער האָט זיך דערפילט עפּעס אַזוי ווי אַן אויסגעשמירטער אין בלאָטע.

— זיי וועלן זיין גערעכט, וואָס זיי זאָלן ניט זאָגן, — איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק.

ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס הערי האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט: שוין צופיל גייט ער מיט דזשאָסלינ'ען צו שאַמשע'ן אין

שענקל אריין. דאַן האָט נאָך קערנער געהאַלטן, אַז הערי איז ניט גערעכט: אַז מען איז ניט איינשטימיק מיט אַ מענטשן — קאָן מען נאָך אַלץ זיין גוטע פריינט מיט אים. נאָר איצט האָט אים פאַרדראָסן: ווייזט אויס, אַז הערי — די פּאַרטיי — איז גערעכט. ער האָט זיך אויסגעשמירט. כאַטש ארומוואַשן זיך, ארומוואַשן... ער איז אריינגעלאָפן צו זיך אין הויז, אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל. פאַר די אויגן האָט אים אַ בלאַנק געטאָן די ווייסע וואַנע פונעם באָד־צימער.

:: :: ::

אַ גאַנצן טאָג איז ברודער שאַץ ארומגעגאַנגען פאַרזאָרגט. די נייעס, וואָס שלוימקע דער שווארצער האָט געבראַכט צו אים אין אָפיס, וואו עס האָט זיך בעאיים־מאַיסע געפונען אויך דזשאָבלין, האָט אים אַ ביסל צעטומלט. ער האָט שוין געהאַט פּלענער — זיכערע, פּאַרטיקע. ס'איז בלויז געווען אַ פראַגע פון טעג, ביז ער וועט מיט דעם באַקאַנט מאַכן די וועלט, זיינע ברידער יוניע־לייט. נאָך אַ פּאָר נעכט פריער, בא זיך אין הויז, האָט ער געזאָגט זיין ווייבל:

— יו נאָו, בוירטע, אַזוי איז שוין דעם מענטשנ'ס לעבן. אָט ביסטו אַ גאַנץ לעבן אַ סאָשעליסט, און מיטאַמאָל ווערסטו אַ באָס...

דאָס ווייבל זיינס, אַ פּולינקע, מיטלוואוקיקע פרוי, אַ שווארץ־בענעווידיקע, מיט פליישיק־אויסגערונדיקטע אָרעמס און אַ הויכן ביוסט, האָט אים פאַרריכט דעם קאָלנער אַפן שלאָף־ראָק, אים דערלאַנגט די שטעק־שיך און מיט ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— נאַרעלע, וועסטאָך ניט ווערן אוים סאָשעליסט. וועסט נאָך קאָנען געבן אַ גרעסערע „דאָנעישאָן”. אַזאַ „טשענס”, ווי דו האָסט איצט, מאַכט זיך ניט אַלע טאָג.

ער האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט אָפּגעגעסן, און אים איז באַפאַלן אַ דרעמלדיקע מידקייט. ער האָט זיך געזעצט אַפן ווייכן לען־שטול אָפּרוען אַ ביסל. זיין ווייב'ס שטימע האָט אים אַזוי וואַרעם געקלונגען אין די אויערן. זי איז דאָך בא אים אַלעמאָל געווען די קלוגע: זי רעדט דאָך ווי אַ מאַן, פלעגט ער זאָגן. באַזונדערס דעם אָוונט האָט זי אים אויסגעוויזן זייער קלוג. ער האָט זי געבעטן זיך זעצן לעבן אים. ער האָט זי ארומגענומען און געזאָגט:

— יו נאָו, — איך וועל דאָך ניט זיין קיין באָס, ווי אַלע באָסעס. איך וועל עפּענען דעם שאַפּ און געבן אַרבעט אַזוי פיל באַלמעלאַכעס, וואָס גייען אַרום ליידיק... דאָס איז דאָך אַ גרויסע זאַך. מאַינדזשו", — ער זאָגט מיר צו פּערציק וואָכן אַ יאָר אַרבעט — „דזשאָסט טהינק אָוו איט!"...

דאָס ווייבל זיינס האָט אים געקוקט אין די אויגן מיט פיל ווארעמקייט. אים האָט זיך דערפון עפּעס ווארעמס געשטעלט אין האַלז. ס'איז געווען אַזוי ווי די פאַרווירקלעכונג פון אַ לאַנג־געגאַרטן טרוים. זיין גאַנץ לעבן, נאָך ווען ער איז געווען אַ שניידער אין שאַפּ, האָט ער זיך געזוכט פירן „מאַיסע־מענטש", פירן אַ סטאָטעטשנעם לעבן. דערנאָך האָט ער זיך איינגעאָרדנט מיט זיין ווייבל, אַ וואוילע אַזאַ, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט גרייט פאַר אים דעם מאָלצייט, אין וועלכער צייט פון טאָג ער זאָל ניט קומען. זיינע ריינע העמדער, זיינע קראַוואַטלעך, זיינע פּאַדזשאַמעס — אַלצדינג איז בא איר געווען אָפּן אָרט און זי האָט אים אַלעמאָל געהאָלפן גיין פאָרויס, פאָרויס. איצט פילט ער איר וואַרימען בליק אויף זיך און עס צעגייט זיך אים דאָס כיעס. ער האָט געוואוסט, וואָס דער בליק פון זיין כיינעוודיק ווייבל באַדייט. זי האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געזאָגט:

— די קינדער וואַקסן־אונטער — צוויי שיינע טעכטער בא דיר. אָט־אָט און זיי וועלן אַרויס פון סקול און אַריין אין האַי־סקול.

— אָ, איצט וועלן זיי האָבן אַ צוקונפט, — האָט ער געטראַכט. ס'איז פאַרט אַריבער הונדערט באַלמעלאַכעס און ער — איינער. ס'איז דאָך אַן עמעס גליק. און ווער קאָן וויסן: ער מוז דאָך ניט אייביק פאַרבלייבן אַ קאָנטראַקטאָר. וואָסי, ניט געווען אַזעלכע ווי ער, וואָס האָבן אַליין אָנגעהויבן שניידן איינענע וואַרע — און וואו האַלטן זיי שוין איצט?! גרויסע אָפיסעס אויף בראָדוועי. זאָל נאָר אָוועקגיין גוט.

ער האָט מיט די זיסע כאַלוימעס איינגעדרעמלט אויפן לעז־שטול. זיין ווייב האָט אים געלאָזט דרעמלען. אַ ביסל שפּעטער האָט זי אים צוגעטראָגן קאַלטן לעמאָנאַד אין אַ הויך געשליפן גלאָז און אייז־קרים אויף אַ געבלימלטן טעצל. ער האָט אויפגעגעסן דעם אייז־קרים, אויסגעטרונקען דעם לעמאָנאַד, אויפגעשטאַנען פון שטול, אַרומגענומען זיין ווייב, זיך צעקושט מיט איר און איז אַוועק אין שלאָף־צימער.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. אָבער היינט איז ער געווען צעטומלט. אַף אַ מאָמענט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיינער אַ טרוים רינט אויס. ניט דאָס וואָס קאַנין וועט צוריק עפענען דעם שאַפּ, האָט אים גענאַרט. קאַנין — דער טערעץ, האָט אים גענאַרט אַזוי שטאַרק. קאַנינ'ס אַנטלויפן האָט פאַר אים געשאַפן אַן אויסגעצייכנטן טערעץ: ער וועט עפענען דעם שאַפּ, צונעמען אַלע קאַנינ'ס באַלמעלאָכעס און זיי געבן אַרבעט. שטירנער'ס מענעדזשער האָט אים דאָך אַליין געזאָגט:

— מיך אַרט עס ניט. אַבי די אַרבעט זאָל זיין געמאַכט גוט.

איצט פאַרלירט ער אַ גוטן טערעץ — דעם בעסטן, וואָס אַ יוניאָן־באַאַמטער קאָן האָבן, ווען ער וויל ווערן אַ באָס.

באַם מיטינג פון דער שאַפּ־קאָמיטע איז ער שוין ווידער געווען געלאַסן. ער האָט שוין פּאַמעלעך געדרייט דאָס קייטעלע אַפן בייכל און געזאָגט:

— ס'איז ניט אַזאַ מעציע קאַנינ'ס שאַפּ. מען קאָן „פּלעיסן" די באַמעלאָכעס, אַז מען זאָל אים ניט צוריקברענגען קיין בראָנזוויל.

הערי האָט געהערט זיינע רייד און ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז די איינגעזעסנקייט און טעמפּקייט, וואָס שאַפט זיך באַ אַזעלכע יוניאָן־באַאַמטע. צי עפּשער איז עס גאָר דאָס וועלן אויספיינען זיך און מינימיזירן דעם אויפטו, וואָס מען האָט געפונען קאַנינ'ס שאַפּ אָן זיין הילף. הערי האָט גאָרנישט ניט געענטפערט אַף דער „יוניע'ס" רייד. סיי־ווי זיינען די פּאָרשלאָגן צו גיין באַזוכן קאַנינ'ס שאַפּ און אים צוריקברענגען קיין בראָנזוויל אָנגענומען געוואָרן באַ דער שאַפּ־קאָמיטע. באַלד ווי דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, איז ער אַרויס אין גאַס.

אַלץ אָפּטער און אָפּטער האָט הערי'ן געצויגן צו סילוויע'ן. ווען ער פלעגט נאָר האָבן אַ ביסל פרייע צייט, פלעגט ער לעצטנס זיך אַרויפכאַפּן צו איר אין צימער. איצט איז ער געגאַנגען איבער די אָונטדיקע גאַסן, פאַרקירעוועט אין איין ריכטונג, אין אַ צווייטער, אַ דריטער — געגאַנגען ניט טראַכטנדיק וואוהין און איז אָנגעקומען צו סילוויע'ס הויז.

אין קיך באַ סילוויע׳ן האָט זיך איר מאַמע — אַ קליינע, איינ־געשרומפּענע אידענע מיט אַ סאַך קנייטשן אַפן פּאַנים — געפּאָרעט באַם וואַשן געשיר. זי האָט דערזען הערי׳ן און זיך מיט אים דער־פרייט. זי פלעגט איבערהויפּט זיך פרייען מיט די מענטשן, וואָס קומען אַריין צו סילוויע׳ן. האָט זי אויך הערי׳ן אָפּגעגעבן אַ ברייטן „גוטן־אָוונט" און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַפן צימער, וואו סילוויע געפינט זיך.

— אָן דאָרט, — האָט זי געזאָגט, — אין דריטן צימער זיצט זי מיט אַ בוך אין האַנט. אַלעמאָל האַלט זי אַ בוך אין האַנט, — האָט די מאַמע געזאָגט ניט אָן שטאָלץ.

הערי איז דורכגעגאַנגען איין צימער און דאָרט באַם פּענצטער, וואָס צו דער גאַס אַרויס, אַף אַ סאָפע, איז געזעסן סילוויע. זי האָט געהאַלטן אַ ביכל אין איין האַנט און מיט די פינגער פון דער צווייטער האָט זי זיך געשפּילט מיט די קרעלן־פּרענזלעך פון ראָזעווען אַבאַזשור, וועלכער איז אויך באַ די קאַנטן געווען דורכגעוועבט מיט קאָלירטע גלעזערנע קרעלעכלעך. מיט אַ ברייטן מאַך מיט דער האַנט האָט זי אים באַגריסט:

— העלאָ, הערי, קומט אַהער, זעצט זיך.

הערי האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר. דאָס ביכל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער דערקענט. דאָס איז געווען דער „קאָמו־ניסטישער מאַניפעסט", וואָס ער האָט איר געגעבן לייענען. אים איז וואַרעם געוואָרן אַרום האַרצן. ער האָט אַף איר געקוקט און גע־שמייכלט.

— נו, ס׳געפעלט אייך, זע איך, וואָס איך לערן אייער טווירע...

— ס׳געפעלט מיר ביז גאָר. ווי געפעלט עס אייך? — האָט הערי געפרעגט.

— אָ, מיר געפעלט עס, נאָר ס׳איז שווער צו צעקייען. איך בין ניט באַקאַנט מיט די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע ער רעדט.

— איר וועט זיך באַקענען, סילוויע, — האָט ער וואַרעם געזאָגט.

— ס׳איז ווערט צו באַקענען זיך. דאָס שרייבט ער דאָך וועגן אונזער לעבן. וואַרט נאָר — איר׳ט נאָך לייענען די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע...

זי האָט געקוקט אױף אים, אָט געקוקט און אָט אַראָפּגעלאָזט אירע טיפֿע, גרינע אױגן. זי האָט געזען, שױן לענגער געזען: הערי האָט זי ליב. ער האָט איר װעגן דעם גאָרנישט ניט געזאָגט. נאָר יעדער קער זײנער, יעדער בליק, װאָס ער גיט אױף איר, דערצײלט איר פֿיל מער װי װערטער. און זי אַלײן האָט אים געהאַט זײער גערן. זי האָט ליב צו פֿאַרברענגען מיט אים. נאָר װען ער קומט ניט, בענקט זי ניט נאָך אים — אַזױ װי זי בענקט נאָך קערנער׳ן. איבער קערנער׳ן איז זי אומרואיק. זי האָט געקוקט אױף הערי׳ן מיט ברײט־צעעפֿנטע אױגן און מיטאַמאָל געפֿרעגט:

— קערנער׳ן האָט איר געזען?

— יאָ, הײנט פֿרי. בײַ דער שאַפּ־קאָמיטע איז ער ניט געװען.

— ניט געװען? װאָס האָט פּאַסירט?

— ס׳האָט גאָרניט פּאַסירט. דזשאָסלין האָט אונז געזאָגט, ער האָט אים געלײגט שלאָפֿן.

— דזשאָסלין? — שױן װידער בײַ שאַמשע׳ן אין שענקל...

איר איז ענג געװאָרן אין האַלז. די אױגן זײַנען בײַ איר געװאָרן קלײנינקע און פֿונקעלעך פֿאַרדרוס האָבן פֿון דאָרט געשפּריצט.

— נו, װאָס? — האָט הערי אַרײַנגעשטעלט. ער איז געװען מיד. פֿון פֿאַרטאָג אױף די פֿיס. די היץ האָט אים אױסגעמאַטערט.

— אָבער פֿאַרװאָס אין שענק? ער האָט ניט קײן צימער?

— דאָס זײַט איר גערעכט, סילװיע. בײַ שאַמשע׳ן איז פֿאַר אים קײן פּלאַץ ניט. נאָר אױסרוען זיך האָט ער געדאַרפֿט. סײַ־װי, מאָרגן פֿאַרטאָג באַזוכן מיר כאַנינ׳ען.

— איך גײ מיט, — האָט סילװיע זיך אָנגעכאַפּט.

אים איז ביז גאָר געפֿעלן איר אָנכאַפּן זיך צו גײן מיט זי. נאָר ער האָט איר געזאָגט:

— נײן, סילװיע, ס׳איז ניט פֿאַר אײך. די קאָמיטע האָט באַשלאָסן װער עס זאָל גײן, און בלױז די גײען.

— איר װײסט װאָס, הערי, לאָמיר גײן שפּאַצירן אַ ביסל, יאָ?

הערי האָט גערן צוגעשטימט. זי האָט צוגעקעמט די האָר און זײ זײַנען בײדע אַרױס פֿון הױז.

:: :: ::

קערנער איז אַרוים פון הויז, זיך אַרומגעקוקט — שאַ־שטיל. די גאַס איז געשלאָפן און איינגעהילט אין אַ שווערן געדיכטן נעפּל. ס'איז געשטאַנען אַ פינצטערער פּאַרטאָג. די גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך געריסן מיט זייער ליכט דורכן נעפּל — דאָ־און־דאָרט באַלויכטן און אויסגעלייזדיקטן מיסט־קאַן, אַריינגעשיינט אין אַ פענצטער פון אַ הויז. דאָרט האָבן זיך פאַרהענגלעך ווייס־פאַרשלאָפענע געגרוט. שאַ־שטיל. קערנער האָט זיך פאַרנומען גלייך צו דער סאָבוועי־סטאַנציע. ער איז אַריין אין אַ קרייץ־געסל, אַוועק מיט האַסטיקע טריט, און מיטאַמאָל געבליבן שטיין. פון אַ הויז, אָט ניט ווייט פון אים, איז אַרוים דזשאָסלין. דאָס איז דאָך אַנאַ'ס הויז, דאָ וואוינט זי דאָך, — איז קערנער'ן דורכגעפלויגן דורכן קאָפּ. ווי קומט ער אַהער? ער האָט איינגעהאַלטן זיינע טריט, געלאָזט דזשאָסלינ'ען אָפּגיין אַ שטיק וועג און ער איז דערנאָך אַוועק נאָך אים. ווען ער איז אַרויף אויף דער סאָבוועי־סטאַנציע, האָט ער שוין אַלעמען געטראָפן. דאָ זיינען שוין געווען הערי און דזשאָסלין, זיידל, כאַים (כאָטש ער איז געווען פון אַן אַנדער שאַפּ), שלוימקע דער שוואַרצער און נאָך איניקע באַלמעלאָכעס. די באַן איז אָנגעקומען און זיי זיינען אַלע אַריין.

דער שאַפּ, וואָס שלוימקע האָט מיט אַ טאָג פריער געפונען, איז געווען אויף אַ גאַס, וואָס איז אינגאַנצן ניט געווען באַפּעלקערט. ס'איז געווען אַן איינזאַמע גאַס — נאָענט ערגעץ צו אַ געגנט, וואָס מען האָט גערופן „גרינפּאָינט". דאָ לויפן זומפּיקע וואַסערלעך, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ פוילער גערוך; הייזער קליינע, הילצערנע זיינען איינגעפרעסט אין די אַרומיקע גאַסן. דאָ־און־דאָרט זעט מען אַ מויער, אויך ניט קיין גרויסן. ס'איז געווען אַ געגנט, וואָס ניו יאָרק האָט פאַרזען. די גאַס, וואוהין כאַים האָט פאַרקליבן זיין שאַפּ, איז געווען אַ גאַס, וואָס אויך ברוקלין האָט פאַרזען. אויסער אַ קליינער בודקע בײַ אַ פאַרלאָזטער אייזנבאַן־ליניע, האַרט לעבן אַ בריקל איבער אַ פאַרדומפּן, זומפּיק טייכל, איז דאָ געשטאַנען אַ צוויי־שטאָקיקער פיר־עקעכדיקער מויער, און אַרום מויער — אַ פאַרקאַן. דאָ איז געווען דער שאַפּ.

ווען זיי זיינען אין דער פינצטערניש פון פרימאָרגן, פאַרוויז, אָפּגערוקט אײַן פּאָר פון דער צווייטער אויף אַ היבשן מעהאַלעך, דער־

גאנגען צום פּארקאַן, האָבן זיי דערזען אַ טונקל ליכט צאַנקען אין די שויבן פון דער געביידע. ווייזט אויס, עמיצער איז שוין דאָרט געווען. באַלד האָט מען דערזען אַ העלע ליכט. קלאָר, עמיצער איז דאָ אין שאַפּ. ארום פּארקאַן האָבן זיך ארומגעדרייט עטלעכע יונגע בעוורע־לייט, וואָס האָבן אויסגעזען פאַרדעכטיק.

— צ׳אַראַיט, — האָט דזשאָסלין געזאָגט, — זיי זיינען אייגענע.

ס׳איז קערנער׳ן געוואָרן פּריקרע — צו וואָס דאַרף מען זיי? בא אים אַפן פּאָנים וואָלט מען אין דער ליכטיק איצט געקאָנט זען, ווי די פארבן מיניען זיך. ער האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די ציין האָבן בא אים געקריצט. הערי האָט עס דערזען און געזאָגט קערנער׳ן:

— נאַרישקייטן, קערנער! נישטאָ איבער וואָס זיך צו ערגערן. סיי־ווי איז איצט קיין צייט נישטאָ.

זיי ביידע זיינען אוועק מיט דזשאָסלינ׳ען צו דער זייט פון פּארקאַן. די אַנדערע זיינען געבליבן וואַרטן באַם טויער. דזשאָסלין, ווי קליין ער איז געווען, האָט אַ שפּרונג געטאָן, און אַזוי ווי אַ קאַץ זיך אַ דראַפּע געטאָן באַם פּארקאַן, און אָט איז ער שוין געווען אַף דער צווייטער זייט. נאָך אים זיינען געקראָכן קערנער און הערי. דזשאָסלין האָט זיך ווידער אַ דראַפּע געטאָן אַפן פייער־לייטערל. נאָך אים — די צוויי. מיטאַמאָל האָט זיך אין פינצטערן פאַרטאָג דערהערט אַ געבראַזג פון צעבראָכן גלאָז. דזשאָסלין איז שוין געווען אינעווייניק. נאָך אים האָבן אַריינגעטאַנצט דורכן צעעפנטן פענצטער קערנער און הערי. אין שאַפּ זיינען געווען בלויז אַ צען מענטשן. איינער האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צו דזשאָסלינ׳ען מיט אַ שטאַבע אייזן. דזשאָסלין האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אַ ריר געטאָן עטוואָס אין קעשענע פון זיין רעקל און געלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— צוריק! רוק זיך ניט . . .

די שטאַבע אייזן האָט זיך באַלד אָפּגעלאָזט.

דזשאָסלין האָט די סקעבס געהייסן פאַררוקן זיך אין איין ווינקל. זיי האָבן געפאָלגט. הערי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיקל ארבעט, אַ קוק געטאָן אַפן לעיבל — דאָס איז געווען כאַנינ׳ס ארבעט, כאָטש כאַנין אַליין איז אין שאַפּ ניט געווען. קערנער האָט דערווייל געעפנט

די פאָדערשטע טיר פון דער געביידע און דעם טויער. די צען סקעבס האָבן ווי פון אייגענעם ווילן אָנגעטאָן די רעקלעך און זיי זיינען ארויס באוואכטע פון דער שאַפּ־קאָמיטע.

קערנער האָט איצט אָפן וועג באוואונדערט דזשאָסלינ׳ס דרייסט־קייט. נאָר עס האָט אים אַלץ פאַרדראָסן, וואָס מען האָט געבראַכט די פאָרדעכטיקע בעוורע: צו וואָס, — האָט ער זיך געשפּאַרט מיט הערי׳ן, — דאַרף מען אָט די טונקעלע פאַרשוינען? הערי האָט אים געבעטן זיין רואיק. ס׳איז עמעס, האָט ער אים געזאָגט, אַז מען דאַרף זיי ניט. מיט די באַלמעלאָכעס פון שאַפּ וואָלט מען בעסער געמאַכט, ווי מיט זיי — נאָר דאָס איז דזשאָסלינ׳ס וועג, און אַזוי ווי מען האָט דעם שאַפּ דאָך אַראָפּגענומען, דאַרף מען וועגן דעם איצט קיין ווערטער ניט מאַכן. קערנער׳ן איז איצט איינגעפאַלן פאַרוואָס דזשאָסלין האָט אים נעכטן אָוונט ניט אויפגעוועקט אין צייט צום שאַפּ־מיטינג. דזשאָסלין האָט גוט געוואוסט, אַז קערנער וואָלט זיך שאַרף געשטעלט קעגן מיטנעמען אָט־די פאַרשוינען. אַזוי גייענדיק, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער מיטאַמאָל אין צערונגעם נעפּל דערזען צוויי סילועטן. צוויי מענטשן זיינען געגאַנגען אייליק, ניט פאַנאַנדער־קלייבנדיק זיך אין דער פינצטערניש ווער עס גייט זיי אַנטקעגן. קערנער האָט אַ ציי געטאָן דזשאָסלינ׳ען באַם אָרבל:

— זעט!...

געגאַנגען זיינען אַבע פּראָצענטניק און מוישע טיפּעש. זיי האָבן זיך געאיילט — וווּזט אויס, פאַרשפּעטיקט. אָט האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע קעפּ און דערזען אַ סאַך מענטשן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווייזט אויס, דערקענט, ווייל זיי האָבן זיך שנעל אומגעקערט און אָנגעהויבן שנעל גיין צוריק. קערנער האָט אַ געשריי געטאָן:

— העי, העי!

זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן. הערי האָט זיך אַ יאָג געטאָן, נאָך אים דזשאָסלין. אַבע פּראָצענטניק און מוישע טיפּעש האָבן זיך אָפּ־געשטעלט. קערנער איז צוגעקומען צו זיי און געפרעגט:

— וואוהין זייט איר געגאַנגען?

— צו . . . צום שאַפּ, — האָט אַבע פּראָצענטניק געשטאַמלט.

מי־מיר האָבן נעכטן געהערט, אַז איר גייט אהער, זיינען מיר געקומען העלפן.

— ס'אַרא קרעציקע זיי זיינען, — האָט קערנער געטראַכט. און הערי האָט אָפן געזאָגט:

— ווערים! אַרבעטער, און דאָך זיינען זיי די ערגסטע סאָנים פון אַרבעטער.

קערנער, בא וועמען די אויפרעגונג פון פרימאָרגן איז נאָך אַלץ ניט געווען געשטילט, האָט שפּעטער אַ ביסל געזאָגט הערי'ן:

— איך בין זיך מוידע, הערי: איך וואָלט מעשונע האַנאָע געהאַט, ווען איך קאָן זיי אַריינפּאָרן מיט די פינגער אין האַלז און וואַרגן ביז די צונג זאָל זיי אַרויסשטעקן.

צוקומענדיק נעענטער צו דער סאָבוועי־סטאַנציע, האָבן זיי אויך פון דערווייטן דערזען זאַלמען גאַרגל. ער האָט, ווייזט אויס, דערזען דעם אוילעם און זיך פאַרקירעוועט אין אַ קעגנזעצטער ריכטונג. זאָל עס הייסן: ער ווייסט ניט פון דעם גאַנצן איניען.

זיי זיינען אַרויף אַף דער סטאַנציע. דאָ האָט קערנער ווידער דערזען די פּענימער פון די טונקעלע בעוורע־לייט, וואָס דזשאָסלין האָט געבראַכט מיט זיך. איינער האָט געצוקט מיט אַ פליגל פון זיין נאָז — אָט אַהין, אָט אַהער. ערגעץ האָב איך אים געזען, — האָט קערנער געטראַכט. און ער האָט זיך געכאַפּט: בא דייוועקע'ן, בא דייוועקע דעם אידעם אין דער פינצטערער „קענדי סטאָרקע". ער האָט זיך איצט דערמאָנט, וואָס אַנאַ האָט אים מיט אייניעק טעג צוריק געזאָגט. זיי זיינען דעמאָלט געגאַנגען שפּאַצירן, האָט איר קערנער אין אַ שפּאַס צוגעוואָרפן:

— איצט וועסטו שוין בלייבן אַן אַלטע מויד.

האָט זי געלאַכט און געפרעגט:

— „ווהאַי?"

— ווערט וועט דיך נעמען? דייוועקע האָט דאָך שוין כאַסענע געהאַט און מוישע טיפּעש וועט דיך ניט נעמען.

זי איז געוואָרן אַזוי געהיימניספול פאַרטראַכט. קערנער האָט אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן, וואָס דאָס איז אַזוינס, און זי האָט אים

געזאָגט. פריער האָט זי אים געבעטן, ער זאָל לעמאַנעשעם פאַר קיינעם ניט אַרויסריידן קיין וואָרט, דערנאָך האָט זי אים געזאָגט:

— ווייסט, קערנער, דייוועק האָט דאָך אַ סטאַרקע, אָבער אַ לעבן מאַכט ער פון „פראָשקעס".

— פראָשקעס? — האָט קערנער געפרעגט.

— יאָ, „דאָופּ"...

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם דאָזיקן שמועס מיט איר, קוקנדיק אויף דעם בעוורעמאַן מיט די צוקנדיקע פליגל פון נאָז. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אים טאַקע געזען אין דייוועק'ס קרעמל מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, ווען דזשאָסלין האָט אים אַהין גענומען.

דערווייל איז די באַן אָנגעקומען קיין בראָנזוויל. אַלע האָבן אַרויסגעשטייגט. אייניקע פון דער קאָמיטע זיינען געגאַנגען פאָרויס. אייניקע זיינען געגאַנגען פון הינטן, און די סקעבס זיינען פאָרוויז געגאַנגען איבער די טראָטואַרן אינצווישן דער שאָפּ־קאָמיטע. דאָ־אונ־דאָרט האָט זיך עמיצער אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן. נאָר אין אַל־געמיין האָט קיינער ניט געלייגט קיין אכט — אָט מענטשן גייען זיך ערגעץ צו דער אַרבעט...

זיי זיינען אַריין אין אַ גאַס, וואו פּעדלער האָבן שוין געגרייט זייערע פּושקאַרטס. מען האָט שוין געצויגן די פאַרשוואַרצטע ברע־זענטן פון איבער די גרינסן, פּרוכט, סכוירעס. די גאַס האָט אָנגעהויבן איר טעגלעך לעבן. מיטאַמאָל האָט איינער, נאָך מיט פאַרשלאָפענע אויגן, דערזען די גרופּע, וואָס איז געגאַנגען. ער האָט דערזען הערי'ן, באַלד קערנער'ן, דזשאָסלינ'ען, זיידעל'ן, — די אַנדערע. ער האָט אַ וואונק געטאָן צו זיין שכן, אַ פּעדלער, און האָט אים שטיל געזאָגט:

— זעסט, די רעוואָלוציע גייט...

(זעקסטער קאַפּיטל)

איך נײַ און נײַ

אין די ברייט־צעעפנטע טירן פון יוניאָן־לאָקאַל אין בראַנזווילער לעיבאָר לאַיסעאום האָט זיך אַריינגעשטעלט שאַמשע. דאָ האָט געקישעט מיט מענטשן — די שניידער האָבן היינט געשטימט פאַר באַאַמטע. זיי זיינען געקומען איינציקווייז און גרופּעסווייז, אָפּגעשטימט, צוריק אַרויס, געבליבן אַ ווײַלע שטיין אַפן טראָטואַר און זיינען אַוועק אַהיים. אין אַט דער צייט האָט זיך אַריינגעשטעלט שאַמשע. אַ שיקערלעכער, האָט ער אַרויסגעצויגן צוויי רעוואָלווערן און האָט אויסגעשאָסן פון ביידע. פון איינעם האָט ער אויסגעשאָסן אין באַלקן, און פון צווייטן — אַרונטער אין דיל. ער האָט געשריען:

— וואו איז ער, דער סאַן אָוו אַ ביטש? וואו איז דער טיפּעש? „ק'מאָן, גיוו אים היר, אַי'ל קיל די בעסטערד!"...

באַם אויסשיסן זיינען אַלע אין לאָקאַל געוואָרן צעטומלט. ס'איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. שניידער פון גאַס האָבן דערהערט די שיסעריי, זיינען זיי אַריינגעלאָפן אינעווייניק. איינער האָט אַ כאַפּ געטאָן שאַמשע'ן; ער האָט זיך גענומען ראַנגלען און באַלד איז אָנגעלאָפן פון אַ צווייטן צימער דזשאָסלין. ער האָט דערזען, וואָס דאָ טוט זיך, און געהייסן די שניידער אַוועקגיין. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— „ד'העל —גיוו מי דאָוז גאַנס!"...

שאַמשע האָט אַזוי ווי אַן עלעקטריזירטער זיך אויסגעצויגן מיט די פּלייצעס פאַרוואָרפן אַהינטער, און דערלאַנגט דזשאָסלינ'ען די רעוואָלווערן. דזשאָסלין האָט זיי צוגענומען, פאַררוקט אין די הינטערשטע קעשענעס און אַרויסגעפירט שאַמשע'ן פון זאַל. אַ ביסל שפּעטער איז ער צוריקגעקומען. די רעוואָלווערן האָבן שוין ניט געפּאַרטשעט פון זיינע הינטער־קעשענעס. אין יוניאָן־לאָקאַל זיינען

ווידער געגאַנגען די וואַלן, אין וועלכע דזשאַסלין איז געווען אַ קאַנ־דידאַט פֿאַר ביזנעס־אַגענט.

:: :: ::

שאַמשע איז געקומען אין יוניאָן־לאָקאַל זיך צערעכענען מיט מוישע טיפּעש. שוין אַ לענגערע צייט, אַז שאַמשע האָט אַף מוישע'ן געטראָגן אַ האַרץ. וואָרן איז שוין „די גענג" ניט געווען בײַ אים. „די גענג" האָט זיך געזאַמלט אַלץ מער בײַ דייווקע'ן אין געמבליאַרנע. ער האָט געוואוסט, אַז דער טיפּעש האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם. ביז איצט האָט שאַמשע געשוויגן, נאָר היינט פֿרי האָט פּאַסירט עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אים אויפֿגעקאָכט זיינע בלוטן. ער האָט באַ־שלאָסן: זאָל ווידער זיין סינג־סינג, מוישע טיפּעש וועט ער דורכשיסן דעם שטערן.

אַ גאַנצן פֿאַרנאַכט, זינט די שוואַרצע קלאַראַ איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט שאַמשע אַרומגעזוכט דעם טיפּעש און אים ניט געקאָנט געפֿינען. אינדערפֿרי האָט מוישע פֿאַרטשעפּעט די שוואַרצע קלאַראַ, ווען זי האָט שפּאַצירט אין לינקאָלן טערעס פּאַרק. זי איז געווען פֿאַרפּוצט אין אַ ווייס קלייד, מיט אַ גרויסער געלער בלום באַם טיפן דעקאָלטע, מיט אַ גרויסער ווייסער הוט און מיט אַ שירעמל אין האַנט. זי איז געקומען אין פּאַרק מיט צוויי פֿולע פּאַפּירענע זעקעלעך אין האַנט. פֿון איינעם האָט זי געקליבן קערלעך און געקנאַקט, און פֿון צווייטן האָט זי אַרויסגעצויגן הויפֿנס קליינע יאַדרעלעך און צוגעוואָרפֿן די טויבן, וואָס האָבן זיך וואָרקענדיק געשפּילט אַפֿן זוניקן, האַרבסטיקן גראָז. זי איז געשטאַנען פֿאַרטראַכט איבער די טויבן, וואָס זיינען אומגעלאָפֿן, געפּיקט די יאַדרעלעך און געוואָרקעט. מיטאַמאָל האָט זיך אונטערגערוקט מוישע טיפּעש:

— העלאָ, שוואַרצע קלאַראַ!

— העלאָ, טיפּעש! וואָס האָט דיך אַנגעטראָגן אַהער?

מוישע טיפּעש האָט דורך זיינע וויעסלאָזע אויגנדעקלעך זשעדנע געקוקט אַף קלאַראַ'ן און מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט:

— סעי, שוואַרצע קלאַראַ, ווילסט זיין מיין נעקייווע?

זי האָט אַ הויב געטאָן איר שירעמל. ער האָט עס אָנגעכאַפּט, אַראָפּגעלאָזט און איר געזאָגט:

— ק׳מאַן, שוואַרצע קלאַראַ, ס׳וועט דיר באַ מיר גאָרניט פעלן...

— טראָג אַוועק דיין צעפוילטן גוף, טיפּעש!

— שאַמשע׳ס גוף שמעקט דיר בעסער? ק׳מאַן, שוואַרצע קלאַראַ! ער שלאָגט דאָך דיך. קאָנסט באַ אים דעם קאָפּ ניט אויפ־הויבן.

זי האָט ווידער אַ הויב געטאָן דאָס שירעמל. ער האָט עס אָפּ־געוועדט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אַ כאַפּ געטאָן קלאַראַ׳ן באַ אַ ברוסט, געדריקט מיט דער פולער זשמעניע און אויסגערופן:

— האָסט געזונטע ציצקעס, אַ כאָליערע...

מיטאַמאָל האָט אים קלאַראַ דערלאַנגט אַ בריק. דער טיפּעש איז גרין און געל געוואָרן. ער האָט זיך גענומען קאָרטשען אַרונטער מיטן קאָפּ צו די פיס. אַפן שטערן איז אים אַרויס אַ שווערער שוויים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער אַספּאַלטענער סטעזשקע אין פּאַרק. די שוואַרצע קלאַראַ איז אַוועק מיט גיכע טריט.

אַהיים איז זי געקומען פאַרנאַכטלעך, ווען שאַמשע האָט שוין געהאַט אַריינגעגאָסן. ער האָט שוין פון אַלעם געוואוסט. באַלד ווי ער האָט דערהערט קלאַראַ׳ס טריט באַ אים איבערן קאָפּ אַפן שאַלקע, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט די שטיגן אויבן. זי האָט אים אָנגעקוקט און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שרעק. ער איז צוגעגאַנגען האַרט לעבן איר און שטרענג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דער טיפּעש געוואָלט פון דיר?

— אָ, נאַטינג...

— איך פרעג דאָך! — האָט ער אַ רעווע געטאָן.

— ער האָט געוואָלט איך זאָל ווערן זיין נעקייווע, — האָט זי אַ צעשראָקענע געזאָגט מיט האַכנאָע.

— סאָ, הי דיד, הע?! — גאָדעם יו — דו שלעפּסט זיך אַרום, וואו דו קאָנסט אים געפינען, סטעררווע! — און ער האָט איר אַ זעץ געטאָן אין ברוסט.

זי איז געפאַלן מיטן רוקן אַפן קאָמאָדל און מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעגליטשט אַף אַ דערבייאיק בעטל. אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן און באַלד האָט זיך דערהערט אַ כליפּען. שאַמשע האָט באַפעלן:

— ניט פּיסטשען! . . .

זי האָט איינגעהאַלטן דאָס כליפּען. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן בעטל, אַרומגענומען זי און געגלעט.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי בא אים געפרעגט:

— ווער האָט דיר דערציילט?

— אַ פייגל האָט געפּיסטשעט אָפן דאַך, — האָט ער געענטפערט.

זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט „גוטע פריינט", וואָס וויסן יעדע קלייניקייט, וואָס קומט־פאָר אין בראָנזוויל. זי האָט זיך נאָך אַלץ געטוליעט צו אים. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אירע אָרעמס און איז אַרונטער אונטן. דאָ האָט ער הינטערן בופעט אויסגעטרונקען אַ גלאָז בראָנפן, האָט זיך אַ ביסל געפּאָרעט בא אַ טיש־קעסטל, אַריינגערוקט די צוויי רעוואָלווערן אין די קעשענעס און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט גיין מיט צוויי רעוואָלווערן.

ער איז געגאַנגען מיט פאַרלאָפּענע אויגן. געזען האָט ער שוין פאַר זיך מוישע טיפּעש — „מיט אַ בלייערל אין שטערן" — פון שטערן רינט אַ ריטשקעלע בלוט, אויסגעמישט מיט ווייכן מאַרך; מוישע'ס וויעסלאָזע אויגנדעקלעך, וואָס לויפן אַלעמאָל אַרום, זיינען שטאַר אָנגעשטעלט אָפּן באַלקן. — „האַ, יו סאָן אָוו אַ ביטש — מיין נעקייווע ווילט זיך דיר, מיין קלאַרא — אָט האָסטו..." ער האָט געמורלט צו זיך אַליין און האָט שוין ווילד האַנאָע געהאַט פון דעם, וואָס ער האָט געטראָפן מוישע טיפּעש גלייך אין שטערן אַריין. דאָס איז בא אים געווען אַ יערושע נאָך פון סינג־סינג, וואו ער איז געזעסן אַכט יאָר. זיין קאַמער־שאָכן האָט אין אים איינגעפּלאַנצט די לוסט צו שיסן גלייך אין שטערן אַריין:

— איך האָב ליב צו שיסן גלייך אין שטערן אַריין, — פלעגט ער אים אַלעמאָל זאָגן. — איט'ס עי לאָט אָוו פאָן, ווען יו געט די ראַיט סאָן אָוו אַ ביטש...

שאַמשע האָט באַם אַרויסגיין פון סינג־סינג אין זיך געבאָוועט דעם געדאַנק וועגן שיסן עמיצן אין שטערן אַריין. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אַ פאַרשטילטער. זיין שענקל, וואָס מען האָט פאַר אים אָנגעפירט, אפילע ווען ער איז געווען אין סינג־סינג, האָט אים געגעבן נענוג פּאַרנאָסע. די קונדן זיינע האָבן אים געקענט און אויסגעמיטן

מיט אים זיך איינרייסן. לאנג איז זיין װאָרט געװען געזעץ אין זיינע קרייזן. נאָר איצט האָט דייװוקע אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט אים. מוישע טיפּעש האָט געהאָלפן צונעמען זיין פּאַרנאָסע און האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו דער נעקייװע זיינער. זיי מיינען, ער איז שוין ניט דאָס װאָס אַמאָל — װועל, ער װעט זיי װייזן.

ער האָט געהאַפּט געפינען מוישע טיפּעש באַ די יוניאָן־װאָלן. ער האָט געװאוסט, אַז מען אַרבעט ניט היינט באַ דער „יוניע" מיסטער שאָץ, אין שאָפּ. איז ער געגאַנגען אין יוניאָן־לאָקאַל — עפּשער איז מוישן דאָרט פּאַראַן. װען דזשאָסלין האָט אים אַרויסגעפירט אין גאַס, אַ שמייכל געטאָן און אים אָפּגעגעבן די רעװאָלװערן, איז ער אװעק גלייך צו דייװוקע׳ן אין דער געמבליאַרנע, װאו עס האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן זאַמלען אַ סאַך פון שאַמשע׳ס קונדן.

:: :: ::

דייװוקע׳ס קענדי סטאָרקע איז געװען אַן אַרימינקע, אַ פאַר־כױשעכטע מיט אַ פאַרכױשעכטן פּאַרנעט, אַן אַלטן פּאַונטעין און מיט אַ ביסל פאַרלעגענע סכוירע. באַלד װי ער האָט געקױפט די סטאָרקע, האָט ער דערזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן — דער שװער האָט אים אָפּגענאַרט. קיין סאַך קוינים זיינען אין דער סטאָרקע אויך ניט געקומען. די מענטשן פון אַרום האָבן געזען, װער עס האָט זיך גענומען שאַרן אַרום דייװוקע׳ס קענדי סטאָר, האָבן זיי אָנגעהויבן װייכן. בעסער זיין פון דערװייטן פון דער כעװרע. נאָר באַלד איז דייװוקע׳ן געקומען אַפן געדאַנק אַ געניאַלער פּלאַן. ער װעט נאָך מאַכן געלט — אַ סאַך געלט. זאָל נאָר קיינער ניט װיסן... ער האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן „פּראַשקעס".

קומט־צו אַ קאַסטאָמער און בעט אַ פּעקל סיגאַרעטלעך, גיט ער אים— װער װעט עס כױשעד זיין. נאָר דער װאָס האָט געדאַרפט, האָט אין דעם פּעקל, אין אַ סיגאַרעטל, אַפן אָרט פון דעם טאַבאַק, געפונען אַ „פּראַשעקל". דייװוקע האָט אָנגעהויבן מאַכן געלט. אַזוי איז עס געגאַנגען ביז מיט אייניקע װאָכן צוריק. מיטאַמאָל האָבן זיך באַװיזן עטלעכע כעװרע, אַזעלכע הויכע, געזונטע, מיט רויקע קאַרקן, און פאַרכאַפּט דייװוקע׳ס אַלע פּעקלעך סיגאַרעטן. מען האָט אים

איינגעזעצט. דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגע־שפּאָרט, און נאָך מער, איז אַוועק אַף אַרויסצוקריגן דייוועקע׳ן פון טורמע. ווען ער איז אַרויס, האָט ער באַשלאָסן — אויפגעבן, ביז עס וועט זיך אָפּקילן. ער איז אַרויס אָן אַ פּעני געלט, מיט אַ סאַך כוויוועס. פאַרקויפן „פּראָשקעס" האָט ער אויפגעהערט, נאָר די געמ־בליאַרנע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין די הינטער־צימערן פון זיין סטאָרקע, איז געוואַקסן. אַלץ מער און מער מענטשן פלעגן קומען אַהער שפּילן אין קאָרטן, דאַיס. שאַמשע׳ס קונדן האָבן גענומען קומען אַהער.

עמעס, ס׳איז ניט געווען קיין שענק. אָבער דייוועקע האָט אַלעמאָל געקראָגן בראָנפן, ביר און צוביסן פאַר זיינע קונדן. עס האָט אים ווידער אָנגעהויבן גיין מיט דער פוטער אַרויף. נאָר דאָ האָט זיך געמאַכט דער אומגליק מיט שאַמשע׳ן. נאָך איידער שאַמשע איז גע־קומען צו דייוועקע׳ס געמבליאַרנע, האָט שוין עמיצער געלאָזט וויסן: — שאַמשע גייט.

דייוועקע איז אַריינגעלאָפן אין הינטער־צימער: שאַמשע קומט אַהער! — האָט ער אָנגעזאָגט אַ בסורע. דייוועקע איז באַלד אַרויס. נאָר מוישע טיפּעש איז בלייך געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך אַ ריס געטאָן דורכן אָפענעם פענצטער אין הויף אַריין. ער איז פאַרקראָכן אין קעלער צווישן טוכלען אָפּפאַל. דאָרט איז ער אַ ווײַלע געלעגן אין טויט־שרעק. ווען ער האָט פון אויבן דערהערט שאַמשע׳ס טראַכק מיט דער טיר, איז ער מיט ציטערדיקע קנעבלעך צוגעגאַנגען צו דער פאָדערשטער טיר פון קעלער, איז אַרויס אין גאַס — קימאַט געלאָפן, ביז ער האָט פאַרקירעוועט אַרום ווינקל.

שאַמשע אויבן האָט געשריען:

— ווהער איז די בעסטערד?

— הו? — וועגן וועמען רעדסטו, שאַמשע?

— ק׳מאָן, יו נאָו — וואו איז דער טיפּעש?

— ער איז דאָ נישטאָ. זעסט ניט?

ער האָט דערזען דאָס אָפענע פענצטער און איז צוגעלאָפן. אין הויף איז קיינער ניט געווען. ער איז געבליבן שטיין, געטראַכט אַ ביסל און געזאָגט שוין געלאַסענער:

— אי׳ל גער די בעסטערד! — כ׳וועל אים פאקן.

ער האט יעדן איינעם באטראכט, מיטאמאל א כאפ געטאן א טעשל קארטן פון טיש, א שמיץ געטאן דורכן פענצטער און איז צוריק ארויס.

:: :: ::

אין דער יוניאן זיינען די וואלן געגאנגען שוין דעם צווייטן טאג. באלד־באלד און מען וועט זיך נעמען ציילן די שטימען. ארום דעם לעיבאר לאיסעאום האבן זיך געקליבן גרופקעס ארבעטער, געשמועסט און געוואַרט אפן אויסגאנג. דערווייל האט מען געכאפט א שמועס וועגן דעם, ווער עס וועט דערוויילט ווערן. איינער האט געזאגט:

— דזשאסלין וועט זיכער אריין.

— וואדען? — האט געענטפערט א צווייטער, — אז ער האט פארנומען דעם אפיס נאך איידער ער איז „עלעקטעד".

און דזשאסלין איז ווירקלעך געווארן ביזנעס־אגענט, איידער מען האט אים דערוויילט. ער האט אייניקע מאל געזאגט די באל־מעלאכעס, אז ער וויל ניט גיין אין אפיס ניט־דערוויילטערהייט. עס ברענט ניט — מ׳עט מיך דערוויילן, וועל איך ווערן ביזנעס־אגענט,— האט ער געזאגט. נאר אז מען האט אים אין צענטראלן יוניאן־אפיס געזאגט, אז ער מוז פארנעמען ברודער שאצ׳עס פלאץ, האט ער זיך קיין סאך ניט געלאזט בעטן און איז אריין אין אפיס, פון וועלכן די „יוניע", ברודער שאץ איז ארויס. און באלד ווי ער איז אריין אין אפיס, האט ער זיך גענומען צוגרייטן צו די וואלן צווישן די אפערעי־טארס, שניידערס און פרעסערס פון בראנזוויל.

ברודער שאצ׳ן האט מאדנע אונטערגעשפילט כאניג׳ס שאפ. די בראנזווילער באלמעלאכעס האבן נאך קיין צייט ניט געהאט זיך אנצופרייען ווי געהעריק, ווי כאנין מיט זיין שאפ איז ווידער פאר־שוואונדן. אז די קאמיטע איז אפן דריטן טאג געקומען צו דעם מויער אף דער פארוואָרפענער גאס אין ברוקלין, האט זי געפונען די טויערן ברייט אפן. ארום די טירן פון מויער האבן זיך געוואלגערט צע־בראכענע קעסטלעך. אינעווייניק, זיינען אין דיל פארבליבן אייניקע שרויפן און שווערע טשוועקעס — א זייכער, אז דא זיינען ערשט

געשטאַנען מאַשינען און מען האָט אין גרויס איילעניש זיי אַרויס־געשלעפּט מיט די געשטעלן צוזאַמען.

אַף זיידעל'ן האָבן די פּוסטע ווענט זיך געלייגט שווערער, ווי אַף די אַנדערע. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, וואָס איז געווען ענלעך אַף אַ זיפץ. ער איז געווען אויסגעמוטשעט פון לאַנגער אַרבעט־לאָזיקייט, פון דער קראַנקהייט פון זיין קינד, וואָס האָט אים אויס־געזויגן די לעצטע פּעני ביזן מאַרך פון די ביינער. הערי האָט זיך אַרומגעקוקט. זיידעל'ס שווערער אָפּאָטעמען האָט אים טיף גערירט. ער האָט אין דעם זיפץ דערהערט די ווייטיקן פון כאַנינ'ס באַל־מעלאָכעס, וועלכע האָבן שוין זיך אַזוי לוסטיק געמאַכט, ווען מען האָט געפונען כאַנינ'ס שאַפּ. ווען מען האָט כאַנינ'ס סקעבס געבראַכט אין יענעם כמורנעם פרימאָרגן אין דער יוניאָן אַריין, האָבן די באַל־מעלאָכעס זיך געוויצלט:

— אַז עס האָט קרומע פיס און עס לויפט. ווי ווייט קאָן עס פאַרלויפן ?

הערי האָט דערפילט, ווי די פריילעכקייט פון די שניידער טוט זיך אָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף קערנער'ן, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער טיר, צום אַרויסגאַנג. שלוימקע דער שוואַרצער, וועלכער איז געווען מיט זיי, האָט אַ דינעם, לאַנגן פייף געטאָן און זיך אָפּגערופן :

— אַ בראַנד אים אין די קישקעס ! זאָל ער ברעכן אַ האַנט מיט אַ פוס, איידער ער קומט אָן אין זיין נייער באַגרעבעניש.

דאָס האָט איבערגעריסן דאָס שווערע שווייגן פון דער קאָמיטע און מען האָט גענומען איבערכעשבענען : — וואוהין האָט כאַנין איצט געקאָנט לויפן ?

קערנער'ס מיינונג איז געווען, אַז ער איז אַנטלאָפן אויסער דער שטאָט. זיידעל'ן איז איינגעפאַלן : עפּשער האָט כאַנין אַריבער־געפירט די מאַשינען אין אַלטן שאַפּ ? ער האָט דערזען, אַז מען קאָן ניט אַנטלויפן, האָט ער זיך איבערגעבעטן און האָט זיך צוריק אַריינ־געצויגן פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן.

די טרייסט איז געווען אַז אומזיסטע. יעדער איינער האָט געזען, אַז כאַנין איז נישטאָ — אַנטלאָפן. און ווען די נייעס איז אָנגעקומען קיין בראַנזוויל, האָבן די באַלמעלאָכעס פון כאַנינ׳ס שאַפּ מיט אָראָפּ־געלאָזטע קעפּ געערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך זוכן אַ נײַ דזשאָבל. נאָר דעם זעלביקן פאַרנאַכט האָט פּאַסירט עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט כאַנינ׳ס באַלמעלאָכעס ווידער געגעבן אַ שטיקל האָפענונג. צום מיטינג פון דער שאַפּ־קאָמיטע איז געקומען „די יוניע", ברודער שאַץ. ער איז זיך אַריין אין צימער ניט ווי אַלעמאָל, נאָר מיט שטילינקע טריטעלעך. מיט אים איז אַריין דזשאָסלין. אַז די עטלעכע מענטשן פון דער שאַפּ־קאָמיטע האָבן זיך אויסגעזעצט, האָט דזשאָסלין געמאַכט אַ פאָרשלאָג:

— אַזוי ווי כאַנינ׳ען זוכן איז שוין נוצלאָז, דאַרפן מיר געפינען אַן אַנדער מיטל, ווי צו עפענען דעם שאַפּ. דאַווקע מאַכט זיך איצט אַזאַ געלעגנהייט. ברודער שאַץ, אונזער ביזנעס־אײדזשענט, האָט איצט אַ געלעגנהייט צו ווערן אַ קאָנטראַקטאָר פאַר שטירנער און זין. שטירנער זאָגט אים צו פערציק וואָכן אַרבעט. ער וועט קאָנען קריגן נאָך אַ מאַנופעקטשורער, וועט מען בײַ אים קאָנען אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר. ס׳איז ניט קיין שלעכטער „פּראָפּאָזישאָן", נאָר ברודער שאַץ וויל ניט ווערן קיין באָס. אויב די באַלמעלאָכעס, זאָגט ער, וועלן אים בעטן און די יוניאָן וועט אים הייסן, וועט ער עפענען דעם זעלביקן שאַפּ, וואָס כאַנין האָט געהאַלטן.

— נאַט אַן היז לײַף! — האָט קערנער אויסגערופן. ער איז געווען צעטראָגן פון דעם קלאַפּ אַרום כאַנינ׳ס שאַפּ, און אים האָט ניט געאַרט וואָס ברודער שאַץ איז דאָ דערביי. — מיר וועלן ניט לאָזן קיין יוניאָן־באַאמטן ווערן אונזער באָס. איך וועל בײַ אַזאַ באָס ניט אַרבעטן...

דאָס איז געווען שאַרף געזאָגט. די אַנדערע מיטגלידער פון דער שאַפּ־קאָמיטע האָבן אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. קיינער האָט אַפן מאָמענט ניט געוואָלט ריידן, ביז הערי האָט געבראָכן די שטילקייט:

— איצט, אַז ברודער שאַץ וויל ווערן אַ באָס, דאַרף ער ניט זײַן בײַ אונזער קאָמיט׳, בעטאיים מיר פאַרהאַנדלען אַזאַ פראַגע.

ברודער שאַץ איז באַלד אַרויס, און הערי האָט ווידער גערעדט:

— ברודער קערנער איז אַ ביסל צעטראָגן און דעריבער צו־איבעראײַלט. איך רעכן, אַז מיר דאַרפן ניט שטערן ברודער שאַצ'ן ווערן אַ קאָנטראַקטאָר. אויב מיר וועלן אים שטערן איצט, וועט ער סײַ־ווי ווערן אַ קאָנטראַקטאָר אַן אַנדערש מאָל. מיר וועלן דורך אים צוריקגעבן די אַרבעט צו די באַלמעלאָכעס פון כאַנינ'ס שאַפּ. נאָר צו איין זאַך, — האָט הערי צוגעגעבן, — שטים איך ניט צו. מיר וועלן אים ניט בעטן און מיר וועלן אים ניט געבן קיין העכערער אַף ווערן אַ באָס.

מיט אים האָט אײַנגעשטימט זיידעל. מיט אים האָט אויך אײַנגעשטימט שלוימקע דער שוואַרצער. בלויז איין קערנער האָט געשטימט געגן. ווען עס איז געקומען אַרויפצוגיין צו דער אַרבעט אין נײַעם שאַפּ, האָט קערנער ניט געוואָלט גיין. הערי און זיידעל האָבן מיט אים געדאַרפט לאַנג אײַנטאַינען, אַז ער ברעכט ניט קיין שום מענטשלעכע ווירדע און קיין שום פּרינציפּ דערמיט, וואָס ער גייט אַרבעטן בײַ אַ געוועזענעם יוניאָן־באַאַמטן.

— און איר, הערי, אַ קאָמוניסט, רעדט אַזוי?

— יאָ, איך, אַ קאָמוניסט, רעד אַזוי. ווען איר וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דער יוניאָן־באַאַמטער איז פריער ניט געווען קיין הייליקער, וואָלט איר אים איצט ניט באַטראַכט פאַר קיין שעד. אַ סאַך פון די יוניאָן־באַאַמטע ווערן אַזוי — באַלעבעסלעך...

סאָף־קאָל־סאָף איז קערנער אַרויף צו דער אַרבעט. דער שאַפּ איז געווען אויסגעקאַלכט. דורך די אויסגעוואַשענע פענצטער האָט דעם ערשטן טאָג אַרײַנגעקוקט אַ כמורנער פרימאָרגן. אַף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ נײַער לאַנגער זייגער, אָנשטאָט דעם פריערדיקן רונדן. נאָר די מאַשינען זײַנען, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען אויסגעשטעלט אין דער זעלבער אָרדענונג, ווי בעאיים כאַנין האָט דאָ געהאַט דעם שאַפּ. קערנער האָט זיך געזעצט בײַ זײַן מאַשין. אַף זײַנע ליפּן האָט זיך געשפּילט אַ בלאַסער, קרענקלעכער שמייכל. ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט פאַרגעבן, פאַרוואָס ער האָט געמוזט ברעכן זײַן וואָרט, אַז ער וועט ניט אַרבעטן בײַ קיין געוועזענעם יוניאָן־באַאַמטן. נאָר אין גאַנג פון דער אַרבעט, אין געזשום פון מאַשינען, אין לויף פון טעג און וואָכן האָט ער פאַרגעסן אַן דעם שאַרפן

פארדרוס, וואָס ער האָט געהאַט באַם אַרויפקומען אין שאָפּ. ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט די וואַלן. קערנער איז באַשטימט געוואָרן אין דער קאָמיסיע אַף דורכצופירן די וואַלן. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער זיך אַזוי אַריינגעוואָרפן, אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן צי ברודער שאָץ איז וועלן־ניט־איז געווען אַ יוניאָן־באַאַמטער. אים איז געגאַנגען אין לעבן דורכצופירן ערלעכע וואַלן. עס זיינען אין זיין שאָפּ געווען נאָמינירט: זיידעל אַלס דעלעגאַט צו דער דזשאָינט באָארד; הערי, אַלס דעלעגאַט צו דער עקזעקוטיווע פון די אָפּערעי־טאָרס, און דזשאָסלין, אַלס ביזנעס־אַגענט. אים איז געווען אַלצאיינס ווער עס וועט דערוויילט ווערן — כאָטש ער האָט געוואָלט, אַז הערי און זיידעל זאָלן אַריין — נאָר ערלעך מוזן די וואַלן זיין.

אין בראָנזוויל האָבן די פּרעסערס געפּרוּווט אַנטוויקלען אַ קאַמף קעגן דזשאָסלינ׳ען. שוין צייט, האָבן זיי געטאַינעט, אַז אַ פּרעסער זאָל זיין אַ ביזנעס־אייגדזשענט אין בראָנזוויל. איניקע אָנפירנדיקע פּרעסערס האָבן געפירט פּאָליטיק, געמאַכט דילס מיט די שניידער פון אַ צווייטן לאָקאַל, געפּרוּווט שאַפן אַ געהיימען אָפּמאַך מיט אַ טייל אָפּערעיטאָרס. ס׳איז געוואָרן אַ הייסער וואַל־קאַמף און די פּאַך־געפילן זיינען צעבלאָזן געוואָרן. די פּרעסערס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ לאָזונג: שניידער, „סטיקט” מיט די פּרעסערס, און די אָפּערעי־טאָרס וועלן אונז ניט באַהערשן. פון דער צווייטער זייט האָבן אַ פּאָר גרופּן פון די אָפּערעיטאָרס אָנגעפירט אַ העפטיקע אַגיטאַציע קעגן די פּרעסערס און קעגן דעם, אַז הערי זאָל דערוויילט ווערן. נאָר הערי איז געווען פּאָפּולער ניט בלויז באַ די אָפּערעיטאָרס, נאָר אויך באַ די אַנדערע פּאַכן און מיטגלידער פון אַנדערע לאָקאַלן האָבן אים אונטערגעשטיצט — כאָטש ער האָט אָפן געזאָגט, אַז מען דאַרף אַף קאַפּאָרעס באַזונדערע לאָקאַלן פון אָפּערעיטאָרס, פּרעסערס און שניידער.

באַם סאָף פון די וואַלן איז קערנער געווען אויסגעמאַטערט, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אַן אָפן אויג אַף אַלץ, וואָס קומט פאָר ביז דער לעצטער מינוט — ביז מען האָט אַף אַ שלעסל פאַרשלאָסן און מיט טריף־וואַקס פאַרכאַסמעט די בלעכענע וואַל־קעסטעלעך. די דאָזיקע וואַל־קעסטעלעך האָט מען דערנאָך אַרויסגעטראָגן אין אַן

אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אין דרויסן. אין פאָדערשטן טייל פון אויטאָמאָביל האָט זיך געזעצט דער טרייבער און קערנער. אין הינטערשטן — נאָך צוויי מענטשן פון דער קאָמיטעט. מען איז גע־פאָרן. קערנער האָט ניט געזען, וואָס אין דעם הינטערשטן טייל פון דער מאַשין טוט זיך. פאָרנדיק איבערן וויליאַמסבורג בריק אַפן וועג קיין ניו יאָרק צום האָל, וואו מען האָט געציילט די שטימען פון די אָפּעטעיראָרס, די פּרעסערס און די שניידערס פון גאַנץ ניו יאָרק, — אַלע אין באַזונדערע צימערן פון איין געביידע, — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט ווי עפּעס שווערס האָט זיך אַנגעשלאָגן אָן דער פאַרענטשע פון בריק און אין הינטערשטן טייל פון דער מאַשין, וואו די אַנדערע צוויי זיינען געזעסן, איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט זיך אַ קער געטאָן און ביידע זיינען שוין געזעסן רואיק.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט קערנער געפרעגט.

— דאַכט זיך, עפּעס איז געלעגן אַפן וועג אונטער די רעדער.

זיי זיינען ווייטער געפאָרן. זיי זיינען אָנגעקומען אין האָל אין א דאַון־טאַונער גאַס. אין איינעם פון די צימערן זיינען געווען אַ סאַך אָפּערעיטאָרס. מענטשן פון דער וואַל־קאָמיסיע פון די אָפּערעיטאָרס אין ניו יאָרק האָבן געציילט די שטימען. מען האָט אריינגעטראָגן די בראָנזוויל'ער באַלאָטירונג־קעסטלעך, אַוועקגעשטעלט אַפן טיש. קערנער האָט אַף זיי אַ קוק געטאָן און — עפּעס האָבן זיי אים אויס־געקוקט ווי ניט די קעסטלעך, וואָס ער האָט געהאַט אין בראָנזוויל. דער טריף־וואַקס און די שטעמפּלען האָבן אויסגעזען צו זיין די זעלביקע, נאָר די שלעסעלעך אַף די קעסטלעך זיינען געווען נייאינקע.

— וואָסי דאָס? — האָט קערנער אַ פרעג געטאָן. — ווי אַזוי זיינען די שלעסלעך אַף די קעסטעלעך געוואָרן נייע? מיר האָבן דאָך אָנגעטאָן אַלטע שלעסלעך?...

די מענטשן אַף דער בינע האָבן זיך איבערגעקוקט. די צוויי, וואָס זיינען מיטגעפאָרן מיט קערנער'ן, האָבן אים געפּרואווט איינריידן:

— איר האָט אַ טאָעס, קערנער. די אַלטע שלעסער האָט מען ניט אַרויפגעטאָן. איר געדענקט ניט? — מען האָט געקויפט נייע שלעסער.

נאָר קערנער איז געווען זיכער באַ זיך. ער האָט באַטראַכט דעם טריף־וואַקס און דערזען, אַז דער שטעמפּל איז ניט איינגעקלעפּט אַזוי, ווי ער האָט עס געדריקט. אים האָט אָנגעהויבן שלאָגן אין קאָפּ. ער איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט זיך פאַרלאָרן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און אויסגערופן:

— ברידער שניידער! —

דערווייל זיינען אין זאַל אַריינגעקומען זיידעל און נאָך איניקע בראַנזווילער באַלמעלאָכעס. קערנער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ברידער שניידער! איך האָב עטוואָס גאָר וויכטיקעס אייך צו מעלדן. מען האָט געגאַנוועט די בראַנזווילער עלעקשאַן!

ער האָט דערציילט די מאַיסע מיט די קעסטלעך און וואָס עס האָט פּאַסירט אַפן וויליאַמסבורגער בריק. פאַר אַלעמען איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די כעוורע, וואָס מען האָט מיטגעשיקט מיט קערנער'ן, האָבן געהאַט אַ באַפעל צו בייטן די קעסטלעך. ס'איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט שוין יענעם אָוונט ניט געציילט. ס'איז געבליבן, מען זאָל איבערגעבן צו דער אַפּערעיטאָרס עקזעקוטיווע פון גרעיטער ניו יאָרק, אַז זי זאָל ווידער אויפנעמען דעם איניען און באַשליסן וואָס צו טאָן.

די עקזעקוטיווע האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געציילט די שטימען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט לויט איר ציילן, אַז זיידעל איז דערווײלט געוואָרן מיט אַ מערהייט פון דריי שטימען, הערי מיט אַ מערהייט פון צוויי שטימען, נאָר דזשאַסלין איז אָפּיציעל דערווײלט געוואָרן ביזנעס־אַגענט מיט אַ מערהייט פון אַ פּאָר הונדערט שטימען איבער זיין פרעסערשן געגנער.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט, ווען קערנער, הערי, זיידעל און אַ גרופּע אַרבעטער זיינען אַרויס פון זאַל אַף דער איסט־סאַיד, איז עמיצער אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער אַ סלופּ, דערלאַנגט קערנער'ן אַ זעץ מיט עפּעס איבערן קאָפּ און איז פאַרשוואונדן, איידער עמיצער האָט געהאַט צייט זיך אַרומצוקוקן. קערנער'ן האָט גענומען שווינדלען אין די אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד. הערי און זיידעל האָבן אים אויפגעכאַפּט, צוגעפירט צו אַ דראַג סטאָר, וואו מען האָט אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ אַרום דער וואונד און פאַרהאַלטן דאָס בלוט.

באלד דערנאָך האָט מען אים אַפּגעפּירט צו אַ דאָקטאָר, כאָטש קערנער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז גאָרניט: —מען דאַרף ניט,—האָט ער געזאָגט. — איך קלייב זיך ניט אַזוי שנעל כּאַס־נע האָבן און ס׳איז דאָ צייט, עס זאָל זיך פאַרהיילן.

דער דאָקטאָר האָט אויך געהאַלטן, אַז ס׳איז ניט געפערלעך. סערנער איז אַוועק אַהיים. אַף מאָרגן אינדערפרי האָט ער אין קאָפּ געקראָגן שווערע ווייטיקן. הערי איז געווען באַ אים גאַנץ פרי. אַנאַ און סילוויע זיינען אויך געווען. זיי זיינען שוין צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען, נאָר גענומען קערנער׳ן צו אַ דאָקטאָר. עס האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז פון קלאַפּ איז אים צעשפּאָלטן דער שאַרבן.

:: :: ::

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט באַ דער טיר פון דער צענטראַלער יוניאָן אַף בראָדוועי געלויערט דער מאַן, וואָס האָט אַמאָל, לאַנג צוריק, געפרעגט קערנער׳ן צי ער גלויבט אין יעזוס׳ן. זיינע הענט, וואָס קאָנען ברעכן אייזערנע שטאַבעס, זיינען רואיק געזעסן אין די אַקסלען. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געגאַנגען אַף אַ שפּאַציר היין־און־צוריק. ער האָט פון דערווייטן דערזען איינעם פון זאַלמען גאָרגל׳ס זינדלעך. ער האָט אים נאָכגעפאָלגט ביז אַ זייטיקער גאַס, האָט אים אַ רוף געטאָן און אים דערלאַנגט די האַנט. נאָר באַלד ווי זאַלמען גאָרגל׳ס זינדל האָט אים דערלאַנגט די האַנט, האָט ער זיך גענומען דרייען און שרייען: „לעט גאָו! אָ! אָ! לעט גאָו, דעם יו!" נאָר דער מאַן האָט אים געדריקט די האַנט, אַז מען וואָלט געקאָנט הערן, ווי די ביינער טרעשטשען און ווערן אין פלייש צעמאָלן אַף אַש. עטלעכע שאַרפע דרוקן און זאַלמען גאָרגל׳ס זינדל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני, און דער מאַן האָט געפרעגט:

— וואָסעמערע, הוירטס? — מען האָט דיר געזאָגט „נאָ ראַף סטאַף" אַף דעם באַי קערנער . . . „נאָו, יו׳ל רימעמבער", וואָס מען זאָגט דיר . . .

ער איז אַוועק. זאַלמען גאָרגל׳ס זינדל איז געבליבן אַן איינ־געדרייטער אַפן טראָטואַר. מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען, דערזען,

זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אים אָנגעבאָטן הילף, נאָר ער האָט געזאָגט:

— נעווער מאינד, נעווער מאינד.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. די האַנט איז בא אים געהאַנגען ווי א פּאַראַליזירטע. דאָס פּאָנים איז אים געווען בלאָס. ער איז אוועק מיט וואַקלדיקע טריט, אָפּגעשטעלט א טעקסי, געגעבן דעם אַדרעס צו א דאָקטאָר און איז אוועקגעפאָרן.

די מענטשן, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן באַדויערט. א פרוי האָט באַמערקט: — ס'אַרא נעט־געקליידעטער יונגערמאַן.

דער דזשאַב, וואָס ס'האָט דורכגעפירט דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס און הענט, וואָס קאָנען ברעכן שטאַבעס אייזערנע ,איז געווען א נעטער. דזשאַסלין האָט געוואוסט ווען צו קלייבן אַלס א פריינט. באַלד ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט קערנער'ן, איז ער אוועק צו זיין פריינט און אים שטיל געזאָגט:

— גאָרגל'ס זינדל „פּלאָגד די באַי" קערנער. זע וואָס דו קאָנסט טאָן וועגן דעם.

דער מאַן האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער איז אַף מאָרגן אוועק לויערן אַף זאַלמענ'ס זינדל — איינער פון די צוויי, וואָס האָט דערלאַנגט קערנער'ן מיט א בלעק־דזשעק איבערן קאָפּ. ער האָט אים געפּאַקט, און א שאָ נאָכדעם איז זאַלמענ'ס זינדל געגאַנגען מיט א פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט.

— אויב דו וועסט אָפּשניידן גוט, — האָט אים דער דאָקטאָר געזאָגט, — וועסטו זעקס כאַדאָשים ניט קאָנען נוצן די האַנט. מעגלעך, אַז מען וועט דאַרפן אַן אָפּעראַציע. עטלעכעביינדלעך זיינען „גע־קרעקט".

אָפּן דריטן טאָג נאָכדעם, ווי מען האָט קערנער'ן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, איז דער מאַן מיט די הענט, וואָס קאָנען ברעכן אייזערנע שטאַבעס, געשטאַנען באַם בופעט פון שאַמשע'ס שענק, געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי מענטשן טרינקען, בייסן־צו און זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן. פּיטאָמאָל איז אַריינגעקומען זאַלמען גאָרגל. ער איז אַריין סקאָסע, מיט דער רעכטער זייט אויסגעשטעלט פאָרויס. און

געוואוסט האָט מען בא שאַמשע'ן, אַז ווען זאַלמען גייט אַזוי סקאַסע, טראָגט ער בא זיך דאָס גאָל־מעסער... ער איז אָבער ניט צוגעגאַנגען גלייך צום מאַן מיט די ברייטע פּליצעס. ער האָט שאַמשע'ן געהייסן געבן אַ טרונק און איז דערנאָך צו צום טישל, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם בופעט. ער איז געזעסן, געהויבן די אויגן אין אומרו און דער גאָרגל איז בא אים געלאָפן ארויף־און־אראָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס געשלונגען. דער מאַן מיט די הענט, וואָס קאָנען ברעכן שטאַבעס אייזערנע, איז צוגעקומען צום טיש און אַזוי ווי ניט אים מיינט מען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— לייג אוועק דעם רעיזאָר אפן טיש.

זאַלמען האָט זיך געפּרואווט ווערן. ער איז נאָך בלייכער געוואָרן, ווי ער איז געוויינטלעך געווען. ער האָט אָבער ארויסגענומען דאָס גאָל־מעסער און אוועקגעלייגט אפן טיש.

— נאָו, — האָט געזאָגט דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס, — לייג אוועק דיין גאָן אפן טיש.

גאָרגל האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן — פון וואַנען ווייסט ער וועגן אַ גאָן. ער האָט אָבער ארויסגענומען דעם רעוואָלווער און אוועקגעלייגט אפן טיש. איצט האָט דער מאַן געזאָגט:

— ליסן, גאָרגל, איך בין דיר אַ גוטער פריינט — יאַ?

— זיכער, — האָט גאָרגל געענטפערט.

האָט דער מאַן קיין וואָרט מער ניט גערעדט, אַנגענומען זאַל־מען'ען פארן קאָלנער, אים צוגעפירט צו דער טיר און געגעבן אַ שטויס. זאַלמען איז ארויסגעפלויגן דורך די צווי האַלבע וויג־טירלעך מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז מיט דער נאָז געפאַלן אפן אייזערנעם לאָמפּ־סלופּ, וואָס איז געשטאַנען אפן ווינקל פון טראָטואַר. די נאָז איז געווען איינגעקארבט, אַזוי ווי עמיצער וואָלט שווערס אף דעם ארויפגעפאַלן. זאַלמען גאָרגל האָט געקרעכצט: אוי, אוי. אפן גאַס האָט זיך געקליבן אַ רעדל. שאַמשע איז ארויס און אַריינגעפירט זאַלמען'ען צוריק. דער מאַן איז שוין געשטאַנען בא אַ שיסל וואַסער מיט אַ פּאָר טיכער. מען האָט אוועקגעזעצט זאַלמען'ען, און דער מאַן האָט אים געוואַשן דאָס בלוט, געלייגט אַלץ נייע קאַלטע קאָמפּרעסן און געזאָגט:

— איך האָב דיר געזאָגט, איך בין דיר אַ פּריינט . . . סאַ רי־מעמבער . . .

אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי שוין געטרונקען לעבאים: — זאָל זיין שאָלעם, — האָט שאַמשע געזאָגט, און אַלע דריי האָבן אַריינגעגאָסן אַ גלעזל. אַזוי שטייענדיק באַם בופעט, האָט שאַמשע דערזען ווי צו די צוויי האַלב־צעעפנטע טירלעך לאָזט זיך זאַלמענ׳ס צווייטער זינדל. ער גייט און אַט איז ער שוין אינעווייניק. שאַמשע האָט די הענט אַראָפּגעלאָזט אונטערן בופעט, וואו זיין רעוואָלווער איז געלעגן. זאַל־מען גאַרגל׳ס זינדל איז אַריינגעקומען אין דעם מאָמענט, און האָט זיך אָנגערופן צו שאַמשע׳ן:

— דאַרפסט עס ניט, שאַמשע . . . איך בין געקומען זען מיין פּאַפּ . . .

נאָר שאַמשע האָט די הענט פון אונטערן בופעט ניט אויפגעהויבן. דער באָכער האָט אַ קוק געטאָן אַף זיין טאַטן און געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אַף דעם מאַן. דער מאַן האָט דעם באָכער אָנגענומען באַ דער פּלייצע און באַפּוילן:

— אַהער דעם גאַן . . .

— איך האָב ניט קיין גאַן.

דער מאַן האָט אַ שאַר געטאָן איבער די קעשענעס פון גאַרגל׳ס זינדל׳ס ראָק און הויזן, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער טראָגט טאַקע ניט קיין רעוואָלווער. ערשט איצט האָבן זיי אַלע פיר אויסגעטרונקען לעבאים.

— פּאַר שאָלעם, — האָט געזאָגט שאַמשע.

— יאָ, פּאַר שאָלעם, — האָט געזאָגט דער באָכער. — זעסטאָך, איך האָב ניט קיין גאַן. איך טראָג אַ גאַן בלויז, ווען איך דאַרף עס „יוזן" . . . און ער איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון סאַלון, איבער־לאָזנדיק זיין פאָטער מיט די אַנדערע צוויי טרינקען בראָנפן.

די גאַנצע צייט, באַ דער געשעעניש מיט זאַלמען גאַרגל און זיין זינדל, זיינען עטלעכע מענטשן געשטאַנען באַם בופעט און געלאָסן געטרונקען — ווער זייער בראָנפן, ווער זייער ביר.

די נייעס וועגן זאַלמען גאַרגל׳ס זינדל מיט דער צעבראָכענער האַנט, וועגן זאַלמענ׳ען גופע, האָט זיך שנעל צעטראָגן צווישן בראָנז־

ווילער שניידער. א סאך שניידער האָבן דאָ דערקענט דזשאָסלין׳ס האַנט. שלוימקע דער שוואַרצער, וועלכער האָט זיך דערוואוסט די נייעס, שטייענדיק אַף אַ ווינקל ניט ווייט פון קערנער׳ס הויז, צוזאַמען מיט הערי׳ן, סילוויע׳ן און אַנאַ׳ן, האָט דערביי באַמערקט:

— דזשאָסלין איז אַריין אין אָפיס, באַיעלעך. „הי׳ז אין וויט עי בענג!״ . . .

2.

ס׳איז געווען אַ כמורנער זונטיק־פרי. דער גרויסער פּאַרק איז געווען פאַרלאָזט. אין די סטעזשקעס האָבן קערנער און אַנאַ געטראָטן אַף ווייכע אָנגעפאַלענע בלעטער — קופּער־רויטע, ברוינע, געלע, בלאַסלעך־גרינע. ס׳איז געווען פייכטלעך אין פּאַרק, כאָטש קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. אַנאַ האָט זיך געטוליעט צו קערנער׳ס אָרעם און אַ פאַרטרוימטע געקוקט אַפן טייך, דאָרט אַפן צווייטן ברעג, וואו עס האָבן זיך אַף דריבנענקע כוואַליעלעך געהוידעט לייכטע שיפלעך.

קערנער האָט גערן זי געלאָזט טוליען זיך, האָט אַריבערגעצויגן אַ האַנט איבער אירע אַקסל, זיך אַ האַרעלע איינגעבויגן, צוגעלייגט זיין באַק צו אירער, אַ גלעט געטאָן און האָט זיך ווייטער שפּאַצירט מיט איר. ער איז אין די לעצטע וואָכן געוואָרן אַזוי צוגעבונדן צו אָט דעם לעבעדיקן, העלן מיידל, צו וועמען עס האָט אים געצויגן — ער געדענקט שוין אַליין ניט ווי לאַנג. ער וויל ניט געדענקען. ער איז איר אַזוי דאַנקבאַר פאַר דער זאָרג אירער אין די וואָכן, וואָס ער איז געלעגן קראַנק אין בעט; פאַר דער פרייד, וואָס זי האָט אים געשאַפן. זי איז אַזוי ווי אַריינגעוואַקסן אין אים. אין די ערשטע טעג, ווען מען האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, צונויפגענייט די וואונד אין שאַרבן און געהייסן ליגן רואיק, האָט זי געצאַפּלט מיט זאָרג. אויך סילוויע און הערי און שלוימקע דער שוואַרצער האָבן זיך געזאָרגט. באַ סילוויע׳ן זיינען אַפילו טרערן געשטאַנען אין די אויגן. נאָר אַנאַ׳ס איבערגעבנקייט האָט אים אַזוי געוואַרעמט — זי איז אַרומגעלאָפן אַרום אים פאַרטאָג, איידער זי איז געגאַנגען

צו דער אַרבעט, אין דער מיטאָג־שאָ און יעדן אָוונט ביז שפּעט באַנאַכט. אַ פּאָר טעג איז זי איינגאַנצן ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט.

אַפֿן דריטן טאָג, וואָס קערנער האָט זיך געלייגט אין בעט, זיינען אים געקומען באַזוכן האָדעס און בערל זוב. אַנאַ האָט יענעם טאָג ניט געאַרבעט און געפּאַדיעט אַרום קערנער'ן. האָדעס איז אַריינ־געלאָפֿן אין צימער, אַ קוק געטאָן אַף קערנער'ן. ער איז געווען בלייך און האָט קוים געהאַלטן די אויגן אָפֿן. זי האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אַף די קני באַ זיין בעטל און קוים אַרויסגערעדט די ווערטער:

— וואָס מאַכסטו, איסראָעל?

זי האָט אים געהערט עפּעס אַרויסשטאַמלען און ניט געכאַפּט וואָס. אירע אויגן זיינען געווען פאַרלאָפֿן. זי האָט די אויגן אויפ־געהויבן, געקוקט, ווי דורך אַ זיפּ דערזען הענגען אַ בילד אַף דער וואַנט. זי האָט געקוקט און געקוקט, ביז די טרערן זיינען געוואָרן אויסגעטריקנט. זי האָט דערזען די רעפּראָדוקציע, וואָס זי, האָדעס, האָט אים געגעבן מיט יאָרן צוריק. דאָס בילד האָט געהייסן „אין שטורעם": — איבער אַ וואַלד יאָגט זיך אַ שטורעם — דער ווינט רייסט זיך דורך די בוימער, פליקט די צווייגן. מען קאָן, דאַכט זיך, הערן דאָס סוויסטשען פון ווינט און דעם געוואָי פון די צווייגן; און דורכן וואַלד — איבער זייערע קעפּ — אַ ברייט שטיק לייוונט אויפגעבלאָזן ווי אַ זעגל אין ווינט; און זיי יאָגן זיך — אַ יונג מיט אַ מיידל. איר קוקט אַפֿן בילד און איר טראַכט: צוויי שטורעמס: איינער אין וואַלד, רייסט די בוימער, און איינער אין די הערצער פון דעם יונג מיטן מיידל.

זי האָט איצט ווידער אַ קוק געטאָן אַף קערנער'ן און איר איז געווען אַזוי גוט, וואָס ער האָט נאָך דאָס בילד. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט און אים געוואָלט אַ גלעט טאָן אין קאָפּ. אַנאַ איז אונטער־געשפּרונגען, אָנגעכאַפּט איר האַנט און געזאָגט: — ניט אין קאָפּ, פּליז. אַן אַנדערש מאָל, ווען ער וועט געזונט ווערן, וועט איר אים גלעטן.

בערל זוב האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן אין הינטערגרונט און אַלץ באַטראַכט קערנער'ן. קערנער האָט אים אַ רוף געטאָן מיט

דער האַנט און מיט אַ שוואַכער שטימע אים געבעטן זיצן. בערל איז געקומען מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם — זיין אייגן ביכל, דאָס ערשטע. ער איז געקומען לייענען לידער קערנער'ן — זיין פריינט. נאָר אין דעם צושטאַנד איז ער געבליבן אַ צעטומלטער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט קערנער'ן אָפּגעגעבן שאַלעם אַליכעם און אים דערלאַנגט דאָס ביכל. קערנער האָט צוגענומען, געפּרוּווט אַ מיש טאָן און גאָרניט געזען. אַנאַ האָט פון זיינע הענט אַרויסגענומען דאָס ביכל און אַוועקגעלייגט אויף דער אָפענער שאַפע, וואו עס זיינען געלעגן נאָך אַ סאַך ביכער.

בערל זוב האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער — פון אַנטקעגן אין הויף האָט אַ שיין געטאָן סכאַך. ס'איז געווען אַ סוקע אין הויף און אין דער סוקע איז אַריינגעלאָפן אַ פרוי אין אַ ווייס פאַרטוכל. באַלד האָט זיך דערהערט אַ גראַמאָפאָן. אַ כאַזן האָט עפּעס געזונגען. אַנאַ האָט אַ ציטער געטאָן. זי איז אַרויסגעלאָפן און אין אַ פּאָר מינוט האָט דער גראַמאָפאָן איינגעשטומט. בערל און האָדעס זיינען געזעסן שטילע. מען האָט נאָך מיט קערנער'ן ניט געקאָנט ריידן ווי געהעריק. זיי זיינען געזעסן אַ ווײַלע און אַוועק. אַ ביסל שפּעטער האָט קערנער געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון דעם דיכטער זשווירלין. די טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט:

— דערשיטערט. סקאַנדאַליעז. וועל שרייבן אַ ליד.

ווען אַנאַ האָט דורכגעלייענט די טעלעגראַמע, האָט זי געפרעגט קערנער'ן:

— ער וועט וועגן דיר שרייבן אַ „פּאָעם"?

— מיסטאָמע אַזוי, — האָט קערנער שטיל געענטפערט און איז פאַרזונקען אין קישן.

אַ זונטיק שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין געקאָנט באַוועגן פרייער און די קאָפּ ווייטיקן זיינען פון אים פאַרשוואונדן, האָט אים אַנאַ אַרויפגעבראַכט ציַיטונגען. ער האָט איינע צעעפנט און אים האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ ליד, וואָס האָט געהייסן „דער געפאַלענער העלד". איבערן ליד האָט זיך געלייענט: „פון מאיר זשווירלין".

ער האָט אָנגעהויבן לייענען:

ביסט געפאַלן אינמיטן גאַנג,
ביסט געפאַלן ווי אַ העלד;
דיך פאַרשניטן ווי אַ זאַנג
אינמיטן בלומען-פעלד . . .

קערנער האָט אוועקגעלייגט די צייטונג: — וואָס פאַר זאַנג, וואָס פאַרא פעלד, וואָס פאַרא ציבעלעס? — האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אַנאַ האָט געכאַפּט די צייטונג און געלייענט און אויסגערופן: „דעהט׳ס נאָיס, קערנער. ער מיינט דאָך דיך.״ קערנער האָט דערלייענט דאָס ליד ביזן סאָף, געבעטן אַ פעדער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן דעם דיכטער זשווירלין אַ שאַרף בריוול. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער געקראָגן אַן ענטפער בעזע האַלאָשן: — איר זייט אַן אומדאַנקבאַר באַשעפעניש . . . איך האָב אייך גע־האַלטן פאַר אַ קונסט־מייוון . . . ס׳איז ניט צום ערשטן מאָל, וואָס איך נאַר זיך אָפּ. . . . אַדיע. איך האָף איר זייט שוין געזונט. מיט אַכטונג: זשווירלין.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַנאַ אַרויפגעקומען צו קערנער׳ן. זי איז געקומען גלייך פון דער אַרבעט. קערנער איז געווען אַראָפּ פון בעט. זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און געהייסן זיך לייגן. ער האָט ניט געוואָלט — האָט זי אים אָנגענומען פאַרן אָרעם, אַוועקגעזעצט אָפן בעטל. ער האָט זי געפאָלגט, ניט ווייסנדיק אַליין פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ האַכנאָע. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין בעט. זי האָט אים געמאַכט עסן, אָנגעקאָרמעט, אים געבראַכט צייטונגען. ער האָט געלייענט און דערווייל האָט זי אַזוי שיין אויפגעראַמט זיין צימער. ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דערנאָך זיינען זיי געזעסן און געשמועסט. ס׳איז געוואָרן שפּעט באַנאַכט. זי האָט אויס־געלאָשן דאָס גרויסע ליכט און אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל אָפן טיש לעבן אים. ער האָט געדרעמלט. זי איז געזעסן און געקוקט אַף אים. זי איז געווען מיד. די אויגן האָבן זיך איר געקלעפּט. אָט, דאַכט זיך, הויבט זי זיך אויף און גייט אַהיים — נאָר זי זעצט זיך בא קערנער׳ן אָפן בעטל און שפּאַרט־צו איר בלאָנד קעפּל אָפן קישן. דורך איר דין קליידל רייסט זיך דורך אַ יונג־פרויאישער, פרישער רייעך.

די יונגע בריסטלעך רייסן זיך פון קלײדל. קערנער גלעט איר אין האלב־דרימל דעם קאָפּ, נעמט זי אַרום, ציט זי צו צו זיך און זי נורעט זיך איין אין זיין ברוסט — אַזוי איז זי שוין געבליבן יענע נאַכט בײַ קערנער'ן. אינדערפרי האָט קערנער אַ פרעג געטאָן:

— האָסט כּאַראַטע?

— כּאַראַטע? — פאַרוואָס? דו האָסט כּאַראַטע? — און זי לאַכט פאַרשייט.

ער האָט זי פעסט צוגעדריקט צו דער ברוסט, איר אַ לײדנשאַפט־לעכן קוש געטאָן, און זי איז אַוועק צו דער אַרבעט. זינט דאַן איז זי שוין געבליבן בײַ קערנער'ן שלאָפן אַנדערע נעכט. מאָדנע איז געווען, וואָס קערנער איז צו איר אַזוי צוגעבונדן געוואָרן, אַז זי פלעגט אים שוין אויספעלן — עפּעס איז אין זיין צימער געווען פוסט, ווען זי איז ניט געווען. און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, ווען ער איז אַוועק צו דער אַרבעט, ווען ער איז אַריין אין שאַפּ, האָט ער דאָס ערשטע זיך אומגעקוקט צי אַנאַ איז דאָ בײַ איר מאַשין. ער איז אַפילו ניט איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט פון דער זייט דער־הערט אַ באַמערקונג פון אַ באַלמעלאָכע:

אַ יונג אַ ברען, קערנער. האָט זיך געלייגט אַליין און איז אויפגעשטאַנען בײַ־צווייט . . .

סילוויע, וועלכע האָט געהערט די באַמערקונג, האָט זיך ברוסטיק צעלאַכט. קערנער'ן האָט איצט דאָס געלעכטער געקלונגען מאָדנע וואולגאַר. ער האָט צוגעשמייכלט דעם באַלמעלאָכע מיט אַ טעמפּן שמייכל און סילוויע'ן גאַרניט געזאָגט.

— גיי שוין, קערנער, — האָט סילוויע אים פאַרטשעפּעט, — צו וואָס דער בלעכענער שמייכל? פון אַ גוטן שפּאָס מעג מען אַלע־מאָל לאַכן.

— דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערן, סילוויע. דער געלעכטער האָט דיר ניט געפּאַסט . . .

זי האָט דעם טאָג מער ניט גערעדט און ניט געלאַכט. אין האַרצן איז זי אַנאַ'ן געווען אַ גוטער פריינט. זי האָט געוואוסט, אַז אַנאַ איז זייער שיין. אָבער אַז קערנער זאָל „אַריינפאַלן אין איר נעץ" — אַזוי האָט זי געטראַכט, — אויף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. זי האָט

נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז זי איז פון אַן אומפאַרגלייכלעך העכערן מין מענטש, ווי אַנאַ און אַלע איבעריקע באַלמעלאָכעס אַרום איר, כאָטש זי האָט זיך אין די לעצטע וואָכן זייער שטאַרק דערנעענטערט צו הערי'ן און הערי צו איר.

אַזוי זיינען געלאָפן טעג. זונטיק איז אַנאַ געווען בײַ קערנער'ן אין צימער. די הימלען זיינען געווען פאַרוואָלקנט. אַנאַ איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נעט סוועטערל מיט אַ לייכטן רעגנמאַנטל. קערנער איז מיט איר אַרויס פון הויז אָן אַ באַשטימטן ציל. אָט זיינען זיי דערגאַנגען צום גרויסן פּאַרק, וואָס זעט ערטערווייז אויס אַזוי ווילד ווי אַ וואַלד, און ערטערווייז איז ער מאָדערניזירט מיט ברייטע אַספּאַלטענע וועגן, איבער וועלכע עס טראָגן זיך אָפט דורך אויטאָ־מאָבילן. זיי זיינען ביידע געגאַנגען און ניט מיד געוואָרן קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, און ניט מיד געוואָרן ריידן:

— ביסטאָך אַזוי שיין, דו מיידל.

— און דו ביסט אַזאַ גרויסער, שיינער באָכער. . .

— און ס'איז אַזאַ גרויסע, שיינע וועלט . . .

— ס'איז בלויז כמאַרנע . . .

— ס'איז שיין, ווען ס'איז כמאַרנע. איך האָב עס ליב.

— איך האָב עס אויך ליב.

— און ס'איז אַזוי גוט צו לעבן אויף דער וועלט! ס'איז אַזאַ וואונדערלעכע וועלט!

— ס'איז טאַקע וואונדערלעך מיט דיר אויף דער וועלט.

— מיידל שיינע, מענטשן פאַרמיעסן אַזאַ שיינע וועלט.

— וואָס אַרן אונז די מענטשן, אַבי אונז איז זי שיין . . .

— אונז דאַרף עס אַרן, שטאַרק אַרן. אַז ניט וועט מען אונז דאָס לעבן אויך פאַרמיעסן. אָט זעסט: הערי, ער איז אַ שיינער מענטש. ער האָט ליב די וועלט — אָבער ער פילט די מיעסקייט, וואָס מענטשן ברענגען מיט זיך.

— אָ, ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ הייסער קאָמוניסט.

— דאָס איז אַ גרויסע זאַך, אַנאַ שייניניקע — שענער ווי דאָס, וואָס דו האָסט מיך ליב . . .

— און דו ביסט אַ קאָמוניסט?

— ניין, טיערע, נאָך ניט. עפּשער מיט דער צייט — איך וועל זיך דערפילן, אַזוי ווי הערי — פּאָשעט און פּראָסט, מיט אַ ברייט מענטשלעך האַרץ, מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די אַלע שווערע פּראָבלעמען פון דער וועלט און מענטשן . . .

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנאַ׳ן. זי האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און געשלונגען יעדעס וואָרט. דאַכט זיך, זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. געוויס האָט זי פאַרשטאַנען. אַ פאַרליבט מיידל פאַרשטייט די שפּראַך פון אַ מענטשנס האַרץ, — איז אים דורכגעפלויגן אין געדאַנק. און אַזוי ריידנדיק און טראַכטנדיק, האָבן זיי מיטאַמאָל דערזען ווי דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. ס׳איז געוואָרן ליכטיקער אין פּאַרק. אויף די סטעזשקעס האָבן זיך שוין דאָ־און־דאָרט באַוויזן מענטשן. ביידע זיינען שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טייך, לעבן די שיפלעך. זיי האָבן גענומען אַ שיפל, זיך אַריינגעזעצט און זיך אַוועקגעגליטשט איבערן טייך. קערנער האָט געהאַלטן די וויאָסלעס — לייכט געפירט מיט זיי איבערן וואַסער און אַנאַ האָט געזונגען:

> אַ ליבע צו פירן איז אַוואַדע קעדאַי,
> איז אַוואַדע קעדאַי,
> נאָר ווען איז עס גערעדט געוואָרן,
> ווען דאָס האַרץ איז דאָ דערביי.

מאָדנע: זי האָט פריער קיינמאָל ניט געזונגען. פאַר קערנער׳ן איז געווען ווי אַן אַנטפּלעקונג איר דינינקע, ניט־שטאַרקע, אָבער אַנגענעמע שטימע. זי האָט געזונגען:

> ווען דאָס האַרץ איז דאָ דערביי,
> איז אַוואַדע קעדאַי,
> נאָר ווען איז עס גערעדט געוואָרן,
> מיט איינעם, ניט מיט דריי.

אים איז אַפּילע געפעלן געוואָרן, וואָס דעם „ר" האָט זי אַרויסגערעדט ווייך, אַזוי ווי עס רעדן אַרויס אַמעריקאַנישע מיידלעך. אים האָט בלויז געוואונדערט, פון וואַנען זי קאָן זינגען דאָס ליד. ער האָט בא איר געפרעגט און זי האָט אים געזאָגט:

— „דהעט'ס נאַטינג". מיין מאַמע זינגט עס נאָך איצט זייער אָפּט . . .

:: :: ::

געקומען זיינען זיי קיין בראַנזוויל שפּעט באַנאַכט. די פּענצטער אין בראַנזווילער געשעפטן זיינען שוין געווען אויסגעלאָשן, נאָר מענטשן זיינען נאָך געווען אַף די גאַסן. מיטאַמאָל, ווי נאָר זיי האָבן פּאַרקירעוועט אין אַ ווינקל און אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט אַנאַ אַ דריק געטאָן קערנער'ס אָרעם און אויסגערופן:

— זע, קערנער!

דייוועקע'ס סטאָר איז געווען נאָך אַ סריפּע. אַפן טראָטואַר האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער געברענטע פּאַפּיר, צעברענטע ברעטער און שטיקער גלאָז, וואָס די גאַסן־ראַמער האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוקערן. דאָס פּענצטער און די טיר זיינען געווען פּאַרקלאַפּט מיט פּאַרסמאַליעטע ברעטער אין אַ קרייץ, אַזוי ווי דער בוכשטאַב „עקס". זייביידע האָבן גוט באַטראַכט די אָפּגעברענטע געמבליאַרנע — דאָס גרויסע גליק, צוליב וועלכן דייוועקע האָט כאַסענע געהאַט. זיי האָבן געפּרואווט אַריינקוקן דורך די פּאַרקלאַפּטע ברעטער, אָבער זיי האָבן גאָרניט געזען און אין נאָז האָט געריסן אַ שאַרפּער גערוך פון אויסגעלאָשענע סמאַליענעס.

באַם אַריינגאַנג צום הויז, וואו אַנאַ האָט געוואוינט, האָבן זיי זיך ווידער אָפּגעשטעלט. דאָ האָבן זיי דערזען, ווי אַ יונגערמאַן גייט אַרויס מיט אַ טשעמאָדאַן אין האַנט און לאָזט זיך גלייך פּאַרביי זיי. קערנער האָט אים דערקענט, וואָרים ער האָט געפירכעט מיט די נאָז־פּליגלען. דאָס איז געווען דער זעלביקער באָכער, וואָס ער האָט געזען בעאיים דזשאָפּלין האָט אים גענומען אין דייוועקע'ס סטאָר און דער־נאָך אַף דער סאָבוועי, נאָכדעם ווי מען האָט אַראָפּגענומען כאַנינ'ס שאָפּ אין יענעם פינצטערן פּאַרטאָג.

— ווי קומט ער אַהער? — האָט קערנער געפרעגט.

— ער וואוינט דאָ אַפן צווייטן שטאָק, — האָט אַנאַ געענטפערט.

באַ קערנער'ן אין קאָפּ האָט זיך פּאַרבונדן דייוועקע'ס אָפּגע־ברענטע געמבליאַרניע און דער יונגער נאַרקאָטיקער, וואָס לויפט מיטן

טשעמאָדאַן אין האַנט. ערגעץ, האָט ער געטראַכט, מוז דאָ זיין אַ שייכעס, בעאיים ער איז געגאַנגען מיט אַנאַ׳ן אַף די טרעפּ צו איר דירע.

3.

איבערן בראָנזווילער הימל האָבן זיך צעהאַנגען שטיקער כמאַרע — ווייסע, גרויע, טונקעלע, שוואַרצע און געמישטע: שוואַרץ און ווייס, גרוי און טונקל. ווי גרויסע אויסטערלישע כאַיעס, זיינען זיי געהאַנגען אין הימל. דורך די וואָלקן־שטיקער האָט די זון זיך געשלייכט, געגליטשט זיך, דורכגעריסן זיך, באַגאָסן מיט העלער שיין די הייזער און גאַסן און אָט ווידער פאַרשוואונדן. אָפּט, בעאיים אַ שטיק פון הויז איז געווען באַלויכטן, איז אַ צווייט שטיק געווען אין שאָטן און באַלד פאַרקערט — דאָס צווייטע שטיק איז געווען אין שאָטן און דאָס ערשטע אין ליכט. איבער בראָנזווילער גאַסן האָט דאָס ליכט־און־שאָטן זיך געיאָגט ווי כוואַליעס איינע איבער דער צווייטער — זיך געקייקלט איבערן אַספּאַלט און איבער די מענטשן אַף די גאַסן מיטן גאַנג פון די שטיקער כמאַרעס אין הימל. ס׳האָט זיך געשטעלט דער האַרבסט.

אַ קאַלט ווינט האָט אָנגעטראָגן פון יאַם־אויסגוס אין קאַנאַרסי. דאָ־און־דאָרט האָבן שוין מענטשן געטראָגן לייכטע אויבערמאַנטלען. פרויען האָבן זיך שוין געטוליעט אין דינע שוואַרץ־זיידענע כאַלאַטלעך, וואָס האָבן אויסגעטיילט פון זייער קערפּער יעדן גליד באַזונדער. אין די קינדער־וועגעלעך זיינען די אויפּעלעך שוין געלעגן איינגעדעקט אין וואַרעמע קלאָדרעלעך. די מאַמעס, וואָס האָבן זיי באַוואַכט, האָבן שוין אַף די פּלייצעס געטראָגן—ווער אַ פּאַטשיילע, ווער אַ לייכט רעקל.

אין אָט אַזאַ קילן זונטיק־פּאַרנאַכט, ווען מען האָט שוין אָט־אָט דערזען ליכט אין אַ פענצטער בעאיים ערגעץ אַפּן האָריזאָנט האָט אַ שטיק כמאַרע פאַרלאָשן דעם לעצטן רויטן שראַם פון דער זון, האָט זיך איבער אַ בראָנזווילער גאַס דערהערט דאָס שפּילן פון אַ קאַפּעליע. ס׳איז געווען אַן אייגנאַרטיקע היימישע קאַפּעליע פון דריי אידן — מיט אַ פידל, מיט אַ פייפל, מיט אַ פּויק. די קאַפּעליע האָט געשפּילט און נאָך פון דערווייטנס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי שפּילט

עטוואָס, וואָס איז ענלעך אַף אַ קאַלע־באַזעצונג אין דער „אַלטער היים". וואָס נעענטער די קלעזמער זיינען געקומען, אַלץ מער האָט מען דערזען: אַ בראַנזווילער שול פֿראַוועט אַ סיעם־האַטוירע. פֿאָרויס גייען די קלעזמער, נאָך זיי — צוויי אַלטע אידן, כאַלושים, אַזעלכע אויסגעדאַרטע — אַפּילע די בערד זיינען בא זיי איינגעדאַרט, אַזעלכע מאָגערע און פֿאַרשמאָדערטע פֿון שמעק־טאַבאַק. די צוויי אידן טראָגן אַ סייפער־טוירע, איינגעהילט אין אַ טונקל־רויט, זיידן, פֿאַר־שמאָדערט פֿאָרויכעסל, פֿון וועלכן עס האָט אַראָפּגעשיינט אַן אַלט־זילבערנער מאָגן־דאַוויד. נאָך די ערשטע זיינען געגאַנגען נאָך עטלעכע אידן, עטלעכע ווייבער און קינדער. דאָס איז געווען די גאַנצע פּראָ־צעסיע. פֿון טראָטואַר האָט עמיצער אַ פרעג געטאָן:

— „איז איט סימקאָס טאָרע?"

נאָר עס איז שוין געווען לאַנג נאָך סימכאָס־טוירע. דער הויף פֿון קאָל־נידרע, הוישאַנעס און סכאַך האָט זיך שוין געהאַט אויסגע־וועפּט אין דער קיל־געוואָרענער בראַנזווילער לופט. אַפֿן זעלביקן טראָטואַר האָט עמיצער געענטפֿערט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט גע־שטעלט די פראַגע:

— פֿויערשער קאָפּ! „סימקאָס־טאָרע" אַף אים! ס'איז שוין לאַנג נאָך „סימקאָס־טאָרע". דאָס איז אַ סיעם־האַטוירע.

דער פּאַראַד מיט דער סייפער־טוירע איז זיך אַוועק זיין וועג און דאָ אַף אַ ווינקל גאַס איז געשטאַנען דער מאַן מיט די הענט, וואָס קאָן ברעכן שטאַבעס אייזערנע. ער האָט נאָך אַלץ נאָכגעקוקט די גרופּע אידן, אידענעס און קינדער מיט דער סייפער־טוירע און זיך אונטערגעמורמלט דאָס ניגנדל, וואָס די קלעזמער האָבן געשפּילט. מיט־אַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אָפענער אויטאָמאָביל, און עס האָבן זיך דערהערט צוויי שאָסן פֿון אַ רעוואָלווער. דער מאַן האָט זיך אַ דריי געטאָן באַם סלופּ; דער אויטאָמאָביל איז אַנטלאָפֿן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן טראָטואַר.

איבער דער גאַס איז געוואָרן אַ טומל. אַ יונג ווייבל האָט זיך צעשריען היסטעריש: גוואַלד, וואו איז מיין קינד? דזשעקי, דזשעקי, וואו ביסטו? ! צוויי מענער האָבן אויפגעכאַפּט דעם מאַן. עמיצער האָט אָנגעקלונגען נאָך אַן אַמבולאַנס. דערווייל האָט מען געזוכט אַן

אָפּענע דראָג־סטאָר — נאָר ס'איז געווען זונטיק. אַ דראָג־סטאָר איז געווען ערשט אפּן צענטן בלאָק. מען האָט שוין געוואָלט נעמען אַ טעקסי און אים אָפּפירן. האָט עמיצער געראָטן אים באַלד אַריינפירן צום דאָקטאָר אין דער צווייטער גאַס. אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען אַן אַמבולאַנס און מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל.

:: :: ::

אַף מאָרגן איז דזשאָסלין געקומען אין שאַץ'עס שאַפּ. ער איז געקומען פאַר מיטאָג, כאָטש געוויינטלעך פלעגט ער דעם שאַפּ באַזוכן נאָכמיטאָג. אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין, איז זאָלמען גאָרגל געוואָרן נערוועז. ער האָט ניט געקאָנט איינשטיין בא דער מאַשין — די רעק, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אונטער דער פּרעס־מאַשין, האָבן זיך געטרייסלט אין זיינע הענט. עס האָט אים געוואָרפן ווי אין קאַדאָכעס.

נאָר דזשאָסלין האָט בלויז פון דער זייט אַ פּאָר מאָל אַ וואָרף געטאָן זיינע שפּיזיקע אייגעלעך פון הינטער די אויגן־גלעזער, בעאיים ער האָט גערעדט מיט די אַנדערע באַלמעלאָכעס. געקומען איז ער אויסגלייכן אַ „קאָמפּלעין" פון אַן אַרבעטער. שוין אַ לענגערע צייט ווי די אַרבעטער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די געוועזענע „יוניע", ברודער שאַץ, האָט בא זיך איינגעפירט אַזאַ סיסטעם, ווי בא שטירנער און זין. עס איז שוין געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אים און עטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן יעדער באַזונדער זיך געבריקעט קעגן דעם געיעג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין שאַפּ. שאַץ האָט זיי גאָרניט געזאָגט בא דער אַרבעט. נאָר נאָך דער אַרבעט האָט ער יעדעם מאָל אַריינגערופן אַן אַנדערן פון זיי און מיט אַ זיסן שמייכל געזאָגט:

— דו מיינסט, אַז מיר איז גוט? איך ווייס ניט, אַז אַ באַלמעלאָכע דאַרף זיך ניט יאָגן? נאָר גיי דו אַריין אין מיין לאַגע. איך אַרבעט דאָך שטירנער'ס אַרבעט. בא אים מאַכט מען אַזויפיל רעק, וויפיל מען וועט בא מיר קיינמאָל ניט מאַכן. אָבער עפּעס מוז מען דאָך נאָכקומען . . . אַז ניט, וועט ער דאָך קיין אַרבעט ניט געבן . . .

דער עמעס איז געווען, אַז בא ברודער שאַץ האָט מען געמאַכט אַזויפיל רעק, ווי בא שטירנער'ן, און נאָך אַ ביסל מער. דער איינפלוס פון שטירנער'ס שאַפּ־פּראָדוקציע האָט געווירקט אַף אַלע שעפּער אין

בראָנזוויל און נאָך מער אַף שאַצ׳עס שאָפּ. ביסלעכווייז האָט די סיסטעם פון געיעג אָנגענומען די זעלביקע פאָרמע ווי בא שטירנער׳ן. די באַלמעלאָכעס האָבן געיאָגט; די לעדער־שטריקלעך אַף די רעדלעך, אונטן באַם וואַל, זיינען אַלעמאָל געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. אַ טראָט מיטן פוס און די מאַשין פלעגט זיך אַוועקיאָגן ווי אַ צער־ווילדעוועט, דערשראָקן פערד. איבערן געלאַף פון מאַשין פלעגן זיך שניידערשע רוקנס בויגן האַסטיקער, און די ריפּן אין די זייטן פלעגן אָפּטער שטעכן. אין אָט דעם געיעג — אויב אַ באַלמעלאָכע פלעגט ניט קאָנען אָניאָגן די אַרבעט — פלעגט שאַץ אים מער גאָרניט זאָגן. ער פלעגט אים בלויז בייטן די אַרבעט. אויב אַ קעשענע־נייער האָט ניט געקאָנט אָניאָגן די אַרבעט, פלעגט ער אים געבן אויסשטעפּן אונטערשלאַק, און נייען קעשענעס פלעגט ער געבן אַן אַנדערן. אין איצטיקן פאַל האָט ער בא אַן אַרבל־איינגייער צוגענומען זיין אַרבעט און אים געגעבן שטעפּן פּאַסיקעס („בעלטס״).

ברודער דזשאָסלין וואָלט, עמעס, דעם איניען געקאָנט אויסגלייכן דורכן טעלעפאָן. נאָר ער האָט דאַווקע היינט אינדערפרי געוואָלט אַ קוק טאָן אַף זאַלמען גאָרגל. שוין זינט נעכטן באַנאַכט, באַלד נאָכ־דעם ווי מען האָט דעם מאַן מיט די אייזערנע הענט צוגענומען אין שפּיטאָל, האָבן זיינע פריינט איבערגעקערט די שטאָט קאַפּויער. נאָר זאַלמענ׳ס צווייטער זינדל איז אין ערגעץ ניט געווען. דעם ערשטן האָבן זיי געזען. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן זיין האַנט אַף אַ לאַנג, שוואַרץ טיכל. נאָר דער צווייטער, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אַפּן אויטאָמאָביל און אַריינגעשאָסן צוויי קוילן אין דעם מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס, איז ניט געוואָרן. איז דזשאָסלין געקומען אין שאָפּ אַ קוק טאָן אַף זאַלמענ׳ען. און ער האָט זיך ניט גענאַרט. זאַלמען איז געוואָרן בלייך. ער איז צוגעקומען צו דזשאָסלינ׳ען און אים געזאָגט:

— ער איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געווען אינדערהיים. איך ווייס ניט וואו ער איז.

דאָס אַלץ האָט דזשאָסלין געוואוסט. נאָר אים האָט זיך אויס־געדוכט, אַז זאַלמען באַהאַלט עפּעס. האָט ער אים אַזוי ווי פון דער זייט געפרעגט:

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר? איך בין דאָ אין שאָפּ אָפּ ביזנעס.

נאָר זאַלמען האָט גאָרניט געהערט, וואָס דזשאָסלין האָט געזאָגט. זיי ביידע האָבן איצט פאַרשטאַנען, אַז זאַלמענ׳ס זינדל איז אַנטלאָפן פון שטאָט, אַנטלאָפן — אָן אַ זיי־געזונט דעם טאַטן . . .

דזשאָסלין איז אַריין צום מיסטער שאַץ אין אָפיס. זיי האָבן זיך ביידע געמיטלעך דורכגעשמועסט. ווען דזשאָסלין איז אַרויסגעקומען, איז ער אַוועק גלייך צו זיידעל׳ן.

— ס׳וועט זיין אָל־ראַיט, זיידעל. ער׳ט אים צוריקגעבן די אַרבל.

ער איז אַוועק צו דער טיר, אָפּן וועג נאָכאַמאָל אַ שאַרפן קוק געטאָן אָפּ זאַלמען גאָרגל און איז אַרויס.

אין דער מיטאָג־שאָ זיינען הערי און קערנער און זיידעל געגאַנגען אַ ביסל שפּאַצירן. זיידעל האָט געזאָגט:

— וואָס טויג עס, וואָס ער גיט אים צוריק די אַרבל, אַז ער וועט איצט מוזן אַרויסיאָגן די נעשאָמע פון זיך.

און קערנער האָט געזאָגט:

— באַ אַ געוועזענעם יוניאָן־באַאמטן זאָלן אַרבעטן מיינע סאָנים.

און הערי האָט געזאָגט:

— ווערן פאַרצווייפלט דאַרף מען ניט. מען דאַרף בעסער זען אָפּשטעלן די יאָגעניש און בעטן אַ רעיז אָפּ די ווערדזשעס.

— איצט, מיט געשלאָגענע מענטשן? — האָט קערנער געפרעגט.

— קערנער איז גערעכט, — האָט זיידעל אַריינגעשטעלט. — מיט געשלאָגענע מענטשן קאָן מען קיין סאַך ניט אויפטאָן. נאָר אין אַלע שעפּער ווערט ערגער. אין ניו־יאָרקער שעפּער איז אויך דער געיעג אַזוי גרויס באַ דער אַרבעט, אַז מען רעדט וועגן אַ „ריאַדזשאַסט־מענט" — אָפּ צוריקוועגס.

— נו, צוריק איז אַ שווערע האַלאָכע, — האָט קערנער געזאָגט.— ווי די לאַגע איז איצט, וועט מען יאָגן אַלץ מער און מער.

— עפּשער וועט מען יאָגן. אָבער מען קאָן דאָס יאָגן אָפּשטעלן און מען קאָן בעטן העכערע פּרייזן פאַרן יאָגן און מען קאָן בעטן קירצערע שטונדן . . .

— ס'אַ געלעכטער, — האָט קערנער געענטפערט. — איך האָב געהערט, אַז מען פאַרהאַנדלט גאָר מיט די פאַבריקאַנטן, וועלכע ווילן פאַרקלענערן די סכירעס און לענגערע שטונדן.

— אַ מאַקע וועלן זיי קריגן, — האָט זיך אַריינגעמישט שלוימקע, וועלכער איז נאָר־וואָס צוגעקומען צו די דריי.

— נו, גערעכט איז שלוימקע. דאָס וועלן זיי ניט קריגן. ס'וועט גיכער זיין אַ גענעראַל־סטרייק, — האָט אַריינגעשטעלט זיידעל.

אַזוי זיך אַמפּערנדיק, זיינען זיי אַרויף אין שאַפּ. זיידעל האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, אַ פייף געטאָן אין פייפל, און די באַל־מעלאָכעס האָבן זיך אויסגעזעצט בײַ דער אַרבעט. די מאַשינען זיינען אַוועק אין פולן שוואונג — דער שאַפּ האָט נאָך היינט געדאַרפט אַרבעטן אַ האַלבן טאָג.

:: :: ::

אַ טאָג שפּעטער, אַרום צען אַזייגער אינדערפרי, איז אין שאַפּ געווען אַ טומאַטאָכע. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ ברייט־פּלייציקער מענטש מיט אַ רויטן קאַרק און אַ ברייטן פּאָנים. דער האַלז־און־נאַקן פון די באַלמעלאָכעס האָט זיך גענומען דרייען אין דער ריכטונג צו דער טיר. אַלע אויגן זיינען געווען נייגעריק: וועמען זוכט ער? ער איז אַריין צו מיסטער שאַץ אין אָפיס און אין אַ ווײַלע אַרום האָט שאַץ געשפּרייזט איבער דער לענג פון שאַפּ, צוגעגאַנגען צו אַבע פּראַ־צענטניק און אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער אַריין. בײַ אַבע'ן האָט די נאָז גענומען צוקן שטאַרקער ווי אַלעמאָל. ער איז בלייך געוואָרן און איז אַוועק צו שאַצ'ן אין אָפיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויסגעקומען, צוריקגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו די מאַשין איז געשטאַנען, האָט אַראָפּגענומען זיין רעקל און דעם שוואַרצן קאַפּעליוש פון אַ טשוואָק אין וואַנט און איז אַרויס מיטן ברייטפּלייציקן מענטשן. איינער פון די באַלמעלאָכעס האָט נאָך אַבע'ס אַוועקגיין געזאָגט:

— אַז מען מאַכט האַוודאָלע אָן אַ בראָכע, שטראָפט דער ריבוינע־שעל־אוילאָם . . .

באַלד נאָך דער סרייפע אין זיין געמבליאַרנע, האָט מען דייוועק'ן איינגעזעצט. צווישן די בראָנזווילער באַלמעלאָכעס האָבן זיך וועגן

דער סרייפע ארומגעטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען. באַ שאַצ׳ן אין שאָפּ האָט איינער זיך געקליגלט:

— אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּאַרנאָסע, טרינקט מען גאַזע אין אַמעריקע . . .

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש, אַז דייווקע האָט אונטער־געצונדן זיין איינענע געמבליאַרנע צוליב דעם, וואָס די געשעפטן זיינען געגאַנגען שלעכט. מען האָט דערציילט, אַז די פייערלעשער האָבן אין סטאָר באַ דייווקע׳ן געפונען שמאַטעס איינגענעצטע אין קעראָסין. אַפילע די אומשולדיקע אַנאַ, וועלכע האָט אויפגעכאַפּט יעדן קלאַנג אין בראָנזוויל, האָט אַף מאָרגן נאָך דער סרייפע געזאָגט קערנער׳ן:

— קערנער, מען זאָגט, אַז דייווקע האָט געמאַכט ביירעמעירע־אייש.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, אַנאַ?

— שלוימקע דער שוואַרצער. וואָס איז ביירעמעירעאייש, קערנער?

— שווייג, דו מיידל, — האָט קערנער געוואָרנט. — וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט מען ניט אינדערהויך.

— איך רייד דאָך אָבער גאַנץ שטיל.

אַזוי האָט מען אין בראָנזוויל געהערט די פאַרשידנאַרטיקסטע מאַיסעס וועגן דעם, אַז דייווקע זאָל האָבן געמאַכט דאָס פייער דער־פאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אָפּנעמען די אינשורענס. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך געשושקעט, אַז דאָס האָבן שאַמשע׳ס באַיעס געמאַכט די סרייפע, קעדיי פּאַטער צו ווערן פון דער געמבליאַרנע, וואָס האָט אָפּגעצויגן קונדן פון שאַמשע׳ן.

ווען מען האָט אָבע׳ן אָוועקגעפירט פון שאָפּ, איז מוישע טיפּעש געבליבן זיצן אַ פּאַריאָסעמטער. אָבע און מוישע זיינען נאָך אַלץ געבליבן גוטע פריינט. אָבע האָט פּאַר מוישע טיפּעש טאַקע אויס־געגליכן דעם סיכסעך מיט שאַמשע׳ן. איינציקע טעג האָט מוישע טיפּעש זיך ניט געוויזן אין בראָנזוויל. דערנאָך איז אָבע אָוועק צו שאַמשע׳ן און אים געזאָגט:

— ס׳טויג דיר, שאַמשע, האָבן קריוודעס צום טיפּעש. אַז ניט

וויס ער, וואָס ער טוט? ער וויל דאָך גאָר אַ בסולע. מיסטאָמע איז ער געווען שיקער בעאיים־מאַיסע. לאָז אים אָפּ, שאַמשע.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט איז געקומען מוישע טיפּעש צו שאַמשע׳ן, האָט געפונדעוועט די גאַנצע געגנג, און שאַמשע האָט אים פאַרגעבן. ער האָט אים אָנגעזאָגט:

— ס׳וועט זיין אַ בראָך צו דיינע יאָרן . . . מוישע . . . געדענק.

און מוישע האָט געדענקט. ער איז געקומען צום אויספּיר, אַז אַזעלכע נעקייוועס, ווי די שוואַרצע קלאַראַ, ברענגען ניט קיין גוטס... „נאָ מאָר”, האָט ער זיך געזאָגט. בלויז אַ קאָשערע אידישע טאָכטער — אַז ניט, וועל איך קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן.

איצט, אַז מען האָט אוועקגעפירט אבע׳ן, איז ער געבליבן אַ פאַר־יאַסעמטער באַ דער מאַשין, און האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען, ביז אבע איז צוריקגעקומען שפּעט נאָכמיטאָג. נאָך וואָס מען האָט אבע׳ן גערופן, האָט מען אין שאָפּ געוואוסט. עס האָט זיך ארויס־געשטעלט, אַז דייווקע דער איידעם האָט געהאַלטן אין איין שיקן שטאַפּעטן צום „שווער” זיינעם, צו אבע פּראָצענטניק, ער זאָל אים ארויסנעמען אָפּ „בעיל”. נאָר דער אַלטער אבע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער׳ט אים ניט געבן קיין געלט. ער האָט שוין אַזוי אויך געגנוג פאַרלאָרן.

האָט דייווקע געשפּילט זיין לעצטע קאָרט. עס האָט זיך ארויס־געשטעלט, אַז די סטאָר איז געווען פאַרזיכערט אָפּ שווערע טויזנטער דאָלער. דריי־פערטל פון אָט־דער אינשורענס איז לויט אַ פאַרשריפט באַ אַ לאָיער געווען אבע׳ס אין פאַל פון אַ סריפע — איין פערטל איז געווען דייווקע׳ס. באַם אינשורן האָט אים אבע געזאָגט: לאָמיר זיך אָפּשרייבן באַ אַ לאָיער. זיי האָבן זיך אָפּגעשריבן. דערפאַר האָט אבע איינגעצאָלט די פולע סומע.

דייווקע האָט דאָס געהאַלטן איבער אבע׳ס קאָפּ. אויב ער נעמט אים ניט ארויס אָפּ בעיל, וועט ער אויסזאָגן די מאַיסע מיט דער אינשורענס, קעדיי צו וואַרפן אַ פאַרדאַכט אָפּ אבע׳ן. ער האָט אויס־געזאָגט און מען האָט אבע׳ן גענומען אָפּ אַ פאַרהער. אַרום דריי נאָכמיטאָג האָט אבע פּראָצענטניק זיך אַזוי ווי אריינגעשאַרט אין שאָפּ און זיך געזעצט באַ זיין מאַשין. דייווקע איז געבליבן זיצן.

4.

מיטאמאָל האָט זיך אַף בראַנזוויל אַראָפּגעלאָזט דער ווינטער. ס'איז געווען אין אָוונט — דער וועטער איז געווען גאַנץ מילד, נאָר אַזוי ווי פון העלער הויט האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ווינט, זיך געריסן אין די האָר פון היטללאָזע באָכערים און זיי געלאָזט מיט צעשויבערטע קעפּ; באַלד איז דער ווינט שטאַרקער געוואָרן, האָט זיך געריסן פון אויבן, איבער די קעפּ און פון אונטן, געשאַרט ווי מיט אַ בעזים דעם שטויב פון די טראָטואַרן, געדרייט מיט שטיקער פּאַפּיר אין דער לופטן און אויפגעבלאָזן די דינע קליידלעך אונטער די האַרבסטיקע נעט־געפּאַסטע מאַנטלען פון פרויען. דער ווינט האָט אין אַ קורצער ווײַלע ווי פאַרשאַרט די מענטשן פון די גאַסן. דאָ־און־דאָרט איז נאָך גע־לאָפן אַ דורכגייער מיט שנעלע טריט און פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער גאַס. אַף דער הויפּט־גאַס פון בראַנזוויל האָבן זיך אָנגעהויבן לעשן די לאָמפּן אין די געשעפט־וויטרינעס. מיטן ווינט האָט זיך באַלד אַ שאָט געטאָן פון הימל אַ נאַסער שניי, וואָס איז געפאַלן סקאָסע אַף די טראָטואַרן, אַף דער גאַס און אַף די מויער־ווענט. דער שניי איז געפאַלן מיט רוגזע, אַ געיאָגטער פון ווינט. דורכן ווינט און שניי איז געגאַנגען דזשאַסלין — פאַרהאַלטן די פּאָלעס פון זיין לייכטן האַרבסט־מאַנטל, געבליצט מיט אויגן דורך די נאַסע ברילן אַהין־און־צוריק און געזוכט אַ באַהעלטעניש אויסצומיידן דעם שניי. פאַרביי אים איז געלאָפן אַ טעקסי. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. דער שאָפער האָט אַ צי געטאָן אַ הענטל — דורכן ווינט האָט זיך צעטראָגן דאָס ריטשען פון טאַרמאָזן. די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דזשאַסלין האָט זיך אַריינגעכאַפּט און געבליבן זיצן אַ צעמישטער. ער האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער איז אין אַ טעקסי. דער טרייבער האָט אים צום דריטן מאָל געהאַט געפרעגט וואוהין ער פאָרט.

— אַ, פאָר וואוהין דו ווילסט, — האָט ער געענטפערט און איז פאַרזונקען געוואָרן אין ווייכן לעדערנעם זיץ־פּלאַץ.

ס'איז אים איצט געווען שלעכט אַפן האַרצן. ס'האָט אים גע־איבלט צום ברעכן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערפילט

צו זיך אַזאַ ביטערן געפֿיל. אינגאַנצן ניט לאַנג איז דאָס געווען, ווי ער האָט געהאַט גרויסע האָפֿענונגען אַף אַ צוקונפֿט פֿאַר זיך. ער האָט געקאָנט ווערן אַ גרויסער געשעפֿטסמאַן, ער וואָלט געקאָנט כאַסענע האָבן און לעבן אַ רייך און זאַט לעבן מיט אַ פֿרוי וואָס זאָל זיין הויך, שלאַנק, געזונט. אין שאַפּ האָט ער געאַרבעט און געפֿילט האָט ער, אַז ער איז ניט געמאַכט פֿאַרן שאַפּ — ער וועט אַרבעטן, גוט דערלערנען די טרעיד און עפּשער מיט דער צייט — ווער ווייסט — עפֿענען אַליין אַ געשעפֿט פֿון קליידער, אָדער איבער־נעמען זיין טאַטנ׳ס געשעפֿט. אָבער איצט איז נימעס דאָס לעבן — איצט וועט ער אַלץ מער דאַרפֿן ווייזן, אַז ער איז אַ מאַן פֿון וואָרט. ער וועט ניט אָננעמען זיין טאַטנ׳ס אָנבאָט. ער וועט ניט גיין אין טאַטנ׳ס געשעפֿט. איצט וועט ער בלייבן אַ ביזנעס־אַגענט. דער רועך האָט מיך געטראָגן, — איז אים געפֿאַלן פֿון די ליפּן, — צו דער פּוכקער, צעקראָכענער מויד.

איצט איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן. ער איז געוואָרן אַ טאַטע פֿון אַ קינד. אינמיטן סאַמען פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט געענטפֿערט אַף פֿראַגן פֿון איין באַלמעלאָכע, און פֿון אַ צווייטן, און ווען דאַווקע קערנער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין אָפֿיס, האָט מען אים מיטאַמאָל גערופֿן צום טעלעפֿאָן און געלאָזט וויסן, אַז זיין ווייב שוירלי איז פֿאַרביי. מען האָט אים גערופֿן אַהיים. נאָר ער איז ניט געגאַנגען. נעמט זי אין שפּיטאָל, — האָט ער געזאָגט דער פֿרוי אַפֿן טעלעפֿאָן. איך וועל זיין שפּעטער. נאָכדעם איז ער שוין געווען צעטראָגן, און האָט קערנער׳ן גלייך אין די אויגן ניט געקוקט. אַ ביסל שפּעטער איז דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס און הענט וואָס קאָנען ברעכן שטאַ־בעס אייזערנע געקומען אין אָפֿיס אַריין. ער האָט דערזען קערנער׳ן און זיך מיט אים באַגריסט. קערנער האָט אים געפֿרעגט, וואָס זיין אַקסל מאַכט — דער אַקסל, אין וועלכן מען האָט אים אַריינגעשאָסן צוויי קוילן. ער האָט גאָר אינגאַנצן ניט געפֿילט קיין קוילן—ס׳איז גע־ווען ווי אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע,—האָט ער געזאָגט קערנער׳ן: „איט וואָז עי סקרעטש, דהעט׳ס אָל״. באַלד האָט דזשאָסלין זיך באַגריסט מיט קערנער׳ן דורך הינטערן פֿאַרגראַטעוועטן פֿענצטערל אין יוניאָן־אָפֿיס, איז אַרוים און אַוועק מיט זיין פֿריינט.

שפּעטער אין אָוונט, ווען ער איז געקומען אין שפּיטאָל, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין ווייב, זיך צו־געזעצט לעבן איר און עפּעס האָט זי אים אויסגעזען נאָכמער צעקראָכן, ווי אין די כאַדאָשים, איידער זי האָט געהאַט דאָס קינד. זי האָט איצט, ווען זי האָט געעפנט די אויגן און אים דערזען, מער ווי ווען־ניט־איז פריער געגאָסן מיט טרערן, — כאָטש זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ריידן און איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. באַלד איז זי ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף. מען האָט גענומען דזשאָסלינ'ען אין קאָרידאָר און דאָרט געוויזן די בעיבי, וואָס אַ נוירס האָט אַרויס־געבראַכט צו אים. ער האָט אַ קוק געטאָן און אים איז איינגעפאַלן אין האַרצן: „ ס'איז געווען ווי אַ מייזעלע — אַ רויטס און שוואַרצס און אַ באַוואַקסנס אַזאַ, דאַכט זיך, מיט פּוכקע, שוואַרצע פּעדערלעך.

ער איז שנעל אַרויס פון שפּיטאָל און זיך געלאָזט איבער בראָנז־ווילער גאַסן, ווען דער ווינט האָט אים פאַרכאַפּט און געשמיסן מיטן שניי אין די אויגן־גלעזער. ער האָט זיך איצט אין טעקסי אויפגעכאַפּט פון זיינע ביטערע מאַכשאָוועס און געהייסן פאָרן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. באַ דער הינטער־טיר פון שאַמשע'ס שענק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. כאָטש די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט, האָט אָבער אינע־ווייניק געברענט ליכט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ זייטיקער טיר, האָט אַריינגעשטעלט אַ שליסל, אַ דריי געטאָן און איז אַריין אינעווייניק. דאָ זיינען געזעסן מענטשן באַ טישלעך און „געריבן אַ געים". באַ זיין אַריינקומען האָט שאַמשע געעפנט זיינע ליפּן, פאַרמאַכט איין אויג און ווען ער האָט עס ווידער געעפנט, זיינען שוין אין שענק געהאַנגען די אויסגעצאַרגלטע ווערטער:

— מאַזל טאָוו, טאַטע — אַ מויד צי אַ אינגל ?...

אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן מאַזל־טאָוו. ער איז אַוועק הינטערן בופעט, האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן, אויסגעזופּט און האָט גענומען באַטראַכטן די טישלעך, אַרום וועלכע מען האָט געשפּילט קאָרטן. אַרום איין טישל האָט מען געשפּילט „שטאָס" — מענטשן האָבן געצויגן קאָרטן פון אַ טעשל און מען האָט געוואָרפן געלט אויפן טיש. ער איז אַרויס פון הינטערן בופעט, איז צוגעגאַנגען צום טישל. מען האָט אים אונטערגערוקט דאָס טעשל און ער האָט אַרויסגעצויגן אַ קאָרט.

5.

אף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיך בראַנזווילער איינוואינער אויפ־געכאַפּט טאָון געפונען אַ וועלט אַ באַדעקטע מיט שניי. די גאַסן און דעכער זיינען געווען ווייס. דער שניי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט פאַלן. דער ווינט האָט אָנגעיאָגט אַ פרעסטל, און איצט האָט דער שניי זיך געשאַרט אונטער די פיס. שפּעט נאָך פרישטיק האָט הערי אָפּ־געקלאַפּט דעם שניי פון די שיך באַ סילוויע׳ן אין קאָרידאָר, און איז אריין. נאָך אין קאָרידאָר האָט ער געהערט איר שטימע. ער האָט געעפנט די טיר און זי האָט, ניט איבעררייסנדיק איר געזאַנג, אים באַגריסט מיט אַ ברייטן שמייכל און אַ שאָקל מיטן קאָפּ. זי האָט געפּרעסט עפּעס אַף אַ היימיש־געמאַכטן ביגל־באָק און געזונגען:

זאָלסט ניט גיין מיט פּאַטשאַיעווער מיידעלעך,
זאָלסט נאָר קומען צו מיר.
זאָלסט ניט הערן, וואָס דיין מאַמע וועט דיר בורטשען,
אַז סקאָרע פּאָמאַשטש זאָל איר צונעמען פון דיר . . .

ערשט ווען זי האָט געענדיקט זינגען דאָס לידל, האָט זי געזאָגט הערי׳ן:

— דו גיי, פּוץ זיך אויס אין עסיק און אין האָניק. מיר גייען היינט צו אַ באָל.

— אַז מיר גייען צו אַ באָל ווייס איך, נאָר איך האָב דיר געבראַכט אַ מאַזל־טאָוו — ס׳איז אַ מיידל.

— אַף אַן עמעס? איז דזשאָסלין, הייסט עס, אַ טאַטע? אָלע־וואַי באַ דיר געזאָגט, — האָט זי זיך צעלאַכט.

הערי האָט זי אָנגענומען באַ דער האַנט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און איר אַ קוש געטאָן אין האַנט. זי האָט געהאַלטן די אויגן אָנ־געשטעלט אַף זיין קאַשטאַנעווען קאָפּ און בעאיים־מאַיסע געטראַכט:
— דער שטאַרקער קאָמוניסט — ער האָט מיך טאַקע ליב. זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, פאַרוואָרפן די הענט איבער די אַקסל און אים דרייסט און וואַרעם אַ קוש געטאָן.

— איצט גיי און מאַך זיך גרייט. מיר וועלן היינט הוליען, ווי איך האָב שוין לאַנג ניט געהוליעט.

הערי איז אוועק. ער האָט נאָך געהאַט גענוג צייט צו מאַכן זיך גרייט. ער האָט געוואוסט, אַז סילוויע האָט אים איצט אוועקגעשיקט ניט צוליב דעם, ער זאָל זיך שוין מאַכן גרייט, נאָר קעדיי זי זאָל צייט האָבן אָפּצוטאָן די הויז־אַרבעט. ער איז אוועק צו זיידעל'ן, און מאָדנע: קערנער איז דאָרט אויך געווען. אויך זיידעל און קערנער האָבן זיך געקליבן צו דעם זעלביקן באָל פון בראָנזווילער שניידער. אַלע דריי האָבן זיי באַשלאָסן אוועקגיין אין מערכעז. זיידעל'ס ווייבל האָט אים אַ קליינעם טשעמאָדאַנטשיק איינגעפּאַקט וועש, האַנטיכער פאַר איר מאַן און אַ האַלב טוץ סענדוויטשעס מיט אַ קליין פלעשעלע ווישניאַק פאַר אַלע דריי. זיי זיינען אַרויס פון הויז. אין דרויסן האָט זיי די פרישע קעלט אַ סמאַליע געטאָן אין פּאָנים. פון אונטער אַ דין־געוואָרעענעם וואָלקן מיט ווייסע ברעגן האָט זיך דורכגעגליטשט אַ פּאַס זון. אונטער די פיס האָט דער גרייפּלדיקער שניי זיך פאַרכאַפּט אין די זאָקן אַריבער די האַלבע שיך. שניי־ראַמער האָבן שוין גערייניקט די גאַסן — דאַ־און־דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ לוזשקעלע. עס האָט אָנגעהויבן וואַרעמער ווערן. אַפן ווינקל פון אַ גאַס האָבן זיי דערזען דזשאָסלינ'ען. ער איז געווען אַ פריש־אָפּגעגאָלטער. פון אונטער די אויגן־גלעזער האָבן זיך געזען טיפע שוואַרצע רעדער אַרום די אויגן.

— מאַזל־טאָוו, דזשאָסלין, — האָט איינער נאָכן צווייטן אים צוגעוואונטשן.

— מיט מאַזל זאָלן מיר לעבן, — האָט ער מיט אַ קרומלעכן שמייכל זיי צוריקגעוואונטשן.

דזשאָסלין האָט זיך געאיילט ערגעץ. ער איז אוועק און אַלע דריי אַפן וועג צום מערכעז האָבן אים באַדויערט:

— ער זעט אויס פינצטער, ווי די ערד...

— אַן ערשטלינג איז ניט קיין בייגעלע אויפצועסן, אַפילו ווען דאָס ווייב האָט עס.

אַזוי שמועסנדיק זיינען זיי צוגעקומען צו די טירן פון מערכעז און זיינען אַריין אינעווייניק.

:: :: ::

אין אָוונט, ווען זיי זיינען געקומען אין זאַל — זיידעל מיט זיין אויסגעפּוצט, לויכטנדיק ווייבל, קערנער מיט אַנאַ'ן און הערי מיט סילוויע'ן, האָט שוין דער אָרקעסטער געשפּילט אין פולן שוואונג. פּאָרלעך האָבן געדיכט זיך געוויגט אַף איין אָרט איבערן אָנגעוואַקסטן דיל. אָט אינמיטן האָט דער אָרקעסטער אַ פּראַל געטאָן מיט אַזאַ ווילד געקלאַנג. אָט האָט זיך אַ טרובע געריסן צו דער סטעליע, — אַזאַ מין גאָרגלדיקע טרובע, וואָס האָט געריסן די אייוורים; און אָט האָט אַ באַראַבאַן צעשאָטן אַ האָגל איבער די גלידער פון די טענצער אַפן דיל; אָט האָט אַ סאַקסאָפאָן זיך צעוויינט, און אָט האָבן אַלע צוזאַמען געיאָגט ווילדע רוכעס אין בלוט. — ס'איז געווען היים אין זאַל פונעם צעהוידעטן טאַנצנדיקן בלוט. אָט האָט דער גאַנצער אָרקעסטער אַ יאָג געטאָן מיט זיסער, צאַרטער מעלאַנכאָליע; און אָט האָבן טייוואָלים מיט שפּיציקע הערנער זיך געלאָזט מיט שפּיזן פון דער בינע אַרונטער. דער גרויסער געדיכטער אוילעם האָט געטראַמפּלט אַפן דיל — געטראַמפּלט, ווי ער וואָלט מיט די פיס אויסגעזונגען דעם צאַר פון פאַרשטיקטער פרייד. קערנער און אַנאַ זיינען אַריין אינמיטן, סילוויע און הערי האָבן זיך איבערגעקוקט. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אַף איר טאַליע און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיטן אוילעם. זיידעל האָט מיט זיין ווייבל ניט געטאַנצט. זיי האָבן באַטראַכט דעם גרויסן אוילעם, זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ באַגריסונג און ערשט שפּעטער אין אָוונט, ווען מען האָט געשפּילט אַ רוסישן וואַלס, האָבן זיי ביידע זיך אַוועקגעלאָזט איבערן דיל.

דערנאָך, ווען דער באָל איז אַריבער, זיינען זיי אַלע אַריין אין אַ וויין־קעלער. זיידעל און זיין ווייבל האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזלעך וויין, צוגעביסן און זיינען אַוועק אַהיים. געבליבן זיינען די פיר און אַ סאַך אַנדערע שניידער, וואָס האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט אַהער. נאָר די פיר זיינען געזעסן באַזונדער — געטרונקען און געגעסן. פון אַ ווינקל האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקלעכע שטים פון אַ פרוי. זי האָט זיך געריסן מיט איר שטים אַלץ העכער און העכער:

איך בין אַ י־ע־ע־סאָ־אָי־מעלע!
אַן אָפּגעהאַקט ביי־יי־יי־מעלע!

אַ ציטונגס־אינגל האָט זיך דורכגעשלייכט אין וויין־קעלער. קער־

נער האָט בא אים געקויפט א פּאָר ציַיטונגען. דאָס זינגען האָט אים געריטשעט אין די אויערן. ער האָט אַריַינגעקוקט אין אַ ציַיטונג און דערזען:

— ניו יאָרקער קאַר־קאָנדוקטאָרן און סאָבוועי־אַרבעטער גריַיטן זיך צום סטריַיק!

אַף אַן אַנדער אָרט האָט ער דערזען:

— די פירער פון די שניַידער זאָגן, זיי וועלן ניט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די שניַידער־פאַבריקאַנטן.

קערנער האָט אַ קוק געטאָן אַף הערי'ן, אים געוויזן די מעלדונג. אַף הערי'ן האָבן די ווערטער אין דער ציַיטונג אַזוי ווי קיין איַינדרוק ניט געלאָזט. ער האָט איצט געטראַכט וועגן עטוואָס אַנדערש. סילוויע האָט באַמערקט:

— נעכאַי וואָלט זי אויפהערן זינגען — גוואַלד, הערי, שטעל זי אָפּ!

דאָ האָט זיך אַנאַ אַריַינגעמישט:

— וויַיסט וואָס, סיל? עפּשער וואָלסטו גאָר געזונגען — ק'מאַן, ווהאַט דו יו סעי?

די צוויי באָכערים באַם טיש האָבן דאָס מאָל סילוויע'ן ניט דער־מוטיקט, וויַיל זיי זיַינען שוין ביַידע געווען פאַרוויקלט אין אַ געשפּרעך. אָנגעהויבן האָט הערי:

— ציַיט, קערנער, אויפהערן זיַין אַ פריַי־מאַיאָר!

קערנער האָט פאַרשטאַנען, אַז הערי וויל אים נעמען אין דער פּאַרטיי. אָבער ער האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געענטפערט, אַז ער איז ניט גרייט. איינמאָל האָט ער געזאָגט הערי'ן:

— איך באַוואונדער אייַך, איך באַוואונדער אייער פּאַרטיי, אָבער איך מוז זיַין אַ פריַי־מאַיאָר, ווי איר רופט עס.

איצט האָט ער אַזוי ניט גערעדט. אין די לעצטע כאָדאָשים האָט קערנער אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז זיַין אָרט איז ניט צווישן דזשאָס־לינ'ען, צווישן דזשאָסלינ'ס מענטשן, נאָר אין די אַרבעטער־רייען. און אויב יאָ זיַין אין די אַרבעטער־רייען, פאַרוואָס ניט אין די פאָדערשטע? געקומען איז ער צו אָט־דעם אויספיר, ווען הערי האָט אים געמאַכט אַ פאָרוואָרף:

— פאַרוואָס, קערנער, האַלט איר זיך גרויס מיט אונז?

דאָס האָט אים דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ. וואָס הייסט, ער האַלט זיך גרויס? ווייזט ער דען ניט מיט אַלע קויכעס, אַז ער איז דער סאַמע פּאַשעטסטער מענטש? ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, און הערי האָט אים אָנגעוויזן:

— אַ מענטש, וואָס האָט אין די לעצטע כאַדאָשים אַזוי פיל דורכגעמאַכט, איז געגאַנגען אויף אַ ברייטן וועג, האָט אַ סאַך דערלערנט, טאָר זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן דערזעט איר דאָך אייער פּלאַץ און אייער כויוו. איר זייט אַ מוטיקער מענטש און אַ פאַרשטענדיקער. רעכנט איר ווירקלעך, אַז די אַלע סטרייקס זיינען אַזוי גלאַט זיך — אָן אַ צוועק, אָן אַ ציל?

— אָ, ניין, — האָט קערנער געענטפערט. — איך רעכן גאָרניט אַזוי, הערי. איך רעכן בלויז, אַז איך בין ניט גרייט צו טראָגן די דיסציפּלין, וואָס איר טראָגט אויף זיך — איך בין נאָך ניט גרייט.

— אומזיסטע שרעק! גייט איר אין די פאָדערשטע רייען, טראָגט איר די דיסציפּלין מיט פרייד. ס'איז ניט קיין פרעמדע דיסציפּלין — ס'איז אַן אייגענע, ס'איז אַזוי ווי איר וואָלט געטראָגן אייער אייגן לעבן, וואָס איר האָט מוירעדיק ליב.

קערנער האָט ברייט צעעפנט די אויגן. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט הערי'ן ריידן אַזעלכע ווערטער — אַזעלכע פּראָסטע, עכטע און שאַרקע ווערטער. ער האָט שוין אַזוי שטאַרק ניט דערווידערט. נאָר פאַר אים איז שוין איצט געווען אינטערעסאַנט צו הערן הערי'ן ריידן און ער האָט געזאָגט:

— מעגלעך, אַז איר זייט גערעכט. נאָר איך זע נאָך אַלץ ניט — אָדער עפּשער בין איך ניט גרייט.

היינט איז געווען הערי'ס אָוונט. ער האָט געפילט אויף זיך די אַכראַיעס פון דער פּאַרטיי און האָט גערעדט און גערעדט — אָן איבערטרייבונג און אָן היץ. ער האָט געוויזן קערנער'ן, אַז אויף דזשאָס־לינ'ס „רעוואָלוציאָנערישקייט" קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן — יענער איז אַן אויבנאויפיקער. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די מענטשן,

וועלכע וואקסן זיך אריין אין דעם יוניאָן־אַפּאַראַט, פון וועלכן זיי וועלן זויגן און זויגן . . .

באַ די לעצטע ווערטער האָט קערנער דערזען עטוואָס, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פאַרשטאַנען. איצט האָט ער קלאָר געזען, ווי דער מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס, מיט די הענט וואָס קאָנען ברעכן שטאַבעס אייזערנע, קומט יעדן פאַרנאַכט אַרויף אונטערפירן דזשאָסלינ׳ען. אים איז געפעלן געוואָרן הערי׳ס שאַרף אויג. ער האָט אים אַלעמאָל באַוואונדערט. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז ער איז אַ פּראָסטער באָכער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש קאָן האָבן נאַטירלעכע פיאַיקייטן — אַן אַקטיוון קאָפּ און אַ שאַרף אויג און זאָל דערצו, צואַרבעטנדיק אַף ביכער, לייענען אַ סאַך, קאָנען אַוועקגיין אין די סאַמע פאָדערשטע רייען פון די אַרבעטער־קאַמפּן. אויב ער האָט אַמאָל באַוואונדערט הערי׳ן, האָט ער אים איצט אָנגעהויבן באַטראַכטן מיט רעספּעקט. אין דעם רעספּעקט איז געווען אַ ווארעמקייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף סילוויע׳ן און געזאָגט:

— הערי — אָט זי וואָלט געדאַרפט גיין אין דער פּאַרטיי!

— איך האָף, אַז זי וועט גיין. אָבער איצט איז די רייד וועגן אייך.

קערנער האָט זיך מער ניט געשפּאַרט. אים איז געוואָרן גוט אַפן האַרצן. ער האָט אַרויסגעלייגט אַ האַנט אַף אַנאַ׳ס אַקסל, און מיט דער צווייטער אָנגעגאָסן ווייַן אין די גלעזער:

— לאָמיר אויסטרינקען פאַר אייך, הערי, פאַר סילוויע׳ן, פאַר אַנאַ׳ן און פאַר אונז אַלע.

זיי האָבן אויסגעטרונקען זייערע גלעזער. זיך אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז דער ווייַן־קעלער איז שוין ליידיק. אַפילו די זינגערין און די באַדינער און דער קעלנער זייַנען שוין געווען אַוועק. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעזעגנט און זייַנען אַרויס אין גאַס. זיי האָבן נאָך לאַנג שפּאַצירט. ביז זיי זייַנען צוגעקומען צו אַנאַ׳ס הויז, איז שוין דער הימל אין אַ ווינקל, ווייט אַפן האָריזאָנט, עטוואָס ליכטיק געוואָרן. מיטאַמאָל איז קערנער׳ן געוואָרן אַזוי גוט אַפן האַרצן — ער האָט צעשפּרייט ביידע הענט און אָנגעהויבן זינגען:

—גייט-אויף די זון, קומט אָן אַ טאָג,
אַ שניידער-לעבן מיין;
פאַרגייט די זון, פאַרגייט אַ טאָג,
און איך זינג פון מיין פיין.

די אנדערע דריי האָבן אונטערגעכאַפּט:

איך ניי און זינג אָן אַלט געזאַנג,
אַ שניידערישן ליד;
אין הערצן נאָגט, אין האַרץ איז באַנג,
פון שניידערישן ליד . . .

אַ פענצטער אין אַ הויז האָט זיך אַ צי געטאָן אַרויף און וואַסער האָט אַ פליוך געטאָן. זיי זיינען אַריינגעלאָפן אין קאָרידאָר. פון אַ פענצטער אַרום האָט מען געשריען:

— באַמס, וואָס גייט איר ניט שלאָפן?!

זיי האָבן געלאַכט. אַנאַ איז אַרויף אַהיים. הערי איז אַוועק מיט סילוויע'ן, און קערנער איז אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט גענומען אַראָפּציען פון זיך די קליידער. ער איז איצט געווען אינגאַנצן וואַך. דורכן פענצטער האָט זיך שוין געזען אַ פּאַס ליכטיק הימל אָפן האָריזאָנט. אים איז מיטאָמאָל אויפגעשוואומען דער געשפּרעך מיט הערי'ן — ער האָט זיך פאַרטראַכט און פּאַמעלעך געצויגן די קליידער פון זיך. ער האָט זיך געלייגט אין בעט — אין פענצטער האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן. ערגעץ אין הערצן האָט בײַ אים אָנגעהויבן זינגען: ס'איז אים געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט. אין קאָפּ זיינען אים געלאָפן שורעס און אַ ניגון: — די זון גייט-אויף, די זון פאַרגייט . . . וואָס-זשע טוט מיר אַזוי באַנג . . . דאָס לעבן מיינס, — איז אים געשוואומען אין קאָפּ, — וואָס גאַרט נאָך פרייד . . . נאָך ליבע און געזאַנג . . . איך ניי און ניי . . .

די ווערטער זיינען אים געבליבן הענגען אָף די ליפּן. די אויגנדעקלעך האָבן זיך אים געקלעפּט. ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ שמייכל אָף די ליפּן . . .

וויליאם
אייבראמס

איך ניי און ניי

איך ניי און ניי דורך טעג, דורך יאָרן,
אָ, שניידער-לעבן מיין;
איך ניי און טרוים פון גוטע יאָרן,
אָן ליידן און אָן פּיין.

פאַרגייט די זון, פאַרגייט אַ טאָג,
אָ, שניידער-לעבן מיין;
גייט-אויף די זון, קומט-אויף אַ טאָג,
און איך זינג פון מיין פּיין.

איך ניי און זינג אַן אַלט געזאַנג, —
אַ שניידערישן ליד;
אין האַרצן נאָגט, אין האַרץ איז באַנג
פון שניידערישן ליד.

די זון גייט-אויף, די זון פאַרגייט:
וואָס-זשע איז מיר אַזוי באַנג?
— ס'לעבן מיינס, וואָס גאַרט נאָך פרייד,
נאָך ליבע און געזאַנג.

איך ניי און ניי דורך טעג, דורך יאָרן,
אָ, שניידער-לעבן מיין;
איך ניי און טרוים פון גוטע יאָרן,
אָן ליידן און אָן פּיין.

ICH NEI UN NEI

W. Abrams

Moe Roxin




oif di zun, kumt oif a tog un ich zi --- ng fun main pain
Ich
nei un zing an alt ge- zang, a---- schnai-der -- i - shn lid; In
har - tsn nogt in harts iz bang-------- fun-- schnai-der --- i -- shn lid di
zun geit oif, di zun far - geit, vos zhe tut mir a - zoi bang? s'



Men ken zingen fun "" biz "*" an aktave hecher.

לידער אין דעם בוך

„די גרינע קוזינע" — געהערט צו יאנקעוו לייזעראָוויץ.

„דער רעבע עלימעלעך" — געהערט צו מוישע נאַדיר.

פאָלגנדיקע לידער זיינען אָריגענעלע:

אין 1טן קאַפּיטל: „טעג מיינע טעג".

אין 2טן קאַפּיטל: (א) דאָס ליד פון בערל זוב.

(ב) „איך און דו—מירביידע זוכן גליק".

אין 3טן קאַפּיטל: „איך ניי און ניי".

אין 6טן קאַפּיטל: „ביסט געפאַלן ווי אַ העלד".

די אנדערע זיינען פאָלקס-לידער.

●

מוזיק: מאָו ראַקסין